# The Destruction of the Jews in the Šiauliai Ghetto and Surrounding Towns

**By Eliezer Yerushalmi**

**Translated by Andrew Cassel**

# אומקום פֿון ייִדן אין שאַוולער געטאָ און אין אַרומיקע שטעטלעך

**א. ירושלמי**

**איבערזעצונג פֿון א. קאַסעל**

Originally published in the anthology *Lita* [Lithuania], vol. I, pp. 1767-1832. Edited by Mendel Sudarsky, Uriah Katzenelenbogen, Yankel Kisin. New York: *Kultur-gezelshaft fun litvishn yidn* [Culture Socieity of Lithuanian Jews]. 1951.

## Introduction



Eliezer Yerushalmi was born in Gorodishche (Horodyszcze), Belorussia, in 1900.

After studies at Kaunas University, he became a teacher in Šiauliai, as well as an active member of Zionist organizations. He began keeping a diary when the Germans invaded Lithuania in June 1941 and continued when Jews were transferred to the ghetto in September of that year. In November 1941 he was invited by the Jewish council in charge of the ghetto to record its activities. For 2½ years he did so, while also keeping his diary and collecting testimonies of those caught up in the Holocaust.

He fled the ghetto just before it was liquidated in July 1944, and his papers were later handed over to the returning Red Army by members of the communist underground in Šiauliai. The Soviet Jewish Antifascist Committee published excerpts, but since Yerushalmi's views did not fully align with those of the communists, the bulk of the archive was kept from researchers and from public view after the war.

Yerushalmi eventually made his way to Italy, and while he was there awaiting emigration to Israel, he wrote from memory a summary of his diary. That summary, written in Yiddish, is the basis for this article, which was included in the 1951 anthology "Lita." Later, Yerushalmi was able to obtain a copy of his original diary, and a Hebrew translation of that, titled "Pinkas Shavli" was published in Israel in 1958.

Arriving in Israel in 1949, Yerushalmi settled in Haifa, where he established a high school and a teachers seminary. He died in January, 1963, leaving his papers to the Holocaust memorial center at Yad Vashem.

(Source: EHRI Portal, https://portal.ehri-project.eu/units/il-002798-p_4)

## The first massacres

In the days before the war broke out, we noticed suspicious activity among the Lithuanians. Those with fascist backgrounds all disappeared. The Lithuanian mob in the factories and in other enterprises would mutter among themselves. From time to time, a careless Lithuanian would let slip a remark: “Our day is coming soon, and then we’ll show you!”

We Jews regarded all of this with fear and concern: We would ask the commanders of the Russian army, what is going to happen? And the Russians would tell us not to worry.

On Sunday, June 22, 1941, all the Soviet state institutions were still open and functioning. On Monday morning, the nationalist Lithuanian radio announced that in Kaunas a Lithuanian national government had been established. All Soviet state and party institutions began evacuating. Rail and auto transport filled up; only party members and key officials were able to find seats.

Most of the civilian population — predominantly Jews — fled toward the border on foot.

By Tuesday, June 24, 1941, all state institutions had been evacuated. In Šiauliai only the city headquarters remained.

On Thursday the 26th, Lithuanian partisans appeared in Šiauliai city. That afternoon, advance platoons of the German army arrived. In the city there were murders on the street.

Along with the German army, the city grew full of Lithuanian partisans, fitted out with white armbands and weapons.

Then the Lithuanians began their bloody work. All day Friday they grabbed Jews and forced them to bury dead people and horses lying in and near the city, and to clean buildings for the

## די ערשטע שחיטות

שוין אַ געוויסע צײַט פֿאַר דער מלחמה האָבן מיר באַמערקט חשודיקע דערשיינונגען צווישן די ליטווינער : אַלע ליטווינער מיט א פֿאַשיסטישער פֿאַרגאַנגענהייט זײַנען פֿאַרשוווּנדן. דער ליטווישער המון אין די פֿאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען פֿלעגט זיך שושקען ; פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט אַן אומפֿאָרזיכטיקער ליטווינער לאָזן פֿאַלן אַ באַמערקונג : באַלד וועט קומען אונדזער טאָג און מיר וועלן אײַך ווײַזן !

מיר, ייִדן, האָבן אויף דעם אַלץ געקוקט מיט מורא און זאָרג : מיר פֿלעגן פֿרעגן די קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי : וואָס וועט זײַן ? און די רוסן פֿלעגן אונדז כּסדר באַרויִקן.

זונטיק, דעם 22טן יוני 1941, זײַנען נאָך אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן געווען טעטיק. מאָנטיק פֿרי, ווען דער נאַציאָנאַליסטישער ליטווישער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז אין קאָוונע איז געגרינדעט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע ליטווישע רעגירונג, האָבן זיך אַלע מלוכהשע און פּאַרטייִשע אַנשטאַלטן גענומען עוואַקויִרען. די באַנען און אויטאָס זײַנען געווען פֿאַרנומען, נאָר אַ פּאַרטייִשער אָדער פֿאַראַנטוואָרטלעכער באַאַמטער האָט געקענט קריגן דאָרט אַן אָרט.

די גרעסטע טייל פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג — אין איבערוועגנדיקער מערהייט ייִדן — זײַנען געלאָפֿן צום גרענעץ צופֿוס.

דינסטיק, דעם 24טן יוני 1941, זײַנען שוין אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן געווען עוואַקויִרט. אין שאַוול איז געבליבן בלויז אַ שטאָט־קאָמענדאַנטור.

דאָנערשטיק, דעם 26טן, האָבן זיך שוין די ליטווישע פּאַרטיזאַנער באַוויזן אין שטאָט שאַוול. דאָנערשטיק נאָך מיטאָג זײַנען אַרײַן די ערשטע פֿאָרפּאָסטנס פֿון דער דײַטשישער אַרמיי. אין שטאָט זײַנען פֿאָרגעקומען גאַסן־שלאַכטן.

צוזאַמען מיט דער דײַטשישער אַרמיי איז אין שטאָט שאַוול פֿול געוואָרן מיט ליטווישע פּאַרטיזאַנער — אויסגעפּוצטע מיט ווײַסע בענדער און געווער.

דאַן האָבן די ליטווינער אָנגעהויבן זייער בלוטיקע אַרבעט. גלײַך פֿרײַטיק האָבן זיי געכאַפּט די ייִדן און זיי געצוווּנגען צו באַגראָבן די טויטע מענטשן און פֿערד, וואָס זײַנען געלעגן אין שטאָט און אומגעגנט, און

German military.

אָפּרייניקן די געבײַדעס פֿאַרן דײַטשישן מיליטער.

Avraham Katz, 20 years old, from Memel, told me that he, together with old rabbi Nokhumovsky, cleaned a toilet with their hands, and that the Lithuanians had poured water on their heads, particularly on the rabbi when he half-fainted.

אבֿרהם קאַץ, 20 יאָר אַלט, פֿון מעמל, האָט מיר דערציילט, אַז ער צוזאַמען מיטן אַלטן רבֿ נחומאָווסקי האָבן געראַמט אַ קלאָזעט מיט די הענט און די ליטווינער האָבן אויף זיי, באַזונדערס אויפֿן רבֿ, וואָס איז געווען האלב־געחלשט, געגאָסן וואַסער אויפֿן קאָפּ.

On Saturday night, June 28, the arrests began. Armed Lithuanians went door to door, robbing the houses and taking away the men, ostensibly for work, but actually throwing them into the city prison. Among the first arrested were 75-year old Šiauliai Rabbi Aryeh Baksht, rabbis Nokhumovsky and Rabinovitch, the teacher Mordechai Rudnik, the former director of the Hebrew gymnasium Josef Rudnik, Leybl Kheytin, M. Shub, the lawyers Azrael Abramovich and Hirsh Rakhmiel, Dr. Getz and many others. The lawyers were “looked after” by the Lithuanian lawyer Šerkšnis, who turned in his Jewish colleagues and later took part in all kinds of persecutions. Those arrested were all thrown into the large prison, where they were packed in like herrings in a barrel. They were fed once a day — a biscuit and a soup made with rotten cabbage. The Lithuanians worked with German Gestapo men. The head of the prison, Kraulich (and later Krauze, who later became commandant of the Salaspils camp near Riga, and after a time was promoted to assistant to the Auschwitz commandant) spent his days dreaming up new tortures for the Jews. One of their little games involved bringing the rabbis out to the prison courtyard and forcing them to pull out each other’s beards. The lawyers Abramovich and Rakhmiel were beaten frightfully in the first days. They gave the imprisoned Jews no rest, with no end of work, beatings and mortal fear.

שבת בײַנאַכט, דעם 28טן יוני, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן : באַוואָפֿנטע ליטווינער זײַנען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, האָבן אויסגערויבט די הייזער און אַוועקגעשלעפּט די מענער כּלומרשט צו דער אַרבעט, פֿאַקטיש אין דער שטאָטישער תּפֿיסה אַרײַן. צווישן די ערשטע אַרעסטירטע זײַנען געווען דער 75 יאָריקער שאַוולער רבֿ ר׳ אריה באַקשט, הרבֿ נחומאָווסקי און הרבֿ ראַבינאָוויטש, די לערער מרדכי רודניק, געוועזענער דירעקטאָר פֿון דער העברעיִשער גימנאַזיע, יוסף רודניק, לייבל חײַטין, מ. שוב, די אַדוואָקאַטן עזריאל אַבראַמאָוויטש, הירש ראַכמיל, דר. געץ און נאָך פֿיל אַנדערע. וועגן די אַדוואָקאַטן האָט „געזאָרגט“ דער ליטווישער אַדוואָקאַט שערקשניס, וועלכער האָט זײַנע ייִדישע קאָלעגן אַרויסגעגעבן און האָט שפּעטער בכלל אָנגעטאָן ייִדן כּלערליי נגישות. די אַלע אַרעסטירטע זײַנען צוזאַמענגעשפּאַרט געוואָרן אין דער גרויסער תּפֿיסה, ווו מען איז געלעגן צוזאַמענגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פֿאַס. עסן האָט מען געגעבן איינמאָל אַ טאָג — איין סוכאַר מיט א זופּ פֿון פֿאַרפֿוילטן קרויט. די ליטווינער פֿלעגן געמיינזאַם מיט די דײַטשישע געשטאַפּאָ־לײַט, מיטן ראש פֿון תּפֿיסה קראַוליך (שפּעטער — קראַוזע, וואָס איז דערנאָך געוואָרן קאָמענדאַנט פֿון סאַלאַספּילסער לאַגער, לעבן ריגע, און אין אַ שטיקל צײַט אַרום דערהויבן געוואָרן פֿאַר א געהילף פֿון אוישוויץ־קאָמענדאַנט) צוטראַכטן אַלע טאָג נײַע עינויים פֿאַר די ייִדן. אַ שפּילכל איז בײַ זיי געווען אַרויסצופֿירן די רבנים אין הויף פֿון דער תּפֿיסה און צווינגען זיי אויסצוצופּן איינער בײַם אַנדערן די באָרד. די אַדוואָקאַטן אַבראַמאָוויטש און ראַכמיל האָבן זיי אין די ערשטע טעג מוראדיק צעשלאָגן. די אַלע פֿאַרשפּאַרטע ייִדן האָט מען ניט געגעבן קיין רו — אַרבעט, קלעפּ און טויט־שרעק האָבן ניט אויסגעפֿעלט.

Eventually the Lithuanians began to take the prisoners out in groups, ostensibly for work, but actually to be shot. The executions were carried out in the Kužiai forest, 17 kilometers

סוף כּל סוף האָבן די ליטווינער גענומען אַרויספֿירן די אַרעסטירטע אין גרעסערע פּאַרטיעס, כּלומרשט אויף אַרבעט, אין דער אמתן צום שיסן. די עקזעקוציעס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אין קוזשיער וועלדל, 17

from Šiauliai. The murderers took clothes and valuables for themselves, leaving documents and other things scattered among the pits for over a year. Peasants from nearby recounted various horror stories about the executions.

In this way, approximately 1,000 Šiauliai men, or two-thirds of the adult Jewish male population, were massacred. Two weeks after the first arrests, on July 11, scores of Lithuanian partisans, in groups of 3 or 4, went through Jewish houses, making “inspections” and seizing valuables: gold, silver, new clothes, shoes and other valuables. They also took away men, supposedly for a routine check, to an office in the partisan headquarters. In all about 120 were taken.

I was among them. They held me in my house for four hours, filled two suitcases with items and ordered me to carry them. On the way we met Avigdor Sheskin, the factory electrical technician. The partisans arrested him. He tried to show them a protection certificate from the German commandant, but the partisans didn’t want to hear it, “You’re a Jew, so you come with us!” they said, and took him along.

We were taken to the police station on Darius and Gireno Street, where the fascist partisans had their nest. The square had already been fenced around with a cordon of German police. My wife approached a policeman and pleaded for me. The gendarme answered, “Don’t fear, in any case your husband will come back soon.” And so it happened: When we entered the police station, we witnessed an unexpected scene. The German police commandant went to the leader of the Lithuanian partisans, slapped him, took his weapon and ordered the guards to arrest him. Then he turned to the ones accompanying me and asked them, gesturing to me: “Who is this man?” When the Lithuanians tried to stammer out something in an unintelligible German, he ordered me to translate what they were saying for him. As I was doing this, he took the

קילאָמעטער פֿון שאַוול. זייערע קליידער און ווערטזאַכן האָבן די מערדער צוגענומען פֿאַר זיך און די איבעריקע זאַכן און דאָקומענטן האָבן זיך נאָך יאָרנלאַנג געוואַלגערט אַרום די גריבער. די פּויערים אַרום די גריבער האָבן דערציילט פֿאַרשיידענע גרוילטאַטן פֿון די עקעקוציעס.

אויף אַזאַ מין אופֿן זײַנען אומגעקומען צוויי דריטל פֿון דער ייִדישער דערוואַקסענער מענלעכער באַפֿעלקערונג פֿון שאַוול, אומגעפֿער טויזנט מאַן. צוויי וואָכן נאָך די ערשטע אַרעסטן, דעם 11טן יולי, האָבן זיך אַ פּאָר צענדליק גרופּעס פֿון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער צו 3־4 אין אַ גרופּע אַ לאָז געטאָן איבער די ייִדישע הייזער, געמאַכט „רעוויזיעס“ און צוגענומען די ווערטפֿולע זאַכן : גאָלד, זילבער, נײַע קליידער, שיך און סתּם פֿײַנע חפֿצים און מיטגענומען די מענער מיט זיך, כּלומרשט אויף אַ קאָנטראָל אין פּאַרטיזאַנער שטאַב. בסך־הכּל האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַן ערך 120 מענער.

צווישן זיי בין איך אויך געווען. בײַ מיר זײַנען זיי אָפּגעזעסן פֿיר שעה, צוזאַמענגענומען צוויי טשעמאָדאַנען מיט זאַכן און געהייסן מיר עס שלעפּן. אויפֿן וועג האָבן מיר געטראָפֿן אבֿיגדור שעסקינען, דעם עלעקטראָטעכניקער פֿון פֿאַבריק. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים פֿאַרהאַלטן. ער האָט געפּרוּווט באַווײַזן זײַן שוץ־שײַן פֿון דײַטשישן קאָמענדאַנט, די פּאַרטיזאַנער אָבער האָבן ניט געוואָלט הערן — דו ביזט אַ ייִד ,טאָ קום מיט אונדז ! — האָבן זיי געזאָגט און האָבן אים מיטגעשלעפּט.

מיר זײַנען אַוועק צו דער פּאָליציי־געבײַדע אויף דאַריוס און גירענאָ גאַס, וווּ עס איז געווען די נעסט פֿון די פֿאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער. דער פּלאַץ אַרום איז שוין געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ קאָרדאָן פֿון דײַטשישער זשאַנדאַרמעריע. מײַן פֿרוי האָט זיך געווענדט צו אַ זשאַנדאַרם און האָט געבעטן פֿאַר מיר. האָט ער, דער זשאַנדאַרם, געענטפֿערט — האָב קיין מורא ניט, סײַ־ווי־סײַ קומט דײַן מאַן באַלד צוריק. — און כּך־הווה : ווען מיר זײַנען אַרײַן אין פּאָליציי־געבײַדע, זײַנען מיר געווען עדות פֿון אַן אומדערוואַרטער סצענע : דער דײַטשישער קאָמענדאַנט פֿון דער זשאַנדאַרמעריע איז צוגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט פֿון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער, האָט אים צעפּאַטשט, צוגענומען פֿון אים זײַן געווער און געהייסן די זשאַנדאַרמען אים אַרעסטירן. דאַן איז ער צו צו מײַנע באַגלייטער און געפֿרעגט זיי : ווער איז דער מאַן ? — אָנווײַזנדיק אויף מיר. די ליטווינער האָבן געפּרוּווט „אויסמעקען“ עפּעס אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן דײַטש, האָט ער מיך געהייסן פֿאַרטײַטשן פֿאַר אים וואָס זיי ריידן. אַז איך האָב עס געטאָן, האָט ער צוגענומען דאָס געווער פֿון די ליטווינער, זיי צעפֿראַסקעט און געהייסן גיין צוריק. אַזוי

weapons from the Lithuanians, slapped them and told them to get out. The other 120 arrestees were freed as well.

זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן די אַלע 120 אַרעסטירטע.

Why did this happen? The Germans grew alarmed at the Lithuanian thievery. They considered the Jews' property their own, and punished Lithuanians who took Jewish goods for themselves. The German commandant warned many times that plunder would be punished with death sentences. This was no help, however, because the fascist Lithuanian "patriotism" was mostly driven by a lust for robbery.

פֿאַרוואָס איז דאָס געשען ? די דײַטשן זײַנען געווען געוואַלדיק אויפֿגעבראַכט פֿון די ליטווישע רויבערײַען. זיי האָבן באַטראַכט דאָס ייִדישע האָב און גוטס פֿאַר זייער אייגנטום, און זיי האָבן באשטאַרפֿט די ליטווינער, וועלכע פֿלעגן דאָס אויסגערויבטע ייִדישע אייגנטום צונעמען פֿאַר זיך. דער דײַטשישער קאָמענדאַנט האָט אַ סך מאָל געוואָרנט, אַז פֿאַרן פלינדערן וועט מען באַשטאָרפֿט ווערן מיט טויט־שטראָף. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן, ווײַל דער פֿאַשיסטישער ליטווישער „פֿאַטריאָטיזם" איז אין גרעסטער טייל געווען צוליב רויב־לוסט.

The first arrests were carried out with the assistance, or at least the knowledge, of the Germans. Later arrests were done on the Lithuanians' own initiative.

די ערשטע אַרעסטן זײַנען פֿאָרגעקומען מיט דער מיטהילף, אָדער, ווייניקסטנס, מיטן וויסן פֿון די דײַטשן. די לעצטע אַרעסטן זײַנען געווען שוין אויף דער אייגענער איניציאַטיוו פֿון די ליטווינער.

## The leather factory

## די לעדער־פֿאַבריקן

The leather factory played a crucial role in Jews' survival in Šiauliai throughout the occupation.

די לעדער־פֿאַבריקן האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער לעבן־אויפֿהאַלטונג און עקזיסטענץ פֿון די ייִדן אין שאַוול אין גאַנצן משך פֿון דער אָקופּאַציע.

Frenkel's factories — one for leather (mainly soles for shoes) and the second, a shoe factory — supplied not just Lithuania, but the entire Baltic region and Soviet Russia. The factory's top managers, department heads and approximately half the workforce were Jews. Even the Soviet power did not make major personnel changes, only reserving top positions for the party faithful. All the departments continued to be run by relatives or close associates of Frenkel, the prior owner.

פֿרענקלס פֿאַבריקן — איינע פֿון לעדער (דער עיקר פּאָדעשווע) און די צווייטע אַ שוך־פֿאַבריק — האָבן פּראָדוצירט ניט בלויז פֿאַר ליטע, נײַערט פֿאַרן גאַנצן באַלטיקום און פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד. די גאַנצע אָנפֿירונג פֿון דער פּאַבריק און זייערע אָפּטיילונגען און אַן ערך אַ העלפֿט פֿון דער אַרבעטעשאַפֿט זײַנען באַשטאַנען פֿון ייִדן. אפֿילו די ראַטנמאַכט האָט אין דער לייטונג ניט געמאַכט קיין גרויסע ענדערונגען. נאָר די הויפּט־דירעקטאָרן האָט זי באַשטימט פֿון פּאַרטיי־פֿאַרטרויטע. אַלע אָפּטיילן זײַנען געבליבן אָנגעפֿירט פֿון קרובים אָדער פֿאַרטרויטע מענטשן פֿון פֿרענקעלן, דעם פֿריערדיקן אייגנטימער.

But when the Germans arrived, the Lithuanians wanted to replace the entire management of the factories and all the Jewish workers with Lithuanians.

מיטן אָנקום פֿון די דײַטשן האָבן די ליטווינער געוואָלט איבערנעמען די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג אין די פֿאַבריקן און אַלע ייִדישע אַרבעטער פֿאַרבײַטן מיט ליטווישע.

On Monday, June 30, when the Jewish workers and employees came to work, the Lithuanians forced them to clean the toilets and cesspools, jeering and ridiculing them. Afterward they drove all the Jewish employees out of the

מאָנטיק, דעם 30טן יוני, ווען די ייִדישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זײַנען געקומען צו דער אַרבעט, האָבן זיי די ליטווישע אַרבעטער אַוועקגעשטעלט רייניקן די קלאָזעטן און די שמוץ־גריבער און האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער זיי אויף אַלערליי אופֿנים. נאָכדעם האָבן זיי אַלע ייִדישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע

factory. Playing major roles in the anti-Jewish persecution during the German period were the Lithuanian director, Šalkauskas, the overseer of the courtyard workers, Bančkus (he later became a Gestapo agent) and many others. Another active helper of the Gestapo was the Lithuanian German, Lump, who had been very active with the election board for the highest Soviet council, and in the work of the MOPR[1].

אַרויסגעטריבן פֿון פֿאַבריק. אַ באַזונדערס אַקטיוון אָנטייל אין די רדיפֿות אויף די ייִדן האָבן גענומען דער ליטווישער דירעקטאָר אין דער צײַט פֿון די דײַטשן, שאַלקאַוסקאַס, דער אויפֿזעער איבער די אַרבעטער פֿון הויף באַנטשקוס (ער איז שפּעטער געוואָרן אַ געשטאַפּאָ־אַגענט) און נאָך פֿיל אַנדערע. אַלס זייער אַקטיווע מיטהעלפֿערין פֿון דער געשטאַפּאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די ליטווישע דײַטשקע לומפּ, וועלכע איז בײַ די סאָוועטן געווען זייער אַקטיוו אין דער וואַלקאָמפּאַניע צום העכסטן ראַט און אין דער אַרבעט פֿון מאָפּר[2].

Later, working for the Germans, this same Lump engaged in all sorts of cruelty against the Jewish employees. Among those she turned over to the Gestapo was the Jewish employee Aser, who was killed. The Germans however soon realized that they could not run the factory with only Lithuanians, and they forced them to recall the experienced Jewish employees. First they re-installed the former director of the factory, Eliyahu Mordel, the former factory manager Max Lipshitz, the chief engineer Patruch, the chief chemical engineer Kron, the electrician Avigdor Sheskin, the facility manager Mulie Katz, and others. All of them, especially Mulie Katz, brought back other factory employees with them, releasing 110 people from prison. Some were freed in exchange for gold that they gave the Lithuanian factory director Šalkauskas.

שפּעטער, אַרבעטנדיק פֿאַר די דײַטשן, האָט די זעלביקע לומפּ אָנגעטאָן די ייִדישע אָנגעשטעלטע פֿון דער פֿאַבריק כּלערליי רשיעות. זי האָט צווישן אַנדערע אַרויסגעגעבן צו דער געשטאַפּאָ די ייִדישע אָנגעשטעלטע אַסער און יענע איז אומגעקומען. די דײַטשן האָבן אָבער גלײַך אײַנגעזען, אַז זיי קענען מיט די ליטווינער אַליין ניט אַרבעטן אין די פֿאַבריקן און זיי זײַנען געווען געצוווּנגען צוריקצורופֿן די ייִדישע דערפֿאַרענע אָנגעשטעלטע. צוערשט האָבן זיי צוריק אָנגעשטעלט דעם געוועזענעם דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק אליהו מאָרדעל, דעם געוועזענעם פֿאַבריקלייטער מאַקס ליפּשיץ, דעם הויפּטמײַסטער אינזשיניר פּאַטרוך, דעם הויפּטכעמיקער אינזש. קראָן, דעם עלעקטראָטעכניקער אבֿיגדור שעסקין, דעם לאַגער־לייטער מוליע קאַץ א. א. די אַלע, באַזונדערס מוליע קאַץ, האָבן געצויגן נאָך זיך אַנדערע אָנגעשטעלטע פֿון פֿאַבריק און אַרויסגענומען בײַ הונדערט צען מענטשן פֿון תּפֿיסה. עטלעכע האָבן זיך באַפֿרײַט דורך גאָלד וואָס זיי האָבן געגעבן דעם ליטווישן פֿאַבריק־דירעקטאָר שאַלקאַוסקאַס.

The tannery workshop that was headed by Davidov remained entirely Jewish during the entire occupation, from the top directors to the lowest worker. This factory department later played an especially important role as a link to the outside world.

די ווערקשטוב פֿון דער גאַרבעריי, בראש פֿון וועלכער עס איז געשטאַנען דאַווידאָוו, איז געבליבן די גאַנצע צײַט פֿון דער אָקופּאַציע ייִדיש — אָנהויבנדיק פֿון דער דירעקציע און ענדיקנדיק מיטן לעצטן אַרבעטער. די דאָזיקע פֿאַבריק־אָפּטיילונג האָט שפּעטער געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל אַלס פֿאַרבינדונג־אָרט מיט דער אויסנוועלט.

The Jewish “conquest” of the factory made the Lithuanians wild with resentment, and making it even worse was the fact that throughout Lithuania, they, the Lithuanians, had become the unchecked masters over the Jews: The men had been liquidated, the women and children

די ייִדישע „דעראָבערונגען“ אין פֿאַבריק האָבן די ליטווינער געמאַכט ווילד פֿון פֿאַרדראָס, און ווירקלעך איז געווען איבער וואָס צו ערגערן זיך : אין גאַנץ ליטע זײַנען זיי, די ליטווינער, געווען די אומבאַגרענעצטע בעלי־בתּים איבער די ייִדן : אומעטום זײַנען די מענער געווען שוין ליקווידירט, די פֿרויען און קינדער זײַנען געווען פֿאַרשפּאַרט אין די לאַגערן און זייער האָב און

1 Also called “Red Aid,” the international aid organization for revolutionary fighters and those imprisoned for being communists.

2 אינטערנאַציאָנאַלע הילף־אָרגאַניזאַציע פֿאַר רעוואָלוציאָנערע קעמפֿער, אָנגעפֿירט פֿון קאָמוניסטן.

were packed into camps, and their possessions had been stolen by the Lithuanian “patriots.” Even in Kaunas, the majority of the Jewish population had been exterminated, while here in Šiauliai they had to look on as the Jews returned to the factory and took important positions.

גוטס איז שוין געווען אויסגערויבט פֿון די ליטווישע „פּאַטריאָטן“, אַפֿילו אין קאָוונע איז די גרעסטע טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געווען אויסגעקוילעט, און דאָ אין שאַוול האָבן זיי געמוזט צוזען ווי די ייִדן קערן זיך צוריק אין פֿאַבריק און פֿאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס.

The Lithuanian pogrom tabloid “*Tėvynė,*”[3] which was edited by the former teacher of Lithuanian in the trade schools, Pauža, began a wild provocation against the Jews. All the libels, including blood libels,[4] from all the pogrom newspapers were repeated in turn. After July 10, the paper began demanding that Jews be “cleaned out” of Šiauliai.

דאָס ליטווישע פּאָגראָם־בלעטל „טעווינע“, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פֿון דעם געוועזענעם ליטוויש־לערער פֿון די פֿאַכשולן פּאַוזשאַ, האָט געעפֿנט אַ ווילדע העצע קעגן די ייִדן. אַלע בילבולים, בלוט־בילבול אַרייַנגערעכנט, פֿון אַלע פּאָגראָם־צייַטונגען זייַנען אין בלעטל כּסדר איבערגעחזרט געוואָרן. פֿון דעם 10טן יולי האָט דאָס בלעטל אָנגעהויבן פֿאָדערן „אָפּצורייניקן“ שאַוול פֿון די ייִדן.

Until July 10, the mayor’s office was run by Naujalis,[5] the former director of the dairy association. On July 10, the former mayor, the lawyer Linkevičius,[6] was appointed. A few years earlier, Linkevičius had been chosen by the left, with the help of the Jewish Soviets, as mayor of Šiauliai. Jews had viewed him as an upstanding person. But as soon as the Germans began their occupation, he got involved with Kubiliūnas’[7] band in Kaunas and took part in the first pogroms against the Jews there.

ביז דעם 10טן יולי האָט דעם בירגער־מייַסטער־אַמט פֿאַרנומען נואַיאַליס, דער געוו. דירעקטאָר פֿון „פּיענאָצענטראַס“. דעם 10טן יולי איז באַשטימט געוואָרן דער פֿריערדיקער בירגער־מייַסטער אַדוואָקאַט לינקעוויטשיוס. אדוו. לינקעוויטשיוס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויסגעקליבן געוואָרן פֿון די לינקע און מיט דער הילף פֿון די ייִדישע ראַטמענער פֿאַרן בירגער־מייַסטער פֿון שאַוול. ייִדן האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשן.  אָבער גלייַך מיט דער דייַטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין קאָוונע אָן קוביליונאַסעס באַנדע און האָט אָנטייל גענומען אין די ערשטע פּאָגראָמען אויף ייִדן אין קאָוונע.

He was the first to introduce the yellow badges, and designated separate grocery stores for Jews. On the same day, Lithuanians began pushing Jews off the sidewalks, making them walk in the middle of the street. Later this became official policy, issued by the mayor. He appointed Captain Stankus[8] as deputy for Jewish affairs and ordered that all Jews living in Šiauliai had to register. In the registration lists, certain symbols appeared next to each name; it was only later that we discovered their fatal meaning.

ער האָט דער ערשטער אייַנגעפֿירט די געלע לאַטעס פֿאַר ייִדן און באַשטימט פֿאַר ייִדן באַזונדערע שפּייַז־קראָמען. אין דעם זעלביקן טאָג האָבן ליטווינער אָנגעהויבן שטופּן ייִדן פֿון די טראָטואַרן צו גיין אויפֿן מיטן גאַס. שפּעטער איז אויך די דאָזיקע גזירה אָפֿיציעל דערשינען אין די מודעות פֿון בירגער־מייַסטער. ער האָט באַשטימט דעם קאַפּיטאַן סטאַנקוסן פֿאַרן באַפֿולמעכטיקן פֿאַר ייִדישע ענינים און פֿאַראָרדנט, אַז אַלע ייִדן וואָס וווינען אין שאַוול, מוזן זיך רעגיסטרירן. אין די רעגיסטראַציע־ליסטעס זייַנען בייַ יעדן נאָמען געוואָרן געוויסע סימנים, וואָס וועגן זייער פֿאַטאַלן באַטייַט זייַנען מיר ערשט שפּעטער געוווּיר געוואָרן.

3 First called “*Tėvynė,*” and later “*Tėviškė*” (both of which mean “Homeland”) published in Šiauliai during the years of German occupation.
4 Slanderous stories about Jews using the blood of Christian children for religious rituals, dating to the Middle Ages.
5 Juozas Naujalis. (Bubnys, p. 20)
6 Petras Linkevičius. (Bubnys, p. 20)
7 Petras Kubiliūnas, Lithuanian military leader, collaborated actively with the Nazis during German occupation. Later tried and executed by the Soviets.
8 Antanas Stankus, Šiauliai deputy for Jewish affairs until February 1942.

Right after the registration, in the streets and in the tabloid "*Tėvynė*," announcements appeared from the mayor, that all Jews, beginning on July 15, would be relocated to Zagarė, a town 70 kilometers from Šiauliai.

At the same time, Stankus summoned some of the former Jewish community leaders, among them Berel Kartun, Mendel Leibovich, Feive Rubenshtein, the lawyer Getz and others, and proposed that they go with him to inspect Zagarė.

B. Kartun and M. Leibovich immediately informed him that they were resolutely against relocation. Kartun said: "If you want to shoot us, take us out to the market square and shoot us. But we will not leave Šiauliai." Stankus tried to persuade the Jewish representatives that in Zagarė the Jews would live better, that it would be easier to obtain food and they would be farther from the Germans. But that last argument frightened the Jews, because we had already heard the tragic news from all the towns in Lithuania where the Lithuanians had become sole masters over the Jews.

After long bargaining and heated debate, Stankus agreed that the Jews should hold an assembly to consider his proposal.

At the meeting of the surviving community leaders, it was decided that every effort would be made to fight against the plan to move the Šiauliai Jews to Zagarė. Certain Jewish representatives approached some of their liberal Lithuanian acquaintances and begged them to do what they could for the Jews. [Peliksas] Bugailiškis, the chairman of the Vilnius district court, called together a one-time meeting of Lithuanian community leaders and tried to do something for the Jews, but that was the extent of his activities.  More energetic was the priest, Lapis. He took the Zagarė issue to Kaunas, but there he was ordered not to get involved in Jewish matters.

גלײַך נאָך דער רעגיסטראַציע האָבן זיך אין די גאַסן און אין בלעטל „טעווינע“ באַוויזן מודעות פֿון בירגער־מײַסטער, אַז אַלע ייִדן מוזן זיך פֿון 15טן יולי אָן איבערזידלען קיין זאַגער, אַ שטעטל 70 קילאָמעטער פֿון שאַוול.

גלײַכצײַטיק האָט סטאַנקוס געשיקט רופֿן אייניקע געוועזענע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, צווישן זיי בערל קאַרטון, מענדל לייבאָוויטש, פֿײַווע רובינשטיין אַדוו. געץ און אַנדערע, און האָט זיי פֿאָרגעלייגט צו פֿאָרן מיט אים אָנקוקן זאַגער.

ב. קאַרטון און מ. לייבאָוויטש האָבן באַלד געמאָלדן אים, אַז זיי פּערזענלעך זײַנען אַנטשיידן קעגן איבערזידלונג. קאַרטון האָט געזאָגט : אויב איר ווילט אונדז דערשיסן, פֿירט אונדז אַרויס אין מאַרק און שיסט אונדז אויס. מיר וועלן אָבער מיט גוטן ניט גיין פֿון שאַוול. סטאַנקוס האָט געפּרוּווט אײַנריידן די ייִדישע פֿאָרשטייער, אַז אין זאַגער וועלן די ייִדן לעבן בעסער, דאָרטן וועלן זיי לײַכטער קריגן שפּײַז און זײַן ווײַטער פֿון די דײַטשן. אָבער גראַדע דער לעצטער אַרגומענט האָט געשראָקן די ייִדן, ווײַל עס זײַנען שוין צו אונדז דערגאַנגען די אַלע טרויעריקע ידיעות פֿון אַלע שטעטלעך אין ליטע ווּ די ליטווינער זײַנען געוואָרן די איינציקע הערשער איבער ייִדן.

נאָך לאַנגע דינגענישן און היציקע אַמפּערנישן האָט אויך סטאַנקוס מסכּים געווען, אַז די ייִדן זאָלן מאַכן אַ פֿאַרזאַמלונג און באַהאַנדלען זײַן פֿאָרשלאָג.

אויף דער באַראַטונג פֿון לעבנגעבליבענע עסקנים איז באַשלאָסן געוואָרן צו קעמפֿן קעגן אַריבערפֿירן די שאַוולער ייִדן קיין זאַגער מיט אַלע כּוחות. אייניקע ייִדישע פֿאָרשטייער האָבן זיך געווענדט צו די פּאָר באַקאַנטע ליטווישע ליבעראַלן און געבעטן זיי צו טאָן וואָס פֿאַר ייִדן. בוגײַלישקיס, דער פֿאָרזיצער פֿון ווילנער קרײַז־געריכט, האָט צוזאַמענגערופֿן איינמאָל אַ פאַרזאַמלונג פֿון ליטווישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער און האָט געפּרוּווט עפּעס טאָן פֿאַר די ייִדן, אָבער מיט דעם פּרוּוון האָט זיך זײַן טעטיקייט לטובת די ייִדן געענדיקט. ענערגישער איז געווען דער גלח לאַפּיס. ער איז געפֿאָרן וועגן דער פֿראַגע זאַגער קיין קאָוונע, אָבער דאָרט האָט מען אים געהייסן ניט מישן זיך אין ייִדישע ענינים.

As a last resort, the Jews turned to the German authorities. Delegations of Jewish men and women made the case that Šiauliai Jews consisted of skilled professionals, who were needed in all city industries and therefore must not be relocated.

בלית ברירה האָבן ייִדן זיך געווענדט צו דער דײַטשישער מאַכט, דעלעגאַציעס פֿון ייִדישע מענער און פֿרויען האָבן דעם דײַטשישן קאָמענדאַנט אויפֿגעקלערט, אַז שאַוולער ייִדן זײַנען אַן עלעמענט פֿון פֿאַכמענער, וועלכע זײַנען נויטיק פֿאַר דער גאַנצער שטאָטישער אינדוסטריע, און דעריבער דאַרף מען זיי ניט איבערזידלען.

The Lithuanians, however, demanded that the Jews be completely removed. Linkevičius and the entire fascist clique were with them. They sent delegations to the general-commisariat in Kaunas with a demand to “clean out” Šiauliai of Jews.

די ליטווינער האָבן אָבער געפֿאָדערט דורכויס דורכצופֿירן די אויסזידלונג פֿון די ייִדן. פֿאַר דעם איז געווען לינקעוויטשיוס מיט דער גאַנצער קליקע פֿאַשיסטן. פֿון זיי זײַנען געפֿאָרן דעלעגאציעס קיין קאָוונע צום גענעראַל־קאָמיסאַריאַט מיט דער פֿאָדערונג „אָפּצוררייניקן“ שאַוול פֿון ייִדן.

The Jews succeeded in persuading the German authorities that Jews were needed in Šiauliai. The German commandant said clearly that Jews would not be relocated, and that settled the matter.

די ייִדן איז געלונגען צו איבערצײַגן די דײַטשישע מאַכט, אַז ייִדן זײַנען נאָך נויטיק פֿאַר שאַוול. דער דײַטשישער קאָמענדאַנט האָט קלאָר געזאָגט, אַז ייִדן וועלן פֿון שאַוול ניט אויסגעזידלט ווערן — און אַזוי איז טאַקע געווען.

But Stankus did one thing: He grabbed half the residents of the old-folks’ home and sent them to Zagarė. Later he promised to bring the elderly residents back from Zagarė, but instead he sent the rest of the old-folks’ home there.

נאָר איין זאַך האָט סטאַנקוס געטאָן : ער האָט געכאַפּט אַ העלפֿט פֿון מושבֿ זקנים און זיי אַרויסגעפֿירט קיין זאַגער. שפּעטער האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט די זקנים צוריקברענגען פֿון זאַגער, אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער אַרויסגעפֿירט אַהין אויך דעם רעשט פֿון מושבֿ זקנים.




*Detail from a 1928 map of Šiauliai showing the two ghettos in yellow – Kaukazas to the South, and Traku to the North*

## Jews are sent into the ghetto

Since the Zagarė plan had failed, a place had to be found for a Jewish ghetto in Šiauliai itself. To this end, Linkevičius and Stankus decided on the Kaukazas neighborhood, where some 400 poor Lithuanians lived, and later added the Zilviciu, Ginkunu, Padirsiu and Ezero streets, in the muddy area near the lake, which contained about 110 small 1- or 2-room houses. More than 5,000 Jews were to be settled there.

## ייִדן ווערן אַרײַנגעפֿירט אין געטאָ

אַזוי ווי דער פּלאַן זאַגער איז אָפּגעפֿאַלן, האָט מען געמוזט געבן פֿאַר ייִדן אַן אָרט אין אַ געטאָ אין שאַוול גופֿא. צו דעם צוועק האָבן לינקעוויטשיוס און סטאַנקוס באַשטימט צוערשט דעם קוואַרטאַל קאַווקאַז, ווו עס האָבן געוווינט אַ 400 מענטשן פֿון דער ליטווישער אָרעמקייט און שפּעטער האָבן זיי צוגעגעבן די גאַסן זשילוויטשיו, גינקונו, פּאַדירסיו און עזשעראָ, וואָס זײַנען געלעגן אין די בלאָטעס בײַ דער אָזערע און וואָס האָבן צוזאַמען געציילט אַן ערך 110 קליינע 1־2 צימערדיקע הײַזלעך. דאָרט האָבן זיך עס געדאַרפֿט באַזעצן איבער 5000 ייִדן.

On July 20, Jews began to fence off the assigned neighborhoods.

דעם 20טן יולי האָבן ייִדן אָנגעהויבן צאַמען די אָנגעצייכנטע קוואַרטאַלן.

When the fences were ready around both ghettos — Kaukazas and Traku (as they called the streets by the lake), Stankus and Linkevičius set the relocation date for August 15. Later the deadline was extended to August 20.

ווען עס זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן די צאַמען פֿאַר דיביידע געטאָס — קאַווקאַזער און טראָקער (אַזוי האָבן געהייסן די גאַסן בײַ דער אָזערע), האָבן סטאַנקוס און לינקעוויטשיוס באַשטימט די איבערזידלונג אויפֿן 15טן אויגוסט. שפּעטער איז דער טערמין אָפּגעלייגט געוואָרן אויפֿן 20טן אויגוסט.

During these days the Kaukazas ghetto became full. In place of the 400 displaced inhabitants, 2,800 Jews were settled.

אין משך פֿון עטלעכע טעג איז דאָס קאַווקאַזער געטאָ פֿול געוואָרן. אַנשטאָט די אַרויסגעפֿאָרענע 400 נפֿשות האָבן זיך באַזעצט איבער 2800 ייִדן.

Since there was no more space, Stankus and Linkevičius designated an additional four streets in the Traku area. In a couple of days, the 110 houses, with a couple hundred rooms, were full with almost 2,800 residents. On September 1 this ghetto was closed. Police would bar any Jew without a permit from leaving the ghetto. The Traku ghetto presented an even sadder picture than the Kaukazas neighborhood.

אַז ס'איז שוין מער ניט געווען קיין אָרט, האָבן סטאַנקוס און לינקעוויטשיוס באַוויליקט נאָך 4 גאַסן אין טראָקער ראַיאָן. אין אַ פּאָר טעג זײַנען די 110 הייזלעך מיט די פּאָר הונדערט קאַמערלעך אויך פֿול געוואָרן מיט כמעט 2800 אײַנוווינער. דעם 1טן סעפּטעמבער איז דאָס געטאָ אָפּגעשלאָסן געוואָרן, פּאָליציי פֿלעגט שוין קיין ייִדן ניט אַרויסלאָזן פֿון געטאָ. טראָקער געטאָ האָט פֿאָרגעשטעלט נאָך אַ טרויעריקערן בילד, ווי דער קאַווקאַזער קוואַרטאַל.

Stankus, the deputy in charge of the ghetto, had half-ordered, half-suggested as early as mid-August that the Jews themselves should administer the ghetto's internal affairs. Thus in Šiauliai, as in all the other ghettos, a *Jüdenrat* [Jewish council] (called in some other ghettos an *aëlstenrat* [council of elders]) was created. Its membership was determined by the Jews themselves, and later approved by Stankus.

סטאַנקוס, דער באַפֿולמעכטיקער פֿאַרן געטאָ, האָט נאָך אין מיטן אויגוסט האַלב־באַפֿוילן, האַלב־פֿאָרגעלייגט, אַז די ייִדן אַליין זאָלן אָנפֿירן מיט די אינערלעכע ענינים פֿון געטאָ. אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן אין שאַוול, ווי אין אַלע אַנדערע געטאָס, אַ „ייִדן־ראַט" (אין אַנדערע געטאָס : עלטעסטן־ראַט). די רשימה פֿון די מיטגלידער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די ייִדן גופֿא און זי איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך סטאַנקוסן.

The members of the *Jüdenrat* were: Mendel Leibovich (chairman), Aaron Katz (secretary), the lawyer Ber-Menashe Abramovich, the director Aharon Heller and F. Rubenshtein.

די מיטגלידער פֿון ייִדן־ראַט זײַנען געווען : מענדל לייבאָוויטש (פֿאָרזיצער), אהרון כּץ (סעקרעטאַר), אַדוואָקאַט בער־מנשה אַבראַמאָוויטש, דירעקטאָר אהרון העלער און פֿ. רובינשטיין.

Chosen as administrators of the Traku ghetto were Shmuel Burgin (supply, pharmacy, clinic); A. Abramson (housing and footwear); and A. Kolpenitsky (cooperative). In the Kaukazas ghetto: B. Abramovitch (cooperative and social welfare), Berelovitch and Vitz (housing and other matters).

פֿאַר אַדמיניסטראַטאָרן אין טראָקער געטאָ זײַנען באַשטימט געוואָרן : שמואל בורגין (פֿאַרזאָרגונג, אַפּטייק, קראַנקהויז), א. אַבראַמסאָן (דירות און שוסטערײַ) און א. קאָלפּעניצקי (קאָאָפּעראַטיוו). אין קאַווקאַזער געטאָ : ב. אבראַמאָוויטש — (קאָאָפּעראַטיוו און סאָצ. הילף), בערעלאָוויטש און וויץ (דירות און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן).

The labor office was led by Chaim Chernovsky and Abraham Slezin.

דער אַרבעט־אַמט איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך חיים טשערנאָווסקי און אבֿרהם סלעזין.

On August 30, Stankus informed the Jewish representatives that he was adding a street in the neighborhood of Kalniukas, for which the Jews had lobbied earlier. He even sent Jewish workers to fence off the new area. On Aug. 31 he gave assurances once again, but ordered the Jews to be quiet about it.

דעם 30טן אויגוסט האָט סטאַנקוס געמאָלדן די ייִדישע פֿאָרשטייער, אַז ער גיט די גאַסן פֿון „קאַלניוקאַס“, וועגן וועלכע די ייִדן האָבן פֿריער משתּדל געווען בײַ אים. ער האָט געשיקט אַפֿילו ייִדישע אַרבעטער אויסצוצאַמען דאָס נײַע געטאָ. דעם 31טן אויגוסט האָט ער זײַן הבֿטחה באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, ער האָט נאָר געהייסן די ייִדן שווײַגן וועגן דעם.

But the next day the inspection committees received new information from him: They would have to decide whether the Jews in question would go into a ghetto or into Kalniukas, which in fact meant into the synagogue; that is, into the former old-folks home.

אָבער אויף מאָרגן האָבן די רעוויזיע־קאָמיסיעס באַקומען פֿון אים נײַע אינסטרוקציעס : זיי האָבן געהאַט צו באַשטימען, צי דער באַטרעפֿנדיקער ייִד גייט אין געטאָ אָדער אין „קאַלניוקאַס“, וואָס האָט פֿאַקטיש געהייסן אין שול, ד. ה. אין געוועזענעם מושבֿ־זקנים.

When the old-folks home became full, Linkevičius and Stankus designated the *landkremer kloyz* on Vilnaius Street for the relocations. In two days, that became full as well.

ווען דער מושבֿ־זקנים איז פֿול געוואָרן, האָבן לינקעוויטשיוס און סטאַנקוס באַשטמיט די קלויז פֿון די לאַנדקרעמער אויף ווילנער גאַס פֿאַר די אויסגעזידלטע. אויך דאָרט איז אין 2 טעג פֿול געוואָרן.

They said that those sent into the synagogues would have to remain there until the Kalniukas ghetto became free. But witnesses to the synagogue affair said the managers of the new relocation had other intentions.

געהייסן האָט עס, אַז די אַריבערגעשיקטע אין שול דאַרפֿן איבערוואַרטן ביז עס וועט פֿרײַ ווערן דער דריטער געטאָ־קוואַרטאַל פֿון קאַלניוקאַס. אָבער דער גאַנצער רעזשים פֿון שול האָט עדות געזאָגט, אַז די אָנפֿירער פֿון דער נײַער זידלונג אין שול האָבן אַנדערע כּוונות.

Aharon Katz and Mendel Leibovich — both of whom later perished — described the synagogues and old-folks home in the Šiauliai *Pinkas.*[9] (The *Pinkas* is located in Moscow. A copy was introduced at the Nuremberg Trials.) “We entered the synagogue and were shaken: Seated or lying down before us were old people, women and children, crowded together in a bunch, with faces afflicted from hunger and thirst, eyes wild with pain and terror. When they recognized us, hundreds of hands reached toward us and from hundreds of throats came a desperate cry: ‘Save us from this hell! Give us water, bread!’”

אָט אַזוי שילדערן אהרן קאַץ און מענדל לייבאָוויטש — ביידע אומגעקומען — די שול פֿון מושבֿ זקנים אין פּנקס[10] פֿון שאַוול : „מיר זײַנען אַרײַן אין שול און זײַנען פֿאַרציטערט געוואָרן : פֿאַר אונדזן זײַנען געלעגן און געזעסן צוזאַמענגעשפּאַרט אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער אין איין קנויל, מיט פּנימער פֿאַרצערטע פֿון הונגער און דאָרשט, מיט אויגן ווילדע פֿון פּײַן און שרעק. ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיך הונדערטער הענט אויסגעשטרעקט צו אונדז און פֿון הונדערטער העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פֿאַרצווייפֿלונג־געשריי : „ראַטעוועט אונדז פֿון דעם גיהנום ! גיט אונדז וואַסער, ברויט !“

9 Yerushalmi’s original journal and diary, including official documents and testimonies he collected as secretary to the Jewish council. Most of these documents were seized by the Soviets after the war. While Yerushalmi later obtained partial copies (from which this account and his 1958 Hebrew journal were recreated) his original archive was never released or published in full by the Soviets.

10 דער „פּנקס“ געפֿינט זיך אין מאָסקווע. זײַנס אַ קאָפּיע איז צוגעשטעלט געוואָרן אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס.

On Monday September 2, the desperate Jewish representatives hurried to Mayor Linkevičius. He would not receive them. They ran to Stankus. He also would not see them. At that time they noticed in his office a suspicious registration list. Some days earlier Stankus had demanded from them a list of 300 non-working Jews. The representatives refused to compile such a list, because they felt that it would lead to something horrible. On Wednesday September 4, an alarmed Mendel Leibovich and Aharon Katz forced their way into Stankus' office. Mendel pounded the table with his fist and cried, "Talk! What are you doing with the Jews in the synagogue?" Stankus sat, drunk, his head bowed, his hands running through his hair, and muttered to them, "It's not my fault!"

די פֿאַרצווייפֿלטע ייִדישע פֿאָרשטייער זײַנען מאָנטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער, געלאָפֿן צום בירגער־מײַסטער לינקעוויטשיוס. ער האָט זיי אָבער ניט אויפֿגענומען. זײַנען זיי געלאָפֿן צו סטאַנקוסן. אויך ער האָט זיי ניט געוואָלט אויפֿנעמען. אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיי באַמערקט אין זײַן קאַנצעלאַריע עפּעס אַ חשודיקע רעגיסטראַציע — מיט אייניקע טעג פֿריער האָט סטאַנקוס געפֿאָדערט פֿון זיי אַ רשימה פֿון 300 ניט אַרבעטפֿעיִקע ייִדן. די פֿאָרשטייער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַזאַ ליסטע צו מאַכן, ווײַל זיי האָבן געפֿילט, אַז דאָ ווערט געטאָן עפּעס שרעקלעכס. מענדל לייבאָוויטש און אהרון קאַץ האָבן זיך מיטוואָך, דעם 4טן סעפּטעמבער, אַרייַנגעריסן מיט געוואַלד צו סטאַנקוסן אין קאַבינעט. מענדל האָט מיט דער פֿויסט געקלאַפּט איבערן טיש און אויסגעשריען : זאָג ! וואָס טוסטו מיט די שול־ייִדן ? — סטאַנקוס איז געזעסן שיכּור, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די הענט אַרײַנגעשטעקט אין די האָר און האָט געברומט צו זיך : איך בין ניט שולדיק !...

That same Wednesday, the people in the old-folks' home were taken in trucks in the direction of Bubiai, 1 kilometer from Šiauliai.

דעם זעלביקן מיטוואָך זײַנען די מענטשן פֿון מושבֿ־זקנים אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף לאַסטאויטאָס אין דער ריכטונג פֿון בוביע, 1 קילאָמעטער פֿון שאַוול.

Later, peasants from the area recounted the following details: The trucks went to Bubiai. From there the unfortunate victims were left on a highway and were driven on foot down a small path to the lime quarries, where pits were prepared for them.

שפּעטער האָבן פּויערים פֿון דער געגנט דערציילט פֿאָלגנדיקע פּרטים : די מאַשינעס זײַנען געגאַנגען ביז בוביע. פֿון דאָרט זײַנען די אומגליקלעכע קרבנות אַראָפּגעזעצט געוואָרן בײַם שאָסיי און געטריבן געוואָרן צופֿוס מיט אַ שטעגעלע צו די ליים־גריבער, ווו עס זײַנען שוין געווען פֿאַרטיקע גריבער פֿאַר זיי.

The victims were forced to undress and then, in groups, driven to the pits and shot with automatic weapons.

די קרבנות האָבן זיך געמוזט פֿריער אויסטאָן און זײַנען נאָכדעם פּאַרטיעסווײַז געטריבן געוואָרן צו די גריבער, און מיט אויטאָמאַטן אויסגעשאָסן געוואָרן.

A Jewish girl escaped, naked, from the pit to the nearby estate of Count Zubov. The Lithuanians chased, caught and shot her.

אַ ייִדיש מיידל איז אַנטלאָפֿן נאַקעטערהייט פֿון גרוב צו דעם דערבײַליגנדיקן גוט פֿון די גראַפֿן זובאָוו, האָבן זי די ליטווינער נאַכגעיאָגט, געכאַפּט און דערשאָסן.

On Thursday, the commission selected another group of Jews in the ghettos. From Thursday the 5th they sent almost everyone into the synagogue. From there they were soon taken in trucks to the Bubiai pits.

דאָנערשטיק האָבן די קאָמיסיעס באַשטימט נאָך אַ טייל פֿון די ייִדן אין די געטאָס. פֿון דאָנערשטיק דעם 5טן האָבן זיי שוין כּמעט אַלעמען געשיקט אין שול, און פֿון דאָרט פֿלעגן זיי גלײַך מיט לאַסטאויטאָס אָפּגעפֿירט ווערן צו די בוביער גריבער.

By Saturday Sept. 7, they had removed nearly the entire Jewish population from the city proper. Anyone who had the chance saved himself by entering the ghetto.

ביז שבת דעם 7טן סעפּטעמבער איז שוין געוואָרן אויסגעליידיקט כּמעט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָס איז פֿאַרבליבן אין שטאָט. דער וואָס האָט נאָר געהאַט די מיגלעכקייט האָט זיך געראַטעוועט אין געטאָ.

Both ghetto areas — Kaukazas and Traku —

די ביידע קוואַרטאַלן פֿון געטאָ — קאַווקאַזער און

looked as if they had suffered a fire. The alleys were full of people's packed-up belongings, and on them sat dark-faced women and children looking hopelessly at the surrounding filth and chaos.

טראָקער — האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ שׂריפֿה. די געסלעך פֿון געטאָ זײַנען פֿול געווען מיט פּעק און אויף זיי זײַנען געזעסן פֿאַרחושכטע פֿרויען און קינדער און געקוקט האָפֿענונגסלאָז אויפֿן טומלדיקן, שמוציקן אַרום.

There were 47 children in the orphanage. On Saturday August 7, when the children and their caretakers were sitting and eating, an auto drove up with Lithuanian partisans, who grabbed all the children, their teacher Katz and the custodian; packed them, standing, into the vehicle and took them away to be shot.

אין בית־היתומים זײַנען געווען זיבן און פֿערציק קינדער. שבת 7 אַזייגער אינאָוונט, ווען די קינדער מיט די דערציער זײַנען געזעסן און געגעסן, איז אָנגעפֿאָרן אַן אויטאָ מיט ליטווישע פּאַרטיזאַנער, געכאַפּט אַלע קינדער מיט זייער לערער קאַץ און דער עקאָנאָמקע, און ווי זיי זײַנען געשטאַנען — זיי אַרײַנגעפּאַקט אין מאַשין און אַרויסגעפֿירט צום שיסן.

Among those orphans taken away were the children of Mrs. Kaplan, from Tytuvenai [Yiddish Tsiteviyan], 40 kilometers from Šiauliai. She had been rescued from the massacre in Tytuvėnai and come to Šiauliai with her four children. Her older daughter, a 15-year-old blond beauty, had been standing by the pit in Tytuvėnai, but the murderer had taken pity on her and told her to run. In Šiauliai, Mrs. Kaplan had no place for her children, so a day before the above-mentioned events, three of them, among them the oldest daughter, were taken into the orphanage. Later, the unfortunate, depressed, half-crazed mother would go around with her one surviving child, showing her to anyone who would listen, and recounting her bitter misfortune, over and over.

צווישן די אַרויסגעפֿירטע יתומים זײַנען געווען די קינדער פֿון דער פֿרוי קאַפּלאַן פֿון ציטאַוויאַן, 40 קילאָמעטער פֿון שאַוול. זי האָט זיך געראַטעוועט אין שאַוול מיט אירע 4 קינדער פֿון דער שחיטה אין ציטאַוויאַן. דאָס עלטערע מיידל אירע, אַ 15 יאָריקע בלאָנדע שיינהייט, איז שוין געשטאַנען אין ציטאַוויאַן בײַ דער גרוב נאָר די מערדער האָבן זי געשוינט און געהייסן לויפֿן. אין שאַוול האָט פֿרוי קאַפּלאַן, ניט האָבנדיק פֿאַר די קינדער קיין אָרט, — אַ טאָג פֿאַר דער באַשריבענער געשעעניש, — 3 פֿון זיי, צווישן זיי די עלטערע טאָכטער, אַרײַנגעגעבן אין בית היתומים. שפּעטער פֿלעגט די אומגליקלעכע מרה־שחורהדיקע, האַלבגעשטערטע מאַמע זיך שטענדיק אַרומפֿירן מיט איר איינציקן לעבנגעבליבענעם קינד, ווײַזן עס יעדן איינציקן, וואָס האָט זי געוואָלט אויסהערן און דערציילן צום וויפֿלטן מאָל איר ביטער אומגליק.

## The *aktions*[11]

## די אַקציעס

On Sunday September 8, the chairman of the first commission, Liuberski, entered the ghetto, and carried out a registration of all ghetto residents. The registration sheet had various categories, some of them added by Jews.

זונטיק, דעם 8טן סעפּטעמבער, איז געקומען אין געטאָ דער פֿאָרזיצער פֿון דער ערשטער קאָמיסיע ליובערסקי און האָט דורכגעפֿירט אַ רעגיסטראַציע פֿון אַלע געטאָ־אײַנוווינער. דער רעגיסטראַציע־בויגן איז געווען מיט פֿאַרשיידענע רובריקעס, פֿון וועלכע אייניקע האָט ער פֿאַרשריבן בײַ זיך.

On Wednesday, Sept. 11, in mid-day the ghetto was suddenly disturbed by the arrival of trucks with territorial police, headed by Lieutenant Pačalski, and Lithuanian partisans with their leader, Ivanauskas. They first surrounded the house on Traku Street where the Volov, Feinstein and Smilg families lived, and took them away in an unknown direction. Then they

מיטוואָך, דעם 11טן סעפּטעמבער בײַטאָג, האָבן זיך אין געטאָ פּלוצלונג אַרײַנגעריסן לאַסטאויטאָס מיט לאַנד־פּאָליציי מיטן לייטענאָנט פּאַטשאַלסקי בראש און ליטווישע פּאַרטיזאַנער מיט זייער פֿירער איוואַנאַוסקאַס. זיי האָבן צוערשט אַרומגערינגלט דאָס הויז אויף טראָקער גאַס, ווו עס האָבן געוווינט די פֿאַמיליעס פֿון וואָלאָוו, פֿײַנשטיין און סמילג, און האָבן זיי אַרויסגשלעפּט און אָפּגעפֿירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. נאָכדעם האָבן זיי נאָך אַ ליסטע — וואָס

11 A German term used to describe the mass arrests, roundups, deportations or murders of Jews during the Holocaust.

went down a list, which Liuberski had put together on Sunday, and took away 130 elderly people. Among them was the long-serving, devoted teacher Eliezer Goldstein. Even in the ghetto, he had concerned himself with the future school and had prepared paper, notebooks and pens for the children. He and his wife were among the first victims. They were all taken away on the Kuršėnai road, in the direction of Riga.

ליובערסקי האָט צוזאַמענגעשטעלט זונטיק – אַרויסגעפֿירט הונדערט און דרײַסיק אַלטע לײַט. צווישן זיי איז געווען דער לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער פּעדאַגאָג אליעזר גאָלדשטיין. ער האָט נאָך אין געטאָ געזאָרגט פֿאַר דער קינפֿטיקער געטאָ־שול און צוגעגרייט פּאַפּיר, העפֿטן און פֿעדערס פֿאַר די קינדער. ער און זײַן פֿרוי זײַנען געווען פֿון די ערשטע קרבנות. די אַלע זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף קורשאַנער וועג, אין דער ריכטונג פֿון ריגע.

The next day, Thursday September 12, in the morning the trucks returned with the partisans headed by Ivanauskas. On his list were the names of 300 men and their families, including the teacher Moshe Shub, Ephraim Kaplan, Taybele Shneider, and me.

אויף מאָרגן, דאָנערשטיק דעם 12טן סעפּטעמבער אין דער פֿרי האָבן זיך ווײַטער אַרײַנגעריסן די מאַשינעס מיט די פּאַרטיזאַנער מיט איוואַנאַוסקאַסן בראש. ער האָט געהאַט אַ רשימה פֿון 300 מאַן, אין וועלכער עס זײַנען פֿאַרצייכנט אויך די לערער שוב משה, קאַפּלאַן אפֿרים, טייבעלע שנײַדער און איך מיט אונדזערע פֿאַמיליעס.

My former pupil, Zalman Levinzon, alerted us at the last minute, when the truck was standing in front of my yard. I, my wife and our two children quickly left the house, We almost ran into Ivanauskas — the Jewish representatives and administrators, who were standing with him, noticed us running and deliberately blocked his view — and we sneaked into a second house, hiding ourselves in an attic.

מיר האָט מײַן געוועזענער שילער זלמן לעווינזאָן אָנגעזאָגט אין דער לעצטער מינוט, ווען דער אויטאָ איז שוין געשטאַנען פֿאַר מײַן הויף. איך מיט מײַן פֿרוי און אונדזערע 2 קינדער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון שטוב און כּמעט פֿאַר איוואַנאַוסקאַסן אין די אויגן – די ייִדישע פֿאָרשטייער און אַדמיניסטראַטאָרן, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט אים, האָבן באַמערקענדיק אונדז לויפֿן, אים מיט כּיוון פֿאַרשטעלט דעם פֿראָנט – און מיר האָבן דורכגעשלייכט אין אַ צווייטן הויף און דאָרט זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם.

The general secretary of the ghetto council, Aharon Katz, and the administrator Shmuel Burgin accompanied Ivanauskas into a house, gave him some good *schnapps*, gold coins and watches, and put some checks by names on his list, indicating that these people had already been taken away. In this way, 270 Jews were, at least for that moment, saved from certain death. Meanwhile, 30 men were taken into the synagogue, and were shot a day later.

דער גענ.־סעקרעטאַר פֿון געטאָ־ראַט, אהרון קאַץ, און דער אַדמיניסטראַטאָר שמואל בורגין האָבן אַרײַנגענומען איוואַנאַוסקאַסן אין אַ שטוב, אים געגעבן אַ גוטן שנאַפּס מיט גאָלדענע צענערלעך און זייגערלעך און אַרײַנגעשטעלט אין דער ליסטע בײַ די נעמען ציילעמלעך, וואָס האָט געהייסן, אַז די מענטשן זײַנען שוין אַרויסגעפֿירט געוואָרן. אַזוי איז געלונגען אָפּצוראַטעווען צײַטווײַליק 270 ייִדן פֿון אַ זיכערן טויט, ווײַל 30 מאַן זײַנען דאָך אַרויסגעפֿירט געוואָרן אין שול און אַ טאָג שפּעטער דערשאָסן געוואָרן.

On Sunday morning, September 15, two committees came to the Traku and Kavkazas areas to issue yellow permits. The chairman of the committee in Traku was the infamous Liuberski. His assistant was Pimpe, the brother of a high official in Smetona's time. Lithuanian policemen accompanied the committee.

זונטיק פֿרי, דעם 15טן סעפּטעמבער, זײַנען געקומען 2 קאָמיסיעס – אין טראָקער און קאַווקאַזער ראַיאָנען – אַרויסצוגעבן ייִדן געלע פּעסער. פֿאָרזיצער פֿון קאָמיסיע אין טראָקער ראַיאָן איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער ליובערסקי. זײַן געהילף איז געווען פּימפּע, אַ ברודער פֿון אַ הויכן באַאַמטן אין סמעטאָנאַס צײַטן. מיט די קאָמיסיעס זײַנען געקומען ליטווישע פּאָליציי־לײַט.

This was the procedure: Seated in the first room were the chairman and the full committee, with the police. In the second room were officials from the Jewish council, filling in the blanks in the yellow permits. Those who pleased the chairman were sent into the second room to receive their permit, which served as a type of protection note. Those who did not please the chairman or anyone from the committee (mostly old people and known members of the intelligentsia), were led away by the police to the ghetto gate, where trucks were waiting to take them and their families to the synagogues and then to be shot.

די אָרדענונג איז געווען אַזאַ : אינעם ערשטן צימער זײַנען געזעסן דער פֿאָרזיצער מיט דער גאַנצער קאָמיסיע און די פּאָליציי, אינעם צווייטן צימער האָבן די באַאַמטע פֿון דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט אויסגעפֿילט די בלאַנקן פֿון די געלע פּעסער. ווער עס איז געפֿעלן געוואָרן דעם פֿאָרזיצער, איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ צווייט צימער צו באַקומען זײַן פּאַס, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווען אַ מין שוץ־צעטל. ווער עס איז ניט געפֿעלן געוואָרן דעם פֿאָרזיצער אָדער איינעם פֿון דער קאָמיסיע (דאָס רובֿ זײַנען דאָס געווען אַלטע לײַט אָדער באַקאַנטע אינטעליגענטן), איז געשלעפּט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי צום געטאָ־טויער, ווו עס זײַנען אָנגעקומען אויטאָס און אַרויסגעפֿירט אים און זײַן פֿאַמיליע אין שול און צום שיסן.

In the Kaukazas area they took away 12 people. In the Traku area, Liubarski sent each “suspicious” person to the trucks. Among the first victims were Prof. Kravetz and his wife. In a short time 90 men were taken away. There was panic in the ghetto, as there had been during the *aktion* a couple of days earlier. Elderly and sick people no longer showed themselves in public. Others ran to hairdressers and hastily had themselves made up to look younger. The hairdressers acquired a new sort of clientele — old, sickly and deathly frightened people having their hair dyed, their facial wrinkles smoothed, their lips painted and so on.  It was comical, but also tragic and frightening.

אין קאַווקאַזער ראַיאָן האָט מען אַרויסגעפֿירט 12 מענטשן. אין טראָקער ראַיאָן האָט ליובערסקי געשיקט יעדן „פֿאָרדעכטיקן“ אין מאַשין. פֿון די ערשטע קרבנות איז געווען פּראָפֿ. קראַוועץ מיט זײַן פֿרוי. אין אַ קורצער צײַט זײַנען 90 מאַן אַרויסגעפֿירט געוואָרן. אין געטאָ איז געוואָרן אַ פּאַניק, ווי מיט אַ פּאָר טעג צוריק בשעת די אַקציעס. אַלטע און שוואַכע האָבן זיך מער ניט געוויזן. אַנדערע זײַנען געלאָפֿן צום פֿאַריקמאַכער און האַסטיק זיך פֿריזירט. אין די פֿאַריקמאַכערסקעס האָט מען געזען אַ נײַעם סאָרט קליענטן — אַלטע, קראַנקע און אויף טויט איבערגעשראָקענע מענטשן, וועלכע האָבן געפֿאַרבט די האָר, געמאַכט דויערוועלן, אויסגעגלײַכט די קנייטשן פֿון פּנים, געפֿאַרבט די ליפּן א. אַז. וו. עס איז געווען אַ קאָמעדיע, אָבער אַ טראַגישע און שרעקלעכע

Meanwhile, the Jewish representative Mendel Leibovich received the commissioner for Jewish affairs, Stankus. Leibovich seated him in a house at a well-provisioned table, and begged him to give more pardons.

דער ייִדישער פֿאָרשטייער מענדל לייבאָוויטש האָט אַרײַנגענומען דעם באַפֿולמעכטיקן פֿאַר ייִדישע ענינים סטאַנקוסן, וועלכער איז אינצווישן אָנגעקומען אין געטאָ, אין אַ הויז, געזעצט זיך מיט אים בײַ אַ גוט-געדעקטן טיש און געפּועלט בײַ אים באַגנעדיקונג פֿאַר מערערע פֿאַרמישפּטע.

What happened was the following:  The worker Chaim Zaks, his wife and four children had already been taken from the ghetto. His oldest, a 12-year-old daughter, broke away from the police and ran to Stankus, begging him for her father, mother and little brothers with such heart-rending cries that everyone began to weep. Even the drunken Stankus sobbed.  Such was his character that he was a

עס האָט דערבײַ פּאַסירט פֿאָלגנדיקער פֿאַל : פֿון געטאָ זײַנען שוין אַרויסגעפֿירט געוואָרן דער אַרבעטער חיים זאַקס מיט זײַן פֿרוי און פֿיר קינדער. האָט זיך זײַן 12 יאָריקע עלטסטע טאָכטערל אַרויסגעריסן פֿון די הענט פֿון דער פּאָליציי, איז אַוועקגעלאָפֿן צו סטאַנקוסן און האָט געבעטן פֿאַר איר טאַטן, מאַמען און ברידערלעך אַזוי יאָמערלעך, אַז אַלע האָבן זיך פֿונאַנדערגעוויינט, אַפֿילו דער שיכּורער סטאַנקוס האָט זיך צעוויינט. אַזאַ טבֿע האָט ער געהאַט, אַז שיכּורערהייט איז ער שוין געווען מער מענטש, ווי ניכטערהייט. — וואָס ווילסטו ?

better human being when he was drunk than when he was sober — imagine that — and he began to question her softly. “I want my daddy, mama, brothers back!” the girl boldly answered. “Good!” Stankus reversed the order. “But what can we give as a bribe?” “I have this!” the naïve girl offered him a 10-ruble note. “Give it here!” Stankus said. On the 10-ruble note he wrote his freedom order: “Release the family of Chaim Zaks from the truck,” the date and his signature. With this the girl rescued her loved ones…

— האָט ער נאָכגיביק געפֿרעגט, — איך וויל מײַן טאַטן, מאַמען, ברידערלעך צוריק ! — האָט אים דאָס דרייסטע מיידעלע געענטפֿערט. — גוט ! — האָט זיך סטאַנקוס אָפּגערופֿן, אָבער וואָס קענסטו מיר געבן שוחד ? — איך האָב דאָס ! — הָאט דאָס נאַיווע מיידעלע, אַרויסנעמענדיק אַ פּאַפּירענעם 10 רובלדיקן, געזאָגט. — גיב אַהער ! — האָט סטאַנקוס געזאָגט — און האָט געשריבן אויפֿן 10־רובלדיקן זײַן באַפֿרײַונג־רעזאָלוציע : אַרויסלאָזן די פֿאַמיליע פֿון חיים זאַקס פֿון אויטאָ, די דאַטע און אונטערשריפֿט. מיט דעם האָט דאָס מיידעלע געראַטעוועט אירע נאָענטסטע...

Shmuel Burgin and M. Leibovich managed to steal some 500 blank passes, which were distributed among the illegally-arrived Jews in the ghetto, including 130 women and children who were saved from the massacre in Radviliškis.

שמואל בורגין און מ. לייבאָוויטש האָבן מיט דער צײַט אַרויסגעגנבֿעט אַן ערך 500 פּעסער־בלאַנקען, וועלכע מען האָט צעטיילט די ניט־לעגאַל־אַרײַנגעקומענע ייִדן אין געטאָ, בתוכם די 130 פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער שחיטה אין ראַדווילישאָק.

How many Jews were killed during all the slaughters? I have no clear number, however, one can make an approximation in the following way:

וויפֿל ייִדן זײַנען אומגעקומען בעת די אַלע שחיטות ? קיין קלאָרע צאָל האָב איך ניט, אָבער, אומגעפֿער, קען מען די רעכענונג מאַכן אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן :

When the war broke out, there were 10,000 Jews In Šiauliai. Of those, 1,000 escaped into the USSR. (Later most of the men served in the Red Army’s so-called Lithuanian Division, 80 percent of which consisted of Jews, and whose record is inscribed among the most brilliant pages of the Red Army’s heroic story. They all fell in 1943 at the front in Oryol.) Of the 9,000 remaining in Lithuania, a portion were killed on the roads by the Lithuanian partisans, about 1,000 were taken out of prison, and the rest were exterminated in the *aktions*. In the ghetto there were officially 4,753 persons. If we add a few hundred illegal inhabitants of the ghetto, we get more than 5,000 inhabitants. Of them, some 1,500 were from surrounding towns. That is to say, there remained about 3,500 Šiauliai Jews. If we add the thousand who fled to the USSR, we get 4,500. That is, by the beginning of the ghetto’s existence, around 5,500 Jews had been killed.

אין שאַוול זײַנען בײַם אויסברוך פֿון קריג געווען איבער צען טויזנט (10.000) ייִדן. פֿון זיי האָבן זיך אַ טויזנט געראַטעוועט אין ראַטנפֿאַרבאַנד (שפּעטער האָט די גרעסטע מערהייט פֿון די מענער געדינט אין דער אַזוי־גערופֿענער ליטווישער דיוויזיע פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען 80 פּראָצענט פֿון ייִדן, און אַרײַנגעשריבן איינס פֿון די שענסטע בלעטער אין דער העראָיִשער געשיכטע פֿון דער רויטער אַרמיי. זיי אַלע זײַנען געפֿאַלן אין יאָר 1943 אויפֿן אָריאָלער פֿראָנט). פֿון די 9.000 געבליבענע אין ליטע איז אַ טייל אומגעקומען אויף די וועגן פֿון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער, אַן ערך 1.000 זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון תּפֿיסה, און די איבעריקע זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין די אַקציעס. אין געטאָ זײַנען אָפֿיציעל אַריין פֿיר טויזנט זיבן הונדערט דרײַ און פֿופֿציק פּערזאָן (4.753). אויב מ׳זאָל צוגעבן נאָך אייניקע הונדערט ניט לעגאַלע אײַנוווינער פֿון געטאָ וועט אויסקומען אַ צאָל פֿון איבער פֿינף טויזנט אײַנוווינער. פֿון זיי זײַנען אַ פֿופֿצן הונדערט געווען פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. הייסט עס, אַז שאַוולער זײַנען געבליבן אַ דרײַ טויזנט פֿיר הונדערט. אויב מ׳זאָל צוגעבן די טויזנט געלאָפֿענע אין ראַטן-פֿאַרבאַנד וועלן בלײַבן פֿיר טויזנט פֿינף הונדערט, ד. ה., אַז בס״ה זײַנען שוין אין אָנהויב פֿון דער עקזיסטענץ פֿונעם געטאָ אומגעקומען אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿינף טויזנט פֿינף

הונדערט ייִדן.

As best I can remember from the statistics that Mendel Rubenshtein and Dovid Getz compiled, of those between 18 and 45 years, two thirds were women, because the men had been selected out in the first groups.

אויף וויפֿיל איך געדענק פֿון דער סטאַטיסטיק, וואָס מענדל רובינשטיין און דוד געץ האָבן דורכגעפֿירט, איז די באַפֿעלקערונג אין עלטער פֿון 18־45 יאָר באַשטאַנען צוויי דריטל פֿון פֿרויען, ווײַל די מענער זײַנען אויסגעקוילעט געוואָרן אין דער ערשטער ריי.

## The aerodrome

## אַעראָדראָם

Right after both ghettos were closed at the beginning of September, the Jewish council was ordered to provide 500 men and women to work on the Šiauliai aerodrome. At first the Jews worked only at night, while Russian prisoners worked during the day. The work consisted of digging dirt and putting it into wheelbarrows that other Jews would take to a different place. The German overseers were often drunk. They would beat the men and brutally attack the women. Appalling scenes would often play out.

גלײַך נאָכן אָפּשליסן ביידע געטאָס, אָנהויב סעפּטעמבער, איז דער ייִדן־ראַט אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צוצושטעלן 500 מענער און פֿרויען פֿאַר אַרבעט אויפֿן שאַוולער אַעראָדראָם. תּחילת האָבן די ייִדן געאַרבעט נאַכטשיכט, און די רוסישע געפֿאַנגענע — טאָגשיכט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין גראָבן ערד און שיטן עס אין וואַגאָנעטקעס, וואָס אַנדערע ייִדן פֿלעגן אָפּפֿירן צו אַן אַנדער פּלאַץ. די דײַטשישע אויפֿזעער פֿלעגן אָפֿט זײַן שיכּור. זיי פֿלעגן שלאָגן די מענער און ברוטאַל אַטאַקירן די פֿרויען. עס פֿלעגן זיך אָפּשפּילן שוידערלעכע סצענעס.

After about six months, the chief of the airfield asked for 500 workers to be barracked there during the work period. His request was welcomed, because living conditions in the ghetto were unbearable, as well as because he had agreed to let the workers take their families with them.

אין אַ זעקס חדשים אַרום האָט דער שעף פֿון פֿליפּלאַץ געבעטן, אַז מען זאָל אים געבן 500 אַרבעטער, וועלכע ער וועט בײַ זיך קאַזערנירן אויף שטענדיקער אַרבעט. זײַן בקשה איז גיך אָנגענומען געוואָרן צוליב דעם וואָס די וווין־באַדינונגען אין געטאָ זײַנען געווען אומדערטרעגלעכע, ווי אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט דערלויבט מיטצונעמען די גאַנצע פֿאַמיליע.

## The hospital

## דאָס קראַנקנהויז

At the end of November 1941, the regional health director, Dr. [Domas] Jasaitis summoned the ghetto representatives M. Leibovich and B. Kartun, and informed them that they had to immediately remove all Jewish patients from the city hospital, by order of the district commissioner. “So where should we bring our sick, since we now are allowed 1.5 square meters per person?” the representatives asked. Jasaitis shrugged his shoulders. “Should we take our sick and shoot them in the market square?” said Kartun. Jasaitis was silent.

אין סוף פֿונעם חודש נאָוועמבער 1941 האָט דער קרײַז־דאָקטאָר יאַסײַטיס פֿאַררופֿן צו זיך די פֿאָרשטייער פֿונעם געטאָ מ. לייבאָוויטש און ב. קאַרטון און האָט זיי געמאָלדן, אַז זיי מוזן אַרויסנעמען גלײַך אַלע ייִדישע קראַנקע פֿון די שטאָטישע קראַנקנהײַזער, ווײַל אַזוי האָט באַפֿוילן דער געביטסקאָמיסאַר. — טאָ ווּ זאָלן מיר אונדזערע קראַנקע אַהינטאָן, אַז מיר וווינען אויף 1,5 קוו. מעטער אַ מענטש ? — האָבן די פֿאָרשטייער געפֿרעגט. — יאַסײַטיס האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. — נעמט אַרויס אונדזערע קראַנקע און שיסט זיי אויס אויפֿן מיטן מאַרק ! — האָט צוגעגעבן קאַרטון ! יאַסײַטיס האָט געשוויגן.

After considerable argument and begging,

נאָך די שתּדלנות און בעטענישן האָט סטאַנקוס מסכּים געווען צוצוגעבן צום געטאָ דעם ייִדישן בית־עולם.

Stankus agreed to let the ghetto use the Jewish cemetery. The cemetery actually belonged to the ghetto; even though it stood outside the boundary, those who died in the ghetto were buried there. In the cemetery was an empty cleansing room[12] and a vacant custodians' house. These were designated for the Jewish hospital. The building required renovations, which were carried out by the construction department, headed by engineer Leibovich. They had no materials and no way to obtain any, because building materials could only be obtained with a permit from the regional commissioner. The construction department had to procure their own materials surreptitiously, or from destroyed buildings in the ghetto. The cleansing room was transformed into a comfortable space, finely renovated and beautifully furnished. Notwithstanding the difficulties, the ghetto construction department had prepared the cleansing room by the end of December, collecting laundry and bedding along with vessels and medical appliances.

פֿאַקטיש האָט דער בית־עולם געהערט צום געטאָ, כאָטש ער איז געשטאַנען אויסערן צוים, ווײַל מען פֿלעגט נאָך דאָרט מקבר זײַן די מתים פֿון געטאָ. אויפֿן בית עולם זײַנען געשטאַנען ליידיק דאָס טהרה־שטיבל און דאָס שמשים־הויז. דאָס איז אַוועקגעגעבן געוואָרן פֿאַר אַ ייִדיש קראַנקנהויז. דאָס הויז האָט געדאַרפֿט רעמאָנטירט ווערן, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער בויסעקציע מיטן אינזשעניר לייבאָוויטש בראש. די בויסעקציע האָט קיינע מאַטעריאַלן ניט געהאַט און ניט געקראָגן, ווײַל בוי־מאַטעריאַלן האָט מען געקענט קריגן נאָר מיט אַ דערלויבעניש פֿון געביטסקאָמיסאַר. די בוי־קאָמיסיע האָט געמוזט שאַפֿן די מאַטעריאַלן אויף אַ לינקן וועג אָדער פֿון חרובֿע בנינים פֿון געטאָ. דאָס טהרה־שטיבל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גערוימע צימערן, פֿײַן רעמאָנטירט און שיין מעבלירט. ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן האָט די געטאָ־בוי־קאָמיסיע פֿאַרטיק געמאַכט דאָס טהרה־שטיבל ביז סוף דעצעמבער. דורך אַן אַקציע זײַנען געזאַמלט געוואָרן וועש און בעטגעוואַנט, געשיר און מעדיצינישע מכשירים.

A hospital requires personnel, first of all a director, but none of the doctors wanted to take the job after news was received that the Kaunas hospital had been set on fire and burned with its patients and staff inside.[13] Finally Dr. [Wulf] Peisachowitz accepted the post. It was a good choice, because Dr. Peisachowitz was not only an experienced and well-trained physician, but also a trusted and diligent one, and during the entire time that the hospital existed he devoted himself to working for the sick.

צום קראַנקנהויז האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ פּערסאָנאַל, קודם כּל אַ לייטער, אָבער קיינער פֿון די דאָקטוירים האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם פּאָסטן, ווײַל פֿון קאָוונע איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דאָס קראָנקנהויז צוזאַמען מיט די קראַנקע און דעם פּערסאָנאַל זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן. ענדלעך האָט דעם פּאָסטן אָנגענומען דער דאָקטאָר פּייסאַכאָוויטש. און דער אויסוואַל איז געווען אַ געלונגענער, ווײַל דער דר. פּייסאַכאָוויטש איז געווען ניט נאָר אַ לאַנג־דערפֿאַרענער און גוטגעשולטער אַרצט, נײַערט אויך אַן איבערגעבענער און אַרבעטזאַמער, און ער האָט במשך פֿון דער גאַנצער צײַט פֿון דער עקזיסטענץ פֿונעם קראַנקנהויז מסירות־נפֿשדיק געאַרבעט פֿאַר די קראַנקע.

What Dr. Peisachowitz was in the medical area, [Shmuel] Burgin was in administration. He had the noble ambition to make the hospital the best institution in the ghetto. In the bitterest of times in the ghetto, when for a

וואָס דר. פּייסאַכאָוויטש איז געווען אויפֿן מעדיצינישן געביט, איז בורגין געווען אויפֿן אַדמיניסטראַטיוון געביט. ער האָט אויך געהאַט די נאָבעלע אַמביציע דאָס קראַנקנהויז צו מאַכן פֿאַרן בעסטן אַנשטאַלט אין געטאָ. אין די ביטערסטע צײַטן פֿון געטאָ, ווען פֿאַר אַ

12 A chamber traditionally used to prepare bodies for burial according to Jewish ritual.
13 On October 4, 1941, Germans locked and boarded up the Kaunas infectious-disease hospital with scores of patients and medical staff inside, then set it afire.

couple of potatoes Jews were being beaten and thrown into jail, Burgin was managing to obtain potatoes and other vegetables, full stores of flour and other food items.

The hospital set up departments of Internal medicine, surgery, gynecology, and unofficially, a department for infectious diseases.

At the same time, two ambulatory clinics and two dental clinics opened, one each in each ghetto area. Through various roundabout means, instruments were collected or fabricated by the Jews for the hospital and the ambulatories.

With room for 40 patients, the hospital quickly filled up.

A report that the hospital gave to the Jewish council in July 1943 noted that there had been 204 cases of diphtheria and more than 20 cases of typhus. Of those, there were only five deaths from diphtheria and one from typhus.

The ambulatories also developed and became broadly active. Hundreds of Jews from the ghetto — and later from the concentration camp— would later, because of malnutrition and hard living conditions, develop boils and eczema. People would go around covered from head to foot with wounds. All would be treated in the ambulatories. Dr. Kamber ran the Traku ambulatory, and Dr. Direktorovitch the Kavkazas ambulatory. Great efforts were also made by the chief doctor, Shimon Wolpert.

At the same time, the hospital was the scene of some of the most heinous atrocities, committed by the best and most devoted people.

In mid-April, 1942, Dr. Charney, chief of the security service, summoned the Jewish representatives and informed them, in a categorical tone, that no more births were to occur in the ghetto. He ordered them to write this in a published notice. He added that if the

פֿאַר קאַרטאָפֿל פֿלעגן ייִדן געשלאָגן און אַרײַנגעשטופּט ווערן אין תּפֿיסה, פֿלעגט ש. בורגין אײַנשאַפֿן פֿאַרן קראַנקנהויז קאַרטאָפֿל און אַנדערע גרינסן, פֿולע שפּײַכלערס פֿון מעל און אַנדערע שפּײַז־אַרטיקלען.

אין קראַנקנהויז זײַנען געווען פֿאָלגנדיקע אָפּטיילונגען : אינערלעכע, כירורגישע, גינעקאָלאָגישע און ניט אָפֿיציעל אַן אָפּטיילונג פֿאַר אָנשטענדיקע קראַנקייטן.

גלײַכצײַטיק זײַנען געעפֿנט געוואָרן איןביידע ראַיאָנען פֿונעם געטאָ 2 אַמבולאַטאָריעס און 2 צאָנאַרצטלעכע קאבינעטן. דורך פֿאַרשיידענע אומוועגן האָט מען זיי צונויפֿגעשלעפּט און געשאַפֿן פֿון די אינסטרומענטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט בײַ ייִדן און צונויפֿגעשטעלט פֿון זיי דעם אינווענטאַר פֿאַרן קראַנקנהויז און די אַמבולאַטאָריעס.

דאָס קראַנקנהויז האָט געהאַט פּלאַץ פֿאַר 40 קראַנקע. אין משך פֿון אַ קורצער צײַט איז עס פֿול געוואָרן.

אינעם באַריכט, וואָס דאָס קראַנקנהויז האָט דערלאַנגט דער פֿאָרשטייערשאַפֿט אין יולי 1943, זײַנען אָנגעגעבן 204 פֿאַלן פֿון דיפֿטעריט און איבער 20 פֿאַלן פֿון טיפֿוס. פֿון זיי זײַנען געשטאָרבן בלויז 5 פֿון דיפֿטעריט און איינער פֿון טיפֿוס.

אויך די אַמבולאַטאָריעס האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט. הונדערטער ייִדן פֿון געטאָ, און שפּעטער — פֿון לאַגער, פֿלעגן צוליב שלעכטער דערנערונג און שווערע וווינבאַדינגונגען קריגן פֿורונקלען, עקזעמעס, מענטשן פֿלעגן אַרומגיין פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט ווונדן. די אַלע מענטשן זײַנען קורירט געוואָרן אין די אַמבולאַטאָריעס. בראש פֿון דער טראָקער אמבולאַטאָריע איז געשטאַנען דר. קאַמבער, און בראש פֿון קאַווקאַזער אַמבולאַטאָריע — דר. דירעקטאָראָוויטש. פֿיל מי האָט אוועקגעלייגט אויף דעם דער הויפּט־דאָקטאָר וואָלפּערט שמעון.

אין קראַנקנהויז זײַנען אָבער גלײַכצײַטיק אָפּגעטאָן געוואָרן די שווערסטע פֿאַרברעכענס און דווקא זײַנען זיי אויסגעפֿירט געוואָרן דורך די בעסטע און איבערגעגעבנסטע מענטשן.

אין מיטן אפּריל 1942 האָט דר. טשאַרני, שעף פֿון זיכערהייט־דינסט, גערופֿן די ייִדישע פֿאָרשטייער און האָט זיי געמאָלדן מיט א קאַטעגאָרישן טאָן, אַז מער קיין געבורטן זאָלן אין געטאָ ניט פֿאָרקומען. ער האָט זיי דאָס געהייסן שרײַבן אין אַן עפֿנטלעכער מעלדונג. ער האָט דערבײַ צוגעגעבן, אַז אויב דער באַפֿעל וועט

order were not followed, “violators” i.e., the mothers, together with their entire families, would be killed.

ניט אויסגעפֿירט ווערן, וועט די „פֿאַרברעכערין“ ד. ה. די מוטער צוזאַמען מיט איר גאַנצער פֿאַמיליע אומגעבראַכט ווערן.

Dr. Charney also informed them that, if this was not sufficient to stop “activities,” then the security police would be “forced” to consider sterilizing the entire population.

דר. טשאַרני האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אויב עס וועלן ניט העלפֿן אויך די „מאַסנאַמען“, וועט מען אין דעם זיכערהייטס־דינסט זײַן „געצוווּנגען“ צו טראַכטן וועגן סטעריליזירן די גאַנצע געטאָ־באַפֿעלקערונג.

The Jewish representatives tried to at least spare women who were already in their last months of pregnancy, and in this they succeeded. The birth ban went into effect on August 15, 1942, and until then they would not be seen as violating the new rule.

די ייִדישע פֿאָרשטייער האָבן געפּרוּווט ראַטעווען ווייניקסטנס די פֿרויען, וואָס זײַנען שוין געווען אין די לעצטע מאָנאַטן, און דאָס איז זיי געלונגען. די גזירה פֿון אַבאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15טן אויגוסט, 1942. ביזן נײַעם באַפֿעל איז מען אָבער ניט געווען אַזוי אָפּגעהיט אין עובֿר זײַן אויף אים.

Yet before then, the number of pregnancies still fell by half, because abortions were being done for those in the first months of pregnancy. Later there also occurred premature births. This happened when a pregnant mother chose to try and carry her pregnancy to term, hoping that the ghetto would be freed before she was due. In her final months or weeks, the doctors would induce labor and the living infant would be put to death at their hands.

ביזן 15טן אויגוסט 1942 איז נאָך דאָס פֿאַרברעכן געווען האַלב, ווײַל די אַבאָרטן פֿלעגן געמאַכט ווערן אין די ערשטע מאָנאַטן פֿון שוואַנגערשאַפֿט. שפּעטער זײַנען שוין דורכגעפֿירט געוואָרן אויך פֿריגעבורטן, ד. ה. עס זײַנען געווען פֿאַלן, ווען די מוטער האָט ניט געוואָלט באַצײַטנס אָפּטרײַבן די שוואַנגערשאַפֿט, האָבנדיק האָפֿענונג אַז דאָס געטאָ וועט זיך ענדיקן פֿריער און האָט זיך אַרומגעזען ערשט אין די לעצטע מאָנאַטן אָדער וואָכן, ווען די דאָקטוירים האָבן קינסטלעך אַרויסגערופֿן די געבורט־ווייען און דאָס לעבעדיק־געבוירענע קינד אייגנהענטיק געטויט.

By the time of the ghetto’s evacuation, there remained in the hospital only a few old and sick non-contagious people, unable to walk on their own. The Gestapo had promised to transport them later to the train. Instead, they were taken out and shot.

בײַ דער עוואַקואַציע זײַנען אין קראַנקנהויז געבליבן אייניקע אַלטע און קראַנקע ניט אָנשטעקנדיקע, וועלכע האָבן אַליין ניט געקענט גיין. די געשטאַפּאָניקעס האָבן צוגעזאָגט זיי צו ברענגען שפּעטער מיט פֿורן צו דער באַן. די דײַטשן האָבן אָבער זיי שפּעטער אַרויסגעפֿירט און אויסגעשאָסן.

## The *folkshul*

## די פֿאָלקשול

After the ghetto had calmed down following the initial *aktions*, we began to work on establishing a school for the children. At first, the largest house in the ghetto was chosen for the school, part of the factory belonging to the manufacturer Stankus, not to be confused with Stankus, the deputy for Jewish affairs. But even before the ghetto was formally established, this house had been filled up with 195 residents.

נאָך די אַלע אַקציעס, ווען דאָס געטאָ האָט זיך אויף אַ ווײַלע באַרויִקט, איז אויפֿגעשוווּמען די פֿראַגע וועגן אַ שול פֿאַר קינדער. לכתּחילה איז פֿאַר דער שול געווען באַשטימט דאָס גרעסטע הויז אין געטאָ, דאָס פֿאַבריק הויז פֿון פֿאַבריקאַנט סטאַנקוס — להבֿדיל פֿון באַפֿולמעכטיקן סטאַנקוס — אָבער איידער דאָס געטאָ־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן האָט זיך דאָס הויז אָנגעפֿילט מיט 195 אײַנוווינער.

Next, 48 “dwellings” were requisitioned,

עס זײַנען רעקוויזירט געוואָרן 48 „וווינונגען“, וואָס

whose occupants would be working during the day. More than 600 school-age children, those from six to 12 years old, were, divided into groups of 10 to 12. Teachers would go from one house to another to give lessons to the children. The manager of the school was the writer of these lines, who oversaw 10 teachers. The careful teachers had concealed their previous employment and officially disavowed any connection with their profession, which was not allocated any bread, and which was considered dangerous.[14] They lacked textbooks and writing materials. And yet, never did children and teachers work as smoothly as we did in those bitter days. Hungry, naked and barefoot, children ran about in the school and in their crowed little apartments, with bits of paper making their lessons. The few hours spent in school gave the children the courage to survive their melancholy days. Few well-ordered schools have had as much success as did our makeshift school.

זייערע בעלי בתים פֿלעגן בײַטאָג אַרבעטן, און צווישן די אַלע וווינונגען זײַנען די איבער 600 קינדער אין פֿאָלקשול־עלטער, ד. ה. פֿון 6־12 יאָר, פֿאַרטיילט געוואָרן אין גרופּעס אין 10־12 קינדער. די לערער פֿלעגן גיין פֿון איין הויז אין צווייטן און לערנען די קינדער. דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער שול איז געווען דער שרײַבער פֿון די שורות, צום פֿאַרוואַלטער זײַנען געווען 10 לערער. די פֿאָרזיכטיקערע לערער האָבן פֿאַרבאַהאַלטן זייערע פֿריערדיקע באַשעפֿטיקונגען און ניט געוואָלט זיך פֿאַרנעמען מיט דער פּראָפֿעסיע, פֿון וועלכער מען האָט ניט געקענט האָבן קיין ברויט, אָבער פֿון וועלכער עס האָט געקענט קומען געפֿאַר. עס האָבן געפֿעלט לערנביכער און שרײַבגעצײַג. און דאָך האָבן קינדער און לערער קיינמאָל ניט געאַרבעט אַזוי פֿלייסיק ווי אין יענע ביטערע טעג. קינדערלעך פֿלעגן לויפֿן הונגעריקע, נאַקעטע און באָרוועסע אין דער שול און אין זייערע ענגע דירהלעך, אויף שטיקלעך פּאַפּיר, מאַכן זייערע אויפֿגאַבעס. די קינדערלעך האָבן געלעבט מיט די פּאָר שעה, וואָס זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען אין שול, זייער גאַנצן טרויעריקן טאָג. זעלטן ווען גוט־אײַנגעאָרדנטע שולן האָבן געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג, ווי אונדזער נויטשול.

The ghetto children had essentially become grown-ups. Even four- or five-year-olds would do all sorts of housework. Six- or seven-year olds would work like adults, and 10- or 12-year olds would carry the burden of supporting their households, going with their parents to forced labor, and like adults would sell their things for food that they would smuggle back into the ghetto.

די קינדער אין געטאָ זײַנען, אייגנטלעך, געווען דערוואַקסענע מענטשן. אַפֿילו פֿיר־פֿינף־יאָריקע פֿלעגן שוין אָפּטאָן כלערליי שטובאַרבעטן. זעקס־זיבן־יאָריקע פֿלעגן אַרבעטן ווי דערוואַקסענע, און צען־צוועלף־יאָריקע פֿלעגן מיטשלעפּן דעם יאָך פֿון שווערער געטאָ־פּרנסה, גיין מיט זייערע עלטערן אויף די קאַטאָרזשנע אַרבעטן און ווי דערוואַקסענע בײַטן זייערע זאַכן אויף שפּײַז, וואָס זיי פֿלעגן ווי קאָנטראַבאַנדע אַרײַנשמוגלען אין געטאָ.

Soon new prospects emerged to expand the school. A 20-square meter barn in the Traku area and the cleansing-room in the Kavkazas area could be converted into school buildings, enabling us to conduct almost a normal school life. But suddenly it all disappeared, because of the relocation edict.

באַלד האָבן זיך געהאַט געעפֿנט „פּערספּעקטיוון“ פֿאַר ער אויסברייטערונג פֿון דער שול — אַ 20 קוואַדראַט־מעטערדיקע שטאַל אין טראָקער ראַיאָן און דאָס טהרה־שטיבל אין קאַווקאַזער ראַיאָן האָבן געזאָלט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין שול־בנינים, ווו מיר וואָלטן געקענט שוין פֿירן כמעט אַ נאָרמאַל שול־לעבן. אָבער פּלוצלונג איז אַלץ צערונען געוואָרן צוליב דער גזירה פֿון איבערזידלונג.

As mentioned, the Šiauliai ghetto had been divided into two areas, Traku and Kavkazas. It suddenly occurred to the district commissioner[15] to relocate the population of

ווי געזאָגט, איז שאַוולער געטאָ געווען פֿאַרטיילט אין 2 ראַיאָנען — טראָקער און קאַווקאַזער. איז פּלוצלונג אײַנגעפֿאַלן דעם געביט־קאָמיסאַר איבערצוזידלען די באַפֿעלקערונג פֿון געטאָ אויף אַזאַ אופֿן, אַז אַלע

14 Because the Nazis had forbidden schools in the ghetto, they did not recognize teaching as a valid form of work; teachers therefore had to identify themselves as laborers or artisans to avoid being listed for extermination.

the ghetto so that that all skilled workers would live in the Traku area, and the unskilled in the Kavkazas area. The plan, which seemed straightforward on the surface, concealed a demonic intention.

קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער זאָלן וווינען אין טראָקער ראַיאָן, און די ניטקוואַליפֿיצירטע אין קאַווקאַזער ראַיאָן. דער פּלאַן, וועלכער האָט כּלומרשט אויסגעזען איינפֿאַך, האָט געהאַט פֿאַרבאָרגענע טײַוולשע כּוונות.

It also revived the mortal fears that the ghetto had experienced during the time of the *aktions*.

עס האָט ווידער אַ בלאָז געטאָן מיט טויטשרעק, וואָס דאָס געטאָ האָט איבערגעלעבט אין דער צײַט פֿון די אַקציעס.

The district commissioner proposed the relocation to the head of the labor office, Strenge. Strenge was a German from Memel[16] — tall, thin, with a red face and a still redder nose. He was constantly drunk. He had spent his entire life dealing with Jewish horse traders and smugglers. He was familiar with Yiddish and Yiddish sayings, and used his knowledge to extract the Jews' last coins. He immediately sensed that the business of relocation could bring him some nice profit, and was happy to carry it out. He asked for "enough horses and policemen" and promised to execute the relocation "at lightning speed."

דער געביט־קאָמיסאַר האָט פֿאָרגעלייגט דעם לייטער פֿונעם אַרבעטסאַמט שטרינגען דורכצופֿירן די איבערזידלונג. שטרינגע איז געווען אַ מעמלער דײַטש — אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ רויט פּנים און מיט אַ נאָך מער רויטער האָז. ער איז געווען תּמיד שיכּור. זײַן גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעהאַנדלט מיט ייִדישע פֿערד־הענדלער און קאָנטראַבאַנדיסטן. ער האָט גוט געקענט ייִדיש און ייִדישע גלײַכווערטלעך, און האָט אויסגענוצט זײַן ייִדיש־קענטשאַפֿט אויף אַרויסצוציען פֿון ייִדן זייער לעצטע פּרוטה. ער האָט גלײַך דערשמעקט, אַז דער ענין איבערזידלונג קען אים אַרײַנברענגען גוטן ריווח און ער האָט גערן זיך אָנגענומען דורכצופֿירן זי. ער האָט נאָר געפֿאָדערט „גענוג פֿערד און פּאָליציסטן" און ער האָט פֿאַר דעם צוגעזאָגט דורכצופֿירן די איבערזידלונג „בליץ־שנעל".

The decree, issued on Saturday, December 15, 1942, demanded that the relocation be carried out on the 17th and 18th. The panic was immense. People who received notices that they had to relocate concluded they had been selected to be shot. Besides this fear, the moving itself was frightening. That day it rained ceaselessly. Cartwheels sank in mud, and the horses could not pull them out with the baggage of those being relocated. People moving from one area to the other had no homes to go to, and remained outdoors in the rain with their goods and families. Security police stood next to them, beating them to drive the Jews along. One of the security policemen grabbed a broom, dipped it in the mud and smeared the faces of the deportees.

שבת דעם 15טן דעצעמבער 1942 איז אַרויס די גזירה, אַז דעם 17טן און 18טן דאַרף דורכגעפֿירט ווערן די איבערזידלונג. די פּאַניק איז געווען אומגעהויער. מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען דאָס צעטל אַז זיי דאַרפֿן זיך איבערזידלען, האָבן געמיינט, אַז זיי זײַנען באַשטימט צום אויסשיסן. חוץ דער מורא איז דאָס עצם איבערקלײַבן זיך געווען שרעקלעך. דעם טאָג האָט גראָ־גערעגנט אָן אויפֿהער. די גאַסן זײַנען געווען פֿאַרטרונקען פֿון וואַסער. די רעדער פֿון די פֿורן זײַנען אײַנגעזונקען געוואָרן אין די בלאָטעס און די פֿערד האָבן ניט געקענט אַרויסציען די פֿורן מיט די בעבעכעס פֿון די איבערזידלטע. און די מענטשן, וואָס זײַנען אַרייגעפֿאָרן אין איין ראַיאָן פֿון צווייטן, האָבן ניט געהאַט זיך ווּ אַהינצוטאָן, און זײַנען געבליבן מיט זייערע זאַכן און פֿאַמיליעס אין דרויסן אונטערן רעגן. צו דעם נאָך זײַנען די שוץ־פּאָליציסטן געשטאַנען און מיט נאַגייקעס געשלאָגן און געטריבן די דורכפֿאָרנדיקע ייִדן. איינער אַ שוץ־פּאָליציסט האָט געכאַפּט אַ בעזעם, געטונקט אים אין בלאָטע און געשמירט מיט אים די פּנימער פֿון די איבערזידלטע.

The district commissioner himself prepared the

די ליסטעס פֿון די אריבערגעפֿירטע האָט דאָס

15 *Gebietskommissar* in German.

16 Called Klaipeda in Lithuanian, this ethnically mixed port city had been part of Lithuania until Hitler seized and annexed it in 1939.

list of those to be moved. By the way, teachers were given a special “honor:” In a separate document, the commissioner ordered that teachers be included in the category of “unskilled” workers. Because of the fear of relocation, the teachers gave Strenge all their valuables, and the latter “relented” and shut his eyes so that they could remain in the Traku area.

געביטס־קאָמיסאַריאַט צונויפֿגעשטעלט אַליין. אגבֿ, האָבן די לערער זוכה געווען צו אַ באַזונדערן „כּבוד“. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט אין אַ באַזונדער שריפֿט געפֿאָדערט, אַז די לערער זאָלן אַרײַנגענומען ווערן אין דער קאַטעגאָריע „ניט־געלערנטע“ אַרבעטער. צוליב מורא פֿאַר דער איבערזידלונג האָבן די לערער אַוועקגעטראָגן שטרינגען זייער גאַנץ האָב־און־גוטס — און יענער האָט „באַוויליקט“ צו פֿאַרמאַכן אַן אויג, זיי זאָלן קענען פֿאַרבלײַבן אין טראָקער ראַיאָן.

After the relocation, the teachers shunned their jobs like the plague. One became a janitor, another a brush maker, a third a washer, and I became a shoemaker.

נאָך דער איבערזידלונג זײַנען אַלע לערער געלאָפֿן פֿון זייער פֿאַך, ווי פֿון אַ פּעסט. איינער איז געוואָרן אַ סאַניטאַר, דער צווייטער אַ בערשטער, דער דריטער אַ וועשער און איך בין געוואָרן אַ שוסטער.

The school was dissolved, and our children were left to wander among the filthy alleyways of the ghetto with no supervision and no means of study.

די שול האָט זיך ליקווידירט, און אונדזערע קינדערלעך פֿלעגן אַרומבלאָנקען אין די שמוציקע געסלעך פֿונעם געטאָ אָן השגחה און אָן עפּעס צו לערנען.

## The workshops

## די „ווערקשטובן“

As the ghetto was being established, everyone looked for a way to protect themselves and their families. This meant a job. It was known that anyone not working would be in danger, and it was believed that those who worked would be saved. Thereafter, anyone who could, tried to get out of the ghetto. Outside the ghetto people hoped to overcome the difficult times. Within the ghetto only children and women remained.

גלײַך ווי דאָס געטאָ האָט זיך געגרינדעט, האָט יעדער איינער געזוכט פֿאַר זיך און זײַן פֿאַמיליע אַ שוץ. די שוץ איז געווען אַרבעט. מ׳האָט געוווּסט, אַז אַלע ניט אַרבעטנדיקע געפֿינען זיך אין געפֿאַר. מ׳האָט געמיינט, אַז די, וואָס אַרבעטן, וועלן זיך ראַטעווען. דעריבער איז יעדער, ווער עס האָט געקענט, געלאָפֿן פֿון געטאָ. אויסערן געטאָ האָט מען געהאָפֿט אַריבערצוקומען די שווערע צײַט. אין געטאָ זײַנען געבליבן בלויז קינדער און פֿרויען.

Work was “provided” by the labor office. Jews from the ghetto worked at the aerodrome, at the German bases, in the offices of the city enterprises and in Frenkel’s factory. The better skilled — shoemakers, tailors, watchmakers and others, arranged places for themselves in “workshops” on Varpo Street in the city.

מיט אַרבעט האָט „פֿאַרזאָרגט“ דער אַרבעטסאַמט. ייִדן פֿון געטאָ האָבן געאַרבעט אויפֿן אעראָדראָם, בײַ די דײַטשישע אײַנהײַטן, אין די אונטערנעמונגען פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג און אין פֿרענקלס פֿאַבריק. די בעסערע פֿאַכלײַט — שוסטער, שנײַדער, זייגערמאַכער און אַנדערע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין די „ווערקשטובן“, וואָס זײַנען געווען אין שטאָט אויף וואַרפּאָ גאַס.

Jews considered master craftsmen, along with managers and skilled workers at the [Frenkel] factory and the higher-ranked employees of the Jewish council, had pink permits. During the early period, these pink permits gave them the right to travel freely in the city at any time

די ייִדן, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פֿאַר מײַסטערס פֿון זייערע ווערקשטובן, האָבן צוגלײַך מיט די פֿאַראַנט־וואָרטלעכע אָנגעשטעלטע און מײַסטערס פֿון פֿאַבריק און די העכערע אָנגעשטעלטע פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט געהאַט ראָזע צעטלען. די ראָזע צעטלען האָבן די געגעבן דאָס רעכט די ערשטע צײַט

of day.

אַרומצוגיין פֿרײַ אין שטאָט אין יעדער צײַט פֿון טאָג.

For those whom the labor office could not send to work, because they were sickly, old or women with small children, things went badly. It was dangerous for them and uncomfortable for the ghetto. The Jewish council tried to locate appropriate jobs for them. Help came from a Lithuanian lady, Miss Venclauskaitė, the daughter of a well-known lawyer, a former minister and labor leader.[17]

שלעכט איז געװען מיט די, װעלכע דער אַרבעטסאַמט האָט ניט געקענט שיקן אויף אַרבעט, זיי זײַנען געװען שװאַכע, אַלטע אָדער פֿרויען מיט קליינע קינדער. עס איז געװען אַ געפֿאַר פֿאַר זיי און פֿאַרן געטאָ אומבאַקװעם. די ייִדישע פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט געזוכט פֿאַר זיי פּאַסנדיקע אַרבעט־שטעלן. צוהילף איז געקומען דאָס ליטװישע פֿריילן װענצלאַוסקײַטע. איר פֿאָטער איז געװען אַ באַרימטער אַדװאָקאַט, אַ געװעזענער מיניסטער און אַרבעטער־פֿירער.

In a time of trouble, the Venclauskas family was among the few Lithuanian families that truly tried to save Jews.

אין דער עת צרה איז די פֿאַמיליע װענצלאַוסקאַס געװען פֿון די װייניקע ליטװישע פֿאַמיליעס, װאָס האָט באמת געזוכט צו ראַטעװען ייִדן.

Miss Venclauskaitė approached city officials and obtained permission to open workshops for tailoring, jewelry making, lingerie and corset making. She hired Jewish women for these workshops. To authorize the large number of Jewish women workers, the shops had to show that they were actually performing work. She had to prepare fictional balance sheets and at the same time pay out large amounts. Miss Venclauskaitė did this, and thus paid out quite a sum of money from her own pocket.

פֿריילן װענצלאַוסקײַטע איז אַװעק אין שטאָט־פֿאַרװאַלטונג און האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש אויפֿצועפֿענען װערקשטאַטען פֿון שנײַדערײַ, פּוצנמאַכערײַ, פֿרויענװעש און קאָרסעטן־מאַכערײַ. אין די „װערקשטובן“ האָט זי אַרײַנגענומען ייִדישע פֿרויען. כּדי צו באַרעכטיקן די גרויסע צאָל ייִדישע אַרבעטערינס, האָבן די “װערקשטובן” געדאַרפֿט באַװײַזן, אַז זיי לייסטן אַרבעט. זי האָט געדאַרפֿט צושטעלן פֿיקטיװע באַלאַנסן און גלײַכצײַטיק צאָלן גרויסע שטײַערן. דאָס פֿלעגט פֿריילן װענצלאַוסקײַטע טאָן און דערלייגן פֿון איר קעשענע אַ טייל שטײַערן.

Similarly, for a number of women in the ghetto, who could not actually leave the ghetto — elderly ones and women with small children — Miss Venclauskaitė proposed to the German military authorities that they be put to work making ear-protectors for the army, and the authorities accepted this. Then Miss Venclauskaitė told city officials that her workshops lacked sufficient room for all her women workers, so she needed to give them jobs in the ghetto. And she received permission for this.

אַזוי װי אין געטאָ איז געװען אַ טייל פֿרויען, װאָס האָבן אַפֿילו דאָס געטאָ ניט געקענט פֿאַרלאָזן — אַלטע און פֿרויען פֿון קליינע קינדער — האָט װענצלאַוסקײַטע פֿאָרגעלייגט דער דײַטשישער מיליטערמאַכט צוצושטעלן פֿאַר דער אַרמיי אויערן־שיצער, און די מאַכט האָט עס אָנגענומען. דאַן האָט װענצלאַוסקײַטע געמאָלדן דער שטאָט־פֿאַרװאַלטונג, אַז אין אירע „װערקשטובן“ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אַלע אירע אַרבעטערינס און זי מוז דעריבער געבן זיי אַרבעט אין געטאָ. און זי האָט באַקומען די דערלויבעניש דערצו.

Besides all the jobs mentioned, there soon developed a new occupation: domestic servant. Many Jewish women signed up to be maids in

אויסער די אַלע אָנגערופֿענע אַרבעטשטעלן איז געװאָרן אין געטאָ גאַנגבאַר נאָך אַ פֿאַך : הויזדינסט. אַ סך ייִדישע פֿרויען האָבן זיך פֿאַרשריבן אַלס דינסטן בײַ געװיסע פּראָמינענטע ליטװינער. דאָס האָט זיי געגעבן

17 Danutė Venclauskaitė, her sister Gražbylė and mother Stansilava Venclauskienė, were later recognized as Righteous Gentiles by Yad Vashem. Their father, Kazimieras Venclauskas, served as mayor of Šiauliai after Lithuania became independent in 1919, and later was active in social-democratic causes.

the homes of certain prominent Lithuanians. This gave them official status as workers and also the opportunity to leave the ghetto and obtain a little food. From January 1, 1942, Jewish women were forbidden to be servants in private homes.

דאָס רעכט צו פֿאַררעכנט ווערן ווי אַרבעטערינס און גלײַכצײַטיק באַקומען די מיגלעכקייט אַרויסצוגיין פֿון געטאָ און פֿאַרשאַפֿן זיך עטוואָס שפּײַז. פֿון 1טן יאַנואַר 1942 איז פֿאַרבאָטן געוואָרן די ייִדישע פֿרויען צו זײַן בײַ פּריוואַטע פּערזאָנען דינסטן.

Since the ear-protector jobs were only seasonal, the Jewish council again had to find work for those left unemployed. To that end, the "ghetto workshops" were established.

אַזוי ווי די אַרבעט פֿון אויערן־שיצער איז געווען בלויז אַ סעזאָן־אַרבעט, האָבן זיך ווײַטער אײַנגעפֿונען אַרבעטסלאָזע, פֿאַר וועלכע די געטאָ־פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט געמוזט זוכן אַרבעט. צו דעם צוועק זײַנען געגרינדעט געוואָרן די „געטאָ־ווערקשטובן".

In March, 1942, the council received a notice from the deputy for Jewish affairs Mockaitis— Stankus had been fired and arrested — that the labor office had given it permission to open shops in the ghetto for shoemaking, tailoring, a chemical laboratory, a laundry, and later also a cardboard factory. They were supposed to only serve the ghetto, but in fact they also served non-Jews.

אין מערץ 1942 האָט די ייִדישע פֿאָרשטייערשאַפֿט געקראָגן אַ מעלדונג פֿון דעם פֿאָרשטייער פֿאַר ייִדיש ענינים מאָצקײַטיס — סטאַנקוס איז געווען אַראָפּ און שוין אַרעסטירט — אַז דער אַרבעטס־אַמט האָט געגעבן די דערלויבעניש צו עפֿענען אין געטאָ וואַרשטאַטן פֿאַר שוסטערײַ, שנײַדערײַ, אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע, אַ וועשערײַ, און שפּעטער אויך אַ קאַרטאָנאַזש־פֿאַבריקל. זיי האָבן געדאַרפֿט באַדינען דעם געטאָ. פֿאַקטיש אָבער האָבן זײַ אַלע באַדינט אויך ניט־ייִדן.

Later a brush-maker was added to the ghetto workshops.

שפּעטער איז צו די אַלע „ווערקשטובן" צוגעקומען אַ בערשטערײַ.

All together, the workshops generated profits between 50,000 and 60,000 marks per month. These earnings gave the Jewish council the opportunity to provide bread for the illegal workers and, later in the summer, to endure the terrible peat-mining camps. The workshops also made it possible for the ghetto bosses to purchase certain "favors." The most skilled shoemakers worked in the shoe shop, and kept all the German and Lithuanian officials and their families in boots, half-boots and other kinds of shoes. From small scraps of colored leather, the Jewish cobblers fashioned mosaics of different leather cushions and baskets, which were amazingly beautiful. Others seemed like artistic carpets. The cushions gained a name among the murderers throughout the Baltics and the Reich. The pillows were given as gifts to all the "honored lords," among them Goebbels, Rosenberg and others. In time the cushions became magic tokens, with which one could gain freedom

אין סך הכּל האָבן די אַלע „ווערקשטובן" געגעבן ריווח פֿון 50 ביז 60 טויזנט מאַרק אַ חודש. די סומעס האָבן געגעבן דער פֿאָרשטייערשאַפֿט די מיגלעכקייט צו שאַפֿן ברויט פֿאַר די שוואַרץ־אַרבעטער און אויסהאַלטן שפּעטער אין זומער די שרעקלעכע טאָרף־לאַגערן. גלײַכצײַטיק האָבן די „ווערקשטובן" באַדינט די אַלע אדונים פֿון געטאָ און האָבן דערמיגלעכט אויסצוקויפֿן פֿון זיי געוויסע „חסדים". אין דער שוסטערײַ האָבן געאַרבעט די בעסטע ייִדישע מײַסטערס און זיי האָבן פֿאַרזאָרגט די אַלע דײַטשישע און ליטווישע באַאַמטע מיט שטיוול, האַלבשטיוול און אַלערליי שיך פֿאַר זיי און זייערע פֿאַמיליעס. די ייִדישע שטעפּערײַ האָט פֿון קליינע פֿאַרביקע ברעקלעך אָפּפֿאַללעדער אויסגעאַרבעט אַ מאָזאַיִק פֿון פֿאַרשיידענע לעדערקישנס און קערב, וועלכע זײַנען געווען צום באַוווּנדערן שיין. אַנדערע האָבן אויסגעזען ווי קונסטפֿולע טעפּיכער. די קישנס האָבן באַקומען אַ נאָמען צווישן אַלע אונדזערע רוצחים פֿון באַלטיקום און „רײַך". די קישלעך זײַנען געשיקט געוואָרן אַלס מתּנות צו אַלע „חשובֿע הערן", צווישן זײַ געבעלס, ראָזענבערג און אַנדערע. די קישעלעך זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן אַ צויבער־מיטל, מיט וועלכן מ'האָט אויסגעפּועלט פֿרײַהייט פֿון תּפֿיסה אָדער אַנדערע הנחות פֿאַר ייִדן אין געטאָ.

from prison or other concessions for Jews in the ghetto.

Most of all, the workshops enabled the Jewish council to develop a broad range of social activities.

די אַלע ווערקשטובן האָבן דערמיגלעכט דער פֿאָרשטייערשאַפֿט צו אַנטוויקלען אַ ברייטע סאָציאַלע טעטיקייט.

First among these was the above-mentioned hospital, where at first 40 and later even more people — sick, malnourished, exhausted, with wounds all over their bodies and contagious diseases — received medication and care. All this required quite large sums of money, which were never lacking. Then there was the provisions management. The official ration was 100 to 200 grams daily. Without additional supplements of food, people would grow malnourished. A number of Jews risked their lives to bring in contraband items. But many more, who did not leave the ghetto or could not carry things in, received help from the ghetto cooperative, receiving extra portions of bread or cereal or other products at normal prices. The poor received bread and other foodstuffs completely free.

אין ערשטער ריי האָט באַקומען דאָס אויבן־באַשריבענע קראַנקהויז — פֿריער 40 און שפּעטער נאָך מער מענטשן, קראַנקע, פֿאַרהונגערטע אויסגעמוטשעטע, מיט ווונדן אויפֿן גאַנצן קערפּער און מיט קלעפּיקע קראַנקייטן — אַלע מעדיקאַמענטן און אַן אויסערגעוויינטלעכע פֿאַרפֿלעגונג. דאָס אַלץ האָט געקאָסט זייער גרויסע סומעס, און די האָבן קיינמאָל ניט געפֿעלט. דאַן איז געווען די ברויטפֿאַרוואַלטונג. די אָפֿילציעלע נאָרמע איז געווען 100־200 גראַם טעגלעך. מענטשן וואָלטן פֿאַרהונגערט געוואָרן, ווען זיי וואָלטן ניט באַקומען מן הצד קיין צוגאָב־שפּייַז. אַ טייל ייִדן האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אַרייַנגעטראָגן קאָנטראַבאַנדע. אַ גרויסע טייל אָבער, וואָס איז ניט אַרויס פֿון געטאָ, אָדער האָט ניט געקענט אַרייַנטראָגן, האָט געקראָגן הילף פֿון געטאָ־קאָאָפּעראַטיוו דורך צוגאָב־פּאָרציעס פֿון ברויט אָדער דורך גרויפּן און אַנדערע פּראָדוקטן פֿאַר נאָרמאַלע פּרייַזן. די אָרעמע האָבן די פּראָדוקטן און ברויט באַקומען אינגאַנצן אומזיסט.

The Šiauliai ghetto thus did not suffer as much from hunger as did other ghettos. However, a particularly bad time was the end of winter and spring 1942, when mass arrests halted the flow of goods into the ghetto. Later the situation improved.

דאָס שאַוולער געטאָ האָט אויף אַזאַ אופֿן ניט געהונגערט אַזוי פֿיל, וויפֿיל עס האָבן געהונגערט אַנדערע געטאָס. אַ שווערע צייַט איז געווען בלויז סוף ווינטער און פֿרילינג פֿון 1942, ווען די מאַסן־אַרעסטן האָבן אָפּגעשטעלט דאָס אַרייַנברענגען אין געטאָ פֿון פּראָדוקטן. שפּעטער איז די לאַגע געוואָרן בעסער.

Speaking of social help, I must give a favorable mention to those who gave their all to the work. Foremost among these must be mentioned Shleymovitch. Even before the war he was a rare type of philanthropist. In the ghetto he was completely devoted to social help.

ריידנדיק וועגן סאָציאַלער הילף מוז איך דערמאָנען צום גוטן די, וועלכע האָבן זיך איבערגעבן דער אַרבעט מיט לייב און לעבן. אין ערשטער ריי מוז דערמאָנט ווערן שליימאָוויטש. ער איז נאָך פֿאַרן קריג געווען אַ זעלטענער טיפּ פֿון אַ מתן־בסתר־געבער. אין געטאָ האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער סאָציאַלער הילף.

Equal to him was Mendel Rubinshtein. At first he worked in the factory, where he had earlier been the director. Later he worked in the chemical laboratory and in the court. He also constantly sought out people who were in need, particularly the intellectuals and the modest ones who would not ask for

און יבֿדל ממנו לחיים איז מענדל רובינשטיין. ער האָט צוערשט געאַרבעט אין דער פֿאַבריק, ווו ער איז געשטאַנען פֿריער בראש. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע און אין געריכט. אויך ער פֿלעגט שוין אויסזוכן אַלעמאָל די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין נויט, באַזונדערס די אינטעליגענטע און באַשיידענע, וועלכע פֿלעגן אַליין ניט בעטן. ניט פֿרעגנדיק — אונטערטראָגן זיי אין דער

themselves. Without asking, he provided for them quietly, at times without them even knowing the source. His help was mostly given in his own modest fashion. Many people of the ghetto have him to thank for receiving help in their times of greatest need.

שטיל, אַמאָל אַזוי, אַז זיי פֿלעגן ניט וויסן פֿון וועמען. זײַן הילף איז דאָס רובֿ געווען פֿון זײַנע אייגענע באַשיידענע מיטלען. פֿיל מענטשן פֿון געטאָ האָבן אים צו פֿאַרדאַנקען, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעהאָלפֿן אין דער צײַט פֿון דער גרעסטער נויט.

In that difficult and bitter time, there were few who held out against moral temptation. But those who held on to their humanity were like stars in a dark night, spreading light in our dark lives.

אין יענער שווערער און ביטערער צײַט האָבן ווייניקע אויסגעהאַלטן דעם נסיון ניט צו פֿאַלן מאָראַליש. אָבער די אייניקע, וואָס האָבן דערהאַלטן זייער מענטשלעכקייט, האָבן ווי שטערן אין אַ פֿינצטערער נאַכט געשפּרייט ליכט אין אונדזער פֿינצטערן לעבן.

## Shrinking the ghetto

## קירצונג פֿון געטאָ

On a wet and cold April day, the Jewish council received an order redrawing the ghetto boundaries to remove the large Stankus house, surrounding houses on Traku Street, and parts of Ezero and Zilvicius streets. In all, nearly 1,000 Jews had to leave their residences. The point of this was twofold: First, to cut the ghetto off from the town and confine it to the lowlands by the lake, so it should be bordered on one side by the lake, on another by the prison, on the third by the factory and on the fourth by the guardhouse. The second intention was to crowd the ghetto and fully embitter the lives of its inhabitants.

אין איין נאַסן און קאַלטן אַפּריל טאָג האָט די פֿאָרשטייערשאַפֿט באַקומען דעם באַפֿעל אָפּצוראַמען פֿון געטאָ דאָס גרויסע סטאַנקוס־הויז, די אַלע איבעריקע הייזער פֿון טראָקער גאַס מיט אַ שטיק פֿון עזשעראָ און זשילוויטשער גאַסן. בס"ה האָבן געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן זייערע הייזער ביז אַ 1.000 ייִדן. דער ציל איז געווען אַ טאָפּלטער : ערשטנס, אָפּשנײַדן דאָס געטאָ פֿון שטאָט און אַרײַנשטופּן עס אין גאַנצן אין טאָל פֿון דער אָזערע, אַזוי, אַז עס זאָל זײַן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן : פֿון איין זײַט די אָזערע, פֿון דער אַנדער זײַט די תּפֿיסה, פֿון דריטער זײַט די פֿאַבריק און פֿון דער פֿערטער זײַט — די וואַך. צווייטנס איז דאָ געווען אַ כּוונה — נאָכמער צו פֿאַרענגען דאָס געטאָ און אינגאַנצן פֿאַרביטערן דאָס לעבן פֿון זײַנע אײַנוווינער.

The housing committee had to work for weeks to resettle people in the reduced area.

וואָכנלאַנג האָט די קוואַרטיר־קאָמיסיע געדאַרפֿט אַרבעטן, ביז זי האָט די מענטשן אַרײַנגעשפּאַרט אין פֿאַרענגטן שטח.

The Passover holiday was one of the most difficult times in the ghetto. Supplies of bread, potatoes and other foodstuffs were inadequate. I remember that council chairman Mendel Leibovich and general secretary Aharon Katz had to search to obtain a bit of bread for their seder.

דער יום טוב פּסח איז געווען איינער פֿון די שווערסטע צײַטן אין געטאָ. עס האָט אויסגעפֿעלט ברויט, קאַרטאָפֿל און אַנדערע שפּײַז־זאַכן. איך געדענק, אַז צו סדר איז דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט מענדל לייבאָוויטש מיטן גענ. סעקרעטאַר אהרן כּץ געגאַנגען זוכן אַ שטיקל ברויט.

Yet in spite of the hunger, devout Jews conducted proper seders, eating matza, baked on griddles out of crudely ground wheat flour, followed by potatoes “baked in the skin,” and savoring the words of the Haggadah: “This year we are slaves, next year we will be free

ניט קוקנדיק אויפֿן הונגער, האָבן פֿרומע ייִדן געפּראַוועט דעם סדר כּהלכתו, געגעסן מצה, געבאַקטע אויפֿן פּליטע פֿון גראָב־געמאָלענע ווײַצמעל, פֿאַרביסן מיט אַ בולבע „געבאַקן אין פּעלצל“ און געשמאַק געזאָגט די הגדה : „השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין, השתא הכא לשנה הבאה בירושלים“.

people. This year we are here, next year in Jerusalem.”

## The peat-mine decree

## גזירת־טאָרף

On May 1 the council received an order to provide 480 married men for the Radviliskis peat-mining camp.

דעם ערשטן מאַי האָט די פֿאָרשטייערשאַפֿט באַקומען אַ באַפֿעל צוצושטעלן פֿאַר ראַדווילישקער טאָרף־לאַגער 480 פֿאַרהייראַטע מענער.

On May 2, guards entered, to the ghetto’s great distress: They were the same Lithuanian partisans who had massacred Jews in Radviliskis. The Jewish police rounded up the designated workers, and the en tire group left on foot for the peat-mining camp, accompanied by the administrator Burgin.

דעם 2טן מאַי זײַנען געקומען די וואַכלײַט און אין געטאָ איז געוואָרן טרויעריק : דאָס זײַנען געווען די אַלע ליטווישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אין ראַדווילישקי דורכגעפֿירט די אויסראָטונג פֿון ייִדן. די ייִדישע פּאָליציי האָט צוזאַמענגעטריבן די פֿאַרמישפּטע, און די גאַנצע פּאַרטיע איז אַרויס צופֿוס צו די טאָרף־לאַגערן אין באַגלייטונג פֿון אַדמיניסטראַטאָר בורגין.

When Burgin returned with the news that the men were alive, there was joy in the ghetto. But soon their long misery began. In the [peat-mine] barracks, which had previously housed Russian prisoners of war, the walls and beds were full of fleas and lice. People were devoured by insects. To save themselves, people slept outdoors or on the barrack roofs. The work was organized in three shifts, day and night.  People would stand by the machines for eight hours, hip deep in mud, eaten by gnats that completely covered them. It took two hours to walk from the barracks to the machines, and when they returned there was no real chance to rest, because a few hours later the workers from the next shift would return, making a tumult and driving their comrades from their beds.

אַז בורגין איז געקומען און איבערגעגעבן אַ גערוס, אַז די מענער לעבן, איז געוואָרן אַ שׂימחה אין געטאָ. באַלד האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן די לאַנגזאַמע צרות. די באַראַקעס, ווו ס'האָבן פֿריער געלעבט רוסישע געפֿאַנגענע. די ווענט און די בעטן זײַנען געווען פֿול מיט פֿליי און לײַז. די מענטשן זײַנען צעפֿרעסן געוואָרן פֿון די אינזעקטן. כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון זיי, פֿלעגן די מענטשן שלאָפֿן אינדרויסן און אויף די דעכער פֿון די באַראַקעס. די אַרבעט איז געגאַנגען אין 3 שיכטן דורך טאָג און דורך נאַכט. 8 שעה פֿלעגן די מענטשן שטיין בײַ דער מאַשין ביז די לענדן אין בלאָטע, געפֿרעסן פֿון מוקן, וואָס האָבן זיי ממש באַדעקט. 2 שעה פֿלעגט דויערן דער גאַנג פֿון באַראַק ביז דער מאַשין, און קומענדיק אַהיים פֿלעגן זיי ניט קענען אַפֿילו אויסרוען זיך, ווײַל אייניקע שעה שפּעטער פֿלעגן קומען די אַרבעטער פֿון דער שיכט, וואָס האָט געענדיקט אַרבעטן, פֿלעגן מאַכן אַ טומל און טרײַבן זייערע חברים פֿון די בעטן.

The night shifts were especially hard. Broken and tired, the workers had to trudge a couple of hours to the peat-mining machines, and then begin the forced labor: Bare to the knee, they would follow the machines that cut the edges in the peat. Whoever could not follow the machines would be beaten. The work made them hungry: the official ration consisted of 200 grams of bread and a bit of cereal per day, 240 grams of horsemeat and 50 grams of fat per week. In the morning and evening, some

באַזונדער שווער איז געווען די נאַכטשיכט. אויפֿגעשטאַנען צעבראָכן און מיד פֿלעגן זיך די אַרבעטער דאַרפֿן שלעפּן אין די בלאָטעס בין די טאָרף־מאַשינעס אַ פּאָר שעה, און דאַן פֿלעגט זיך ערשט אָנהויבן די קאַרטאָזשנע אַרבעט : באָרוועסע ביז די קני, פֿלעגן זיי דאַרפֿן נאָכהאַלטן די מאַשינעס, וואָס פֿלעגט אַרײַנעמען אַ תּהום מיט טאָרף. ווער עס האָט ניט געקענט נאָכהאַלטן מיט דער מאַשין, האָט ווײַטער געקראָגן קלעפּ. בײַ אַזאַ אַרבעט האָבן די מענטשן געהונגערט : די אָפֿיציעלע פֿאַרפֿלעגונג איז באַשטאַנען פֿון 200 גראַם ברויט טעגלעך, עטוואָס גרויפּן אַלע טאָג, 240 גראַם פֿערדיש פֿלייש אַ וואָך און 50 גראַם פֿעטס

bitter coffee. Most days the food was delayed, and people would receive nothing at all to eat.

יעדע וואָך. אין דער פֿרי און אין אָוונט ביטערע קאַווע. מערערע טעג פֿלעגן זיך פֿאַרהאַלטן די פּראָדוקטן, און די מענטשן פֿלעגן גאָרניט באַקומען צום עסן.

The Jewish council arranged some assistance, but it was inadequate. Bread could be smuggled in, but other products, such as white flour, meat and fats were almost impossible to obtain. The guards would not permit it.

די פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט אַראַנזשירט הילף, אָבער עס האָט ניט געקלעקט. ברויט האָט מען געקענט אַרײַנשמוגלען, אָבער אַנדערע פּראָדוקטן : ווײַסע מעל, פֿלייש און פֿעטס איז געווען כּמעט אוממיגלעך אַרײַנצוקריגן. די וואַך האָט ניט געלאָזט.

From the first days there were about 60 sick people who absolutely could not work, but the murderous director, Reshko, a former white-armbander who had previously organized the massacre of the Jews in Radviliskis, would not release the sick ones, demanding an additional 60 workers from the ghetto in their place.

שוין אין די ערשטע טעג האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ 60 קראַנקע, וואָס האָבן שוין לחלוטין ניט געקענט אַרבעטן, אָבער דער מערדערישער דירעקטאָר רעשקאָ, אַ געוועזענער ווײַסגוואַרדײַער און פֿריערדיקער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער ייִדן־שחיטה אין ראַדווילישאָק, האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן די קראַנקע, פֿאָדערנדיק פֿון געטאָ נײַע 60 אַרבעטער אויף זייער אָרט.

Radviliskis was just the beginning of the peat-mine saga. On July 15 a new group of 250 Jews left for peat-mining work in Bačiunai. The living conditions there were similar to those in Radviliskis, but the work regime there was lighter. The director of the peat-mining group there was Siratuvicius, whose character was not so bad, and with whom one could negotiate. The Šiauliai chief of police, Grėbliūnas, used to select the guards, and he would send the better policemen.[18] Every Saturday afternoon, most of the workers would return to the ghetto. They did not have to work at night. People worked hard there — it was still forced labor, but they were not driven as hard as were those in Radviliskis.

מיט ראַדווילישאָק האָט זיך אָנגעהויבן די טאָרף־עפּאָפּייע, דעם 15טן יולי איז אַרויס אַ נײַע גרופּע פֿון 250 ייִדן צו טאָרף־אַרבעט אין באַטשיונײַ. די וווין־באַדינגונגען זײַנען דאָרטן געווען ווי אין ראַדווילישאָק, נאָר דער רעזשים איז דאָרט געווען לײַכטערער. דער דירעקטאָר פֿון די טאָרפֿגרובן איז דאָרט געווען סיראַטאָוויטשיוס, אַ מענטש אין נאַטור ניט קיין שלעכטער, און מיט אים איז מען דורכגעקומען. די וואַך פֿלעגט שיקן דער שעף פֿון דער פּאָליציי אין שאַוול גרעבליונאַס, און ער האָט געשיקט בעסער פּאָליציסטן. אַלע וואָך שבת נאָכמיטאָק פֿלעגט די מערהייט קומען אַהיים אין געטאָ. חוץ דעם איז דאָרט ניט געווען קיין נאַכטאַרבעט. די מענטשן האָבן דאָרט געאַרבעט שווער, ווײַל די אַרבעט אַליין איז געווען אַ קאַטראָזשנע, אָבער זיי זײַנען דאָרט ניט אַזוי געדריקט געוואָרן, ווי אין ראַדווילישאָק.

Besides Bačiunai, other small camps were set up: At Radviliskis, under the administration of the “*Pianotsentras*” dairy cooperative, there were 21 men with one guard. They all lived in one narrow, dirty barn, but they received more to eat and the work was not so hard.

אויסער באַטשיונײַ זײַנען געשאַפֿן געוואָרן קלענערע לאַגערן : בײַ ראַדווילישאָק, אין דער ווירטשאַפֿט פֿון דעם מילך־פּוטער־קאָאָפּעראַטיוו „פּיענאָצענטראַס“. דאָרט זײַנען געווען 21 מאַן מיט איין וואַכמאַן. זיי האָבן אַלע געלעבט אין אַ שטאַל ענג און שמוציק, אָבער זיי האָבן באַקומען מער צו עסן און די אַרבעט איז ניט געווען אַזוי שווער.

Another place was Pavenčiai, near the sugar factory of the same name. Here the Jewish workers, 31 men, lived in a barrack near the

נאָך אַן אָרט איז געווען פּאַווענטשיאַי, בײַ דער צוקערפֿאַבריק מיט דעם זעלביקן נאָמען. אויך דאָ האָבן די ייִדישע אַרבעטער, 31 מאַן, געלעבט אין באַראַקעס לעבן די טאָרף־פֿעלדער. אָבער אויך דאָ

18 According to an article in the Yiddish daily Forward from June 30, 1957, Dr. Peisachowitz had successfully treated Grėbliūnas for a blood infection, after which the Lithuanian police chief became more favorably disposed toward the Jews.

peat grounds. But here as well they did not suffer from hunger.

האָבן זיי ניט געהונגערט.

The work in the peat-mining camps lasted until October.

די אַרבעט אין די טאָרף־לאַגערן האָט זיך געצויגן ביז אָקטאָבער.

How was life during the peat-mining period?

ווי האָט דאָס געטאָ געלעבט אין דעם טאָרף־פּעריאָד ?

From the ghetto, 860 people went out, about a fifth of the entire ghetto population, but almost half of all those able to work. Left in the ghetto were mostly women and children, who occupied themselves with housework and gardening. The Traku area covered about one hectare of land,[19] and the Kaukazas area around four hectares. The area was divided into small plots, and each one worked his own plot, receiving seed from the Jewish council. Children helped work the gardens, and it was a joy to see how the small children cultivated their small garden plots with perseverance and diligence. Amazing vegetables used to grow there. Even the murderous visitors from the *Gebietskomisariat* and the security police would offer compliments to the gardeners. The men and women still able to work went to their jobs at the aerodrome, the factory, the military provisions store, the dairy cooperative, the railroad, the Todt Organization,[20] or others. A few hundred worked in private homes in the city.

פֿון געטאָ זײַנען אַרויס 860 מענטשן, דאָס איז געווען אַן ערך אַ פֿינפֿטל פֿון דער גאַנצער געטאָ־באַפֿעלקערונג, אָבער כּמעט אַ הלעפֿט פֿון אַלע אַרבעטפֿעיִקע. אין געטאָ זײַנען געבליבן דאָס רובֿ פֿרויען און קינדער. די קינדער און פֿרויען האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט אין שטוב אָדער גאָרטן. אין טראָקער ראַיאָן איז געווען אַרום אַ העקטאַר לאַנד און אין קאַווקאַזער ראַיאָן אַ 4 העקטאַר. דער שטח איז געוואָרן פֿאַרטיילט אין קליינע חלקים, און יעדער האָט זײַן חלק באַאַרבעט, באַקומענדיק זריעה פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט. מיט דער גאָרטן־ווירטשאַפֿט האָבן זיך פֿאַרנומען די קינדער און עס איז געווען אַ נחת צו זען, ווי די קליינע קינדערלעך האָבן מיט עקשנות און פֿלייס באַאַרבעט זייער שטיקעלע גאָרטן. עס זײַנען אויפֿגעגאַנגען גרינסן צו באַוווּנדערן. אַפֿילו די רוצחישע באַזוכער פֿון געביטס־קאָמיסאַריאַט און פֿון זיכערקייט־פּאָליציי פֿלעגן אָפּגעבן קאָמפּלימענטן די אַרבעטער פֿון די גערטנער. די איבעריקע אַרבעטפֿעיִקע מענער און פֿרויען האָבן ווײַטער געאַרבעט אויף זייערע אַרבעטשטעלעס : אַעראָדראָם, פֿאַבריק, ה. פּ. מ.[21], פּיענאַזענטראַס, באַן, א. ט.[22] און אַנדערע. אַ פּאָר הונדערט האָבן געאַרבעט אין שטאָט בײַ פּריוואַטע בעלי־בתּים.

They would all leave every morning from the ghetto gate, marching in columns to their workplaces, accompanied by a Lithuanian or a German. Despite fearing for their lives as they walked home from work, the Jews would carry concealed bread, grain, butter, eggs, etc. There were often police raids, but these generally did not have serious consequences.

די אַלע פֿלעגן יעדן פֿרימאָרגן אַרויסגיין פֿון געטאָ־טויער, אויסשטעלן זיך אין קאָלאָנעס, און אין אַ באַגלייטונג פֿון ליטווינער אָדער דײַטש אַוועק צו דער אַרבעטשטעלע. גייענדיק פֿון דער אַרבעט פֿלעגן די ייִדן אין טויט־שרעק באַהאַלטענערהייט טראָגן אויף זיך ברויט, גרויפּן, פּוטער, אייער א. א. וו. ווײַל עס פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען אויף זיי אָבלאַוועס, וואָס האָבן אָבער ניט געהאַט קיין ערנסטע רעזולטאַטן.

## August 30, 1942

## דרײַסיקסטער אויגוסט, 1942

Once, however, there was a raid that was

איינמאָל איז אָבער די אָבוואַלע געוון אַנדערש ווי

19 Approximately 2.5 acres.
20 The German military engineering firm named for its founder, Fritz Todt, a senior Nazi.
21 Heeresverpflegungsmagazin.
22 Organisation “Todt.”

different from all the others. That was on August 30, 1942, a Friday.[23] A column of some 20 people was going by. Some carried food with them, some were concealing it in their pockets. Opposite the prison, not far from the gate, the column was suddenly surrounded *Gebietskomissar* Gewecke, the economic manager Shriver, chief of staff Dervart, Dr. Charney, Shvant and other brownshirts from the *Gebietskommissariat*. The *Gebietskomissar* got down from his vehicle, approached and frisked each one. He found the people themselves holding very little, but around them were thrown packages of flour, half-kilos of butter, bread, grain and apples.

אַלעמאָל. דאָס איז געווען דעם דרײַסיקסטן אויגוסט 1942, פֿרײַטיק. עס איז געגאַנגען אַ קאָלאָנע פֿון אַ 20 מענטשן. אַנדערע האָבן געטראָגן די שפּײַז אויף זיך, אַנדערע האָבן עס געהאַלטן אין זעקלעך. אַנטקעגן תּפֿיסה, ניט ווײַט פֿון טויער, איז די קאָלאָנע פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון דעם געביטס־קאָמיסאַר געוועקע, ווירטש.־לייטער אינזשעניר שריווער, שטאַבסלייטער דערוואַרט, דר. טשאַרני, שוואַנט און נאָך אַנדערע ברוינע לײַט פֿון דעם געביטס־קאָמיסאַריאַט. דער געביטס־קאָמיסאַר איז אַראָפּ פֿון זײַן וואָגן און איז בכבודו ובעצמו צוגעגאַנגען צו יעדן און האָט אים באַטאַפּט. בײַ די מענטשן אַליין האָט ער ניט געפֿונען קיין גרויסע זאַכן, אָבער אַרום זיי זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן : זעקלעך מעל, 2 האַלבע קילאָס פּוטער, ברויט, גרויפּן און עפּל.

The next day the Jewish council was summoned to the district commissioner’s office. The *Gebietskommissar* informed them that since, despite his warnings, the ghetto continued to engage in prohibited black-market activity, he was demanding that the council produce a list of 50 black-marketeers, who on Monday would be taken out by the prison and shot. The effect this had on the ghetto can be imagined. People had not known exactly why the council had been summoned to the district commissioner’s office, but it had the smell of something bloody.

אויף מאָרגן איז די פֿאָרשטייערשאַפֿט אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צו קומען אין געביטס־קאָמיסאַריאַט. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט געמאָלדן, אַז היות ניט געקוקט אויף זײַנע וואָרענונגען, איז דאָס געטאָ ממשיך דעם פֿאַרברעכערישן שוואַרצהאַנדל, דעריבער פֿאָדערט ער אויף די פֿאָרשטייערשאַפֿט אַרויסצוגעבן 50 שוואַרצהענדלער וואָס מען וועט אַרויספֿירן מאָנטיק לעבן תּפֿיסה און שיסן. עס איז זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין געטאָ. אין געטאָ האָט מען אמת קלאָר ניט געוווּסט וועגן די פֿאָדערונגען פֿון געביטס־קאָמיסאַריאַט, אָבער מ׳האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עס שמעקט מיט בלוט.

In the Jewish council office, discussions went on ceaselessly through the night of Aug. 31 to Sept. 1. Besides the representatives, administrators, police chiefs from both ghetto regions, several others were specifically invited to the meeting. The question: To give up 50 people, or not. None dared propose names, but at the same time no one would suggest that the council refuse to comply with the *Gebietskommissar’s* order. A suggestion was made to give up all those who had been caught in the column. It was a horrible night. Just before dawn, the meeting decided that the next day — Sept. 2, 1942 — at noon, the

אין שטוב פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט האָבן ניט אויפֿגעהערט די באַראַטונגען. די נאַכט פֿון 31טן אויגוסט אויפֿן 1טן סעפּטעמבער איז געווען אין פֿאָרשטייערשאַפֿט־שטוב אַ ליל שמורים. אויסער די פֿאָרשטייער, אַדמיניסטראַטאָרן, פּאָליציי־שעפֿן פֿון ביידע געטאָ־ראַיאָנען, זײַנען געקומען אויך אײַנגעלאָדענע ספּעציעל צו דער באַראַטונג. עס איז געשטאַנען די פֿראַגע : אַרויסגעבן די 50 מענטשן אָדער ניט. קיינער האָט ניט געוואַגט פֿאָרצולייגן נעמען, אָבער גלײַכצײַטיק האָט קיינער ניט געקענט פֿאָרלייגן דער פֿאָרשטייערשאַפֿט אָפּצוזאָגן זיך פֿון צו דערפֿילן דעם געביטס־קאָמיסאַרס באַפֿעל. עס איז געווען אַ פֿאָרשלאָג אַרויסצוגעבן די אַלע געכאַפּטע פֿון קאָלאָנע. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט. ערשט פֿאַרטאָג האָט די באַראַטונג באַשלאָסן, אַז מאָרגן, מאָנטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער 1942, 12 אַזייגער בײַטאָג, וועט די גאַנצע

23 In fact, Aug. 30, 1942 fell on a Sunday. Other sources (specifically, Dr. Aharon Pick’s diary) indicate that this event took place on Saturday, Aug. 29.

entire council, the administrators and the police chiefs would present themselves at the prison, to accept the sentence and be shot. The *Gebietskommissar* himself would have to choose any additional victims.

פֿאָרשטייערשאַפֿט מיט דער אַדמיניסטראַציע מיט די פּאָליציי־שעפֿן זיך אַוועקשטעלן נעבן תּפֿיסה גרייט אָנצונעמען דעם אורטייל און צו ווערן דערשאָסן. און די איבעריקע זאָל דער געביטס־קאָמיסאַר אַליין נעמען.

The next day they shared this decision with Dr. Günter. To everyone’s joy, the sacrifice was no longer demanded. At the last minute, the *Gebietskommissar* changed the sentence to a contribution of 20,000 marks, something that everyone accepted with joy.

אויף מאָרגן האָבן זיי דעם באַשלוס מיטגעטיילט דעם דר. גינטהער. צו אַלעמענס פֿרייד איז דער קרבן ניט געפֿאָדערט געוואָרן. אין דער לעצטער מינוט האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פֿאַרביטן דעם אורטייל אויף 20.000 מאַרק קאָנטריבוציע, וואָס אַלע האָבן אָנגענומען מיט שׂימחה.

The Jewish council had resisted the temptation to bloody its own hands. Instead, it had offered to martyr itself.

די ייִדישע פֿאָרשטייערשאַפֿט איז דעם נסיון בײַגעשטאַנען און האָט אירע הענט ניט אײַנגעטונקט מיט בלוט. זי האָט מקדש השם געווען.

This episode began a terrible period for the ghetto. The Jewish police became stricter than the Lithuanians. Workers with jobs outside the ghetto no longer permitted the careless among them to smuggle in contraband. Controls were tightened on speculators. The council feared serious consequences, including for itself, because the *Gebietskommissar* had made them personally responsible for any further cases of speculation.

נאָך דער געשיכטע האָט דאָס געטאָ באַהערשט אַ טעראָר־שטימונג. די ייִדישע פּאָליציי איז געוואָרן שטרענגער פֿון דער ליטווישער פּאָליציי. די אייגענע אַרבעטער אויף די אַרבעטשטעלן האָבן ניט געלאָזט די אומפֿאָרזיכטיקערע נעמען מיט זיך קאָנטראַבאַנדע. עס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די קאָנטראָל אויף די ספּעקולאַנטן אין געטאָ. די פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט מורא געקראָגן פֿאַר שווערע פֿאָלגן, זי האָט אויך מורא געהאַט פֿאַר זיך אַליין, ווײַל דער געביטס־קאָמיסאַר האָט זיי געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן פֿאַל פֿון ספּעקולאַציע.

## The list of the 27

## די רשימה פֿון די 27

The representative of the German labor office in the ghetto was Izelis, from Tavrig [Tauragė]. He had little influence, however, because he could not make himself understood in German and needed a Jewish representative to translate. He could have done some nasty things, of course, but he did not. In some cases he warned the council about dangerous situtaions. In October 1942, however, he demanded lists of those unable to work who had not previously been registered. When asked what this demand meant, he said he had received a secret order from the leader of the labor office, the government councilor Dr. Günter, to get him the list of those unable to work without letting the Jewish council know of it. Dr. Günter told him that he did not want

דער פֿאַרטרעטער פֿונעם דײַטשישן אַרבעטסאַמט אין געטאָ איז געווען איזעליס פֿון טאַווריק. ער האָט אָבער געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג, ווײַל ער האָט זיך ניט געקענט גוט צונויפֿריידן אויף דײַטש און האָט זיך אַליין גענויטיקט אין דעם דאָלמעטשן פֿון די ייִדישע פֿאָרשטייער. רישעות, נאַטירלעך, האָט ער געקאָנט אָנטאָן, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן. אין געוויסע פֿאַלן פֿון געפֿאַר פֿלעגט ער וואַרענען דער פֿאָרשטייערשאַפֿט. אין אָקטאָבער 1942 האָט ער אָבער גענומען פֿאָדערן ליסטעס פֿון די ניט אַרבעטפֿעיִקע, וואָס עס איז פֿריער ניט געווען. ווען מ'האָט אים קלאָר געפֿרעגט, וואָס ער מיינט מיט זײַן פֿאָדערונג, האָט ער אויסגעזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ געהיימען באַפֿעל פֿון דעם לייטער פֿון אַרבעטסאַמט, פֿון דעם רעגירונגס־ראַט דר. גינטהער צוצושטעלן אים אָן דעם וויסן פֿון דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט די ליסטעס פֿון די ניט־אַרבעטפֿעיִקע. דר. גינטהער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל ניט דירעקט אָנקומען צו דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט. איזעליס האָט אים אַזאַ

to directly approach the Jewish council. Izelis did not get him the list. During November, Dr. Günter contacted the council directly. This implied that more raids and killing were coming. On November 17 the council called a broader meeting of all ghetto officers to consider what should be done. Should they refuse to furnish names of those unable to work, or follow the orders given them? The former would likely result in a larger extermination *aktion*, while the latter would implicate the council in the bloody business of murdering Jews.

ליסטע ניט צוגעשטעלט. אין חודש נאָוועמבער האָט זיך דר. גינטהער וועגן דעם געווענדט דירעקט צו דער געטאָ־פֿאָרשטייערשאַפֿט. עס האָט ווײַטער אַ וויי געטאָן מיט אַקציע און פֿאַרניכטונג. דעם 17טן נאָוועמבער האָט די פֿאָרשטייערשאַפֿט צונויפֿגערופֿן אַ ברייטערע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע באַאַמטע פֿונעם געטאָ און מען האָט באַטראַכט — וואָס זאָל מען טאָן ? צי זאָל מען אָפּזאָגן צוצושטעלן ידיעות פֿון ניט־אַרבעטפֿעיִקע אָדער זאָל מען דעם באַפֿעל פֿאָלגן ? אינעם ערשטן פֿאַל וואָלט מען געדאַרפֿט דערוואַרטן אַ גרעסערע אַקציע פֿון פֿאַרניכטונג, אינעם צווייטן פֿאַל האָבן די באַשליסער געדאַרפֿט ווערן מיטאַרבעטער אין דער בלוטיקער אַרבעט פֿון פֿאַרניכטן ייִדן.

The meeting decided on the second course, and collected a list of 27 persons. The 27 were mostly sad cases, cripples, elderly and senile people, those who were thought to be near death. But who has the right to take another's life, ostensibly "for the greater good" of all? This was the slippery road for all Jewish councils. For us in Šiauliai, the road began with abortions and ended with the list of the 27 souls.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך געשטעלט אויפֿן צווייטן וועג און זי האָט צונויפֿגעשטעלט אַ רשימה פֿון 27 פּערזאָן. די 27 זײַנען געווען מייסטנס וויסטע קאַליקעס, עובֿר־בטל אַלטע, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן בײַם שטאַרבן און ענלעכע, אָבער ווער האָט עס אַ רעכט אומצוברענגען מענטשלעכע לעבנס, כּלומרשט „צוליב דער טובֿה" פֿונעם כּלל ? עס איז געווען דער גליטשיקער וועג פֿון די אַלע ייִדן־ראַטן. בײַ אונדז אין שאַוול האָט דער וועג זיך אָנגעהויבן מיט אַבאָרטן און געענדיקט זיך מיט דער ליסטע פֿון 27 נפֿשות.

Even as they gave over the list, the council pleaded with the Nazi leaders and offered them large gifts, to avert the roundups and killing. Dr. Günter promised to help out as much as he could. And indeed, at that time no *aktions* took place.

אָפּגעבנדיק די ליסטע, האָט די פֿאָרשטייערשאָפֿט געבעטן תּחנונים בײַ אַלע נאַצישע פֿירער און האָט צווישן זיי פֿאַרטיילט גרויסע מתּנות, אַז זיי זאָלן די אַקציע אויסמיידן. דר. גינטהער האָט צוגעזאָגט מיטצוהעלפֿן ווי ווײַט זײַנע מיגלעכקייטן וועלן דערגרייכן. און עס אין צו קיין אַקציע אין דער צײַט ניט געקומען.

## The winter camps

## די ווינטער־לאַגערן

Even before the summer encampments had ended, winter camps began at Linkaičiai and Pavenčiai. At Linkaičiai, weapons were manufactured for the aerodrome administration. At the end of September, some of the men returned from Radviliskis, and 95 of them were sent down to Linkaičiai. Fifteen girls were also sent there for the kitchen and housekeeping work.

איידער עס האָבן זיך נאָך געענדיקט די זומערלאַגערן, האָבן זיך אָנגעהויבן ווינטער־לאַגערן. דאָס זײַנען געווען לינקייטשיאַיי און פּעווענטשיאַיי. אין לינקייטשיאַיי זײַנען געווען געווער־פֿאַבריקן. זיי האָבן געהערט צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אַעראָדראָם. סוף סעפּטעמבער זײַנען געקומען אַ טייל פֿון ראַדווילישקער מענער און 95 פֿון זיי זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין לינקייטשיאַיי. צו זיי זײַנען געשיקט געוואָרן נאָך 15 מיידלעך פֿאַר דער קיך און שטובווירטשאַפֿט.

Pavenčiai, 30 kilometers from Šiauliai, had a sugar factory. Work there began in mid-November 1942, just as people arrived from

אין פּאָווענטשיאַיי, 30 קילאָמעטער פֿון שאַוול, איז געווען אַ צוקערפֿאַבריק. די אַרבעט האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אין מיטן נאָוועמבער 1942, גלײַך ווי די

Radviliskis. One hundred twenty men and a few women worked there.

מענטשן זײַנען געקומען פֿון ראַדווילישק. דאָרט האָבן געאַרבעט 120 מענער מיט אייניקע פֿרויען.

Food there was somewhat better, because in the factory were sufficient vegetables, but if they had to rely on the generosity of the director, Sadauski, they would have gone hungry. Fortunately, peasants would come to the yard and from them people could obtain food — either for money or not.

דאָס עסן איז געווען עטוואָס בעסער, ווײַל אין פֿאַבריק זײַנען געווען גענוג גרינסן, אָבער ווען זיי וואָלטן אָנגעקומען בלויז צום חסד פֿון דירעקטאָר סאַדאָווסקי, וואָלטן זיי געהונגערט. צום גליק פֿלעגן קומען אין הויף פויערים און בײַ זיי פֿלעגט מען קענען קריגן וואָס — פֿאַר געלט אָדער אָן געלט — צו עסן.

But it was still forced labor. The work was not measured by the hour but by the piece. Every day hundreds of wagons of sugar beets would arrive and the Jews had to quickly unload them. Often wagons would arrive at night, so the Jews would have to work overnight. Despite that, Pavenčiai was thought to be one of the better work camps. On January 15, 1943, the season ended and the people came back.

דערפֿאַר אָבער איז די אַרבעט געווען אַ קאַטראָזשנע. די אַרבעט איז געווען ניט לויט שעהען, נאָר לויט אַקאָרד. אַלע טאָג פֿלעגן אָנקומען הונדערטער וואַגאָנעס צוקער־ריבן, און די ייִדן האָבן עס געדאַרפֿט שנעל אויסלאָדן. אָפֿט פֿלעגן קומען וואַגאָנעס בײַנאַכט, האָבן די ייִדן געדאַרפֿט אַרבעטן דורך נאַכט. ניט געקוקט אויף דעם האָט זיך פּאָווענטשיאַיי גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסערע לאַגערן. דעם 15טן יאנואַר 1943 האָט זיך דער סעזאָן געענדיקט און די מענטשן זײַנען געקומען צוריק.

## Work sites outside the ghetto

## אַרבעטפּלעצער אויסערן געטאָ

In November, 1943, the Jewish representative council received an order to liquidate all the workshops that were not for the ghetto. The only ones remaining were the shoemaker’s, the tailor shop, a chemical laboratory that produced tea, dental powder and similar items for the ghetto, and the laundry. The cardboard-box and brush factories had to be liquidated. The former had already been effectively closed, because it had not produced essential material for the military. That left 35 older women and mothers with small children unemployed.

אין נאָוועמבער 1943 האָט די ייִדישע פֿאָרשטייערשאַפֿט באַקומען אַ באַפֿעל צו ליקווידירן אַלע ווערקשטובען, וואָס אַרבעטן ניט פֿאַרן געטאָ. עס זײַנען געבליבן נאָר די שוסטערײַ, שנײַדערײַ, כעמישע לאַבאָראַטאָריע צו פּראָדוצירן טיי, צאָנפּולווער און ענלעכע אַרטיקלן פֿאַרן געטאָ און די וועשערײַ. דאָס קאַרטאָנאַזש־פֿאַבריקל און בערטשערײַ האָבט געזאָלט ליקווידירט ווערן. די ערשטע איז ווירקלעך ליקווידירט געוואָרן, ווײַל זי האָט פּראָדוצירט פֿאַרן מיליטער ניט וויכטיקע אַרטיקלען. עס זײַנען געבליבן אַרבעטלאָז בײַ 35 אַלטע פֿרויען און מאמעס פֿון קליינע קינדער.

The brush factory was moved from the ghetto to the city, where it produced the same materials: brushes for floors, shoes, and clothing as well as toothbrushes for the military. The ghetto lost the income, however it still kept 65 people employed. Most of them were not capable of difficult outdoor work, and only fit for such jobs. The people lived better than those under other commands,

די בערטשערײַ איז אַריבער פֿון געטאָ אין שטאָט, ווו זי האָט פּראָדוצירט דאָס זעלביקע מאַטעריאַל — בערשט פֿאַר פּאָדלאָגעס, שיך, קליידער, ווי אויך בערשטלעך פֿאַר די ציין — פֿאַרן מיליטער. דאָס געטאָ האָט פֿאַרלאָרן די הכנסה, דערפֿאַר איז אָבער געבליבן דער אַרבעטפּלאַץ פֿאַר 65 מענטשן. דאָס רובֿ פֿון זיי האָבן ניט געקענט אַרבעטן שווער אין דרויסן און זײַנען געווען צוגעפּאַסט נאָר צו אַזאַ אַרבעט. די מענטשן האָבן געלעבט בעסער, ווי אין אַנדערע קאָמאַנדעס, ווײַל די גאַנצע אינערלעכע אָנפֿירונג — ראובֿן

because the whole internal leadership — Reuben Leibovich and his assistant, the former teacher Funk — remained the same. The work discipline was not so strict, and they were able to discreetly purchase food items. These were divided and shared even with those who had nothing to pay with.

לייבאָוויטש און זײַן געהילף דער געוו. לערער פֿונק — איז געבליבן די זעלביקע. די אַרבעט־דיסציפּלין איז געווען ניט אַזוי שטרענג, בגנבֿה פֿלעגן זיי קענען קויפֿן שפּײַז־פּראָדוקטן. די געקויפּטע פּראָדוקטן פֿלעגט מען זיך בשלום צעטיילן און אײַנטיילן אַפֿילו די, וועלכע האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן.

It wasn't so bad for those people who worked for the little Latvian Salminas in the factory. These were mostly people who had arranged to "hide" their belongings with him, and for that they were "permitted" to work in his large workshop rooms, combing wool, spinning and weaving. At first, the people earned something for their work. Later this same Salminas decided to get rid of his Jewish workers, lest they demand that he return the goods they had stored with him. He sent information to the security police about them, saying they were dealing goods, and asked the police to take measures against them.

ניט שלעכט בערך האָבן געהאַט די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט בײַם לעט סאַלמינאַס אין פֿאַבריקל. דאָס זײַנען געווען ס׳רובֿ מענטשן, וועלכע האָבן „אַוועקגעלייגט" און „באַהאַלטן" זייערע זאַכן בײַ דעם זעלביקן און פֿאַר דעם „חסד" האָט ער זיי „דערלויבט" צו שאַפֿן אין זײַנע רוימען גרויסע וואַרשטאַטן צו „קאָרסטן" (קאַמען) וואָל, שפּינערײַ און וועבערײַ. די ערשטע צײַט פֿלעגן די מענטשן נאָך עפּעס פֿאַרדינען פֿון זייער פּראַצע. שפּעטער פֿלעגט דער אייגענער סאַלמינאַס, וועלנדיק פּטור ווערן פֿון זײַנע ייִדישע אַרבעטער, וועלכע פֿלעגן מאָנען בײַ אים די זאַכן, וואָס ער האָט פֿון זיי אַוועקגענומען, שיקן מסירות אין זיכערקייט־פּאָליציי אויף זיי, אַז זיי האַנדלען, און ער פֿלעגט בעטן, אַז די פּאָליציי זאָל אָננעמען מיטלען קעגן זיי.

More beneficial were the various jobs on the railroad — in the dairy cooperative, at the railway administration, the depot and for 40 loaders at the railroad. The work was hard, loading and unloading and carrying heavy freight; and the Jewish women had to clean and fit out the wagons and locomotives. Since this work demanded constant movement, these people were somewhat freer than the workers in the workshops. They were always taking tools or packages, ostensibly for the job, but at the same time could get away to buy or sell something.

הכנסהדיק זײַנען געווען די פֿאַרשיידענע אַרבעטס־שטעלעס אויף דער באַן — אין אייער־און־פּוטער קאָאָפּעראַטיוו „פּיענאַצענטראַס", אין באַן־פֿאַרוואַלטונג, דעפּאָ און פֿון די פֿערציק לאַדערס בײַ דער באַן. די אַרבעטן זײַנען געווען שווערע, אָנלאָדן און אויסלאָדן, שלעפּן שווערע משׂאות, די ייִדישע פֿרויען האָבן באַדאַרפֿט פּוצן און רייניקן די וואַגאָנעס און די לאָקאָמאָטיוון. אַזוי ווי די אַרבעט האָט געפֿאָדערט שטענדיקע באַוועגונג, זײַנען די מענטשן געווען עטוואָס פֿרײַער, ווי די אַרבעטער פֿון די ווערקשטובן. זיי האָבן אַלעמאָל געקענט נעמען אַ געצייג אָדער אַ משׂא און טראָגן עס כּלומרשט צו דער אַרבעט, אָבער גלײַכצײַטיק אוועקגיין עפּעס קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן.

In September 1942 (I believe it was the 16th) some women workers were cleaning a locomotive. Some of them had crawled underneath in order to polish the locomotive wheels. In that minute, the engineer, without even a whistle in warning, began to move the locomotive, crushing one woman to death and severing the right hand and leg of a second, 16-year-old Esther Lipshitz. (She was later taken away in the roundup of those unable to

אין סעפּטעמבער 1942 (מיר דוכט זיך דעם 16טן) האָבן ייִדישע אַרבעטערינס געאַרבעט בײַם רייניקן אַ לאָקאָמאָטיוו. אייניקע פֿון זיי זײַנען אַרונטערגעקראָכן אונטערן לאָקאָמאָטיווס רעדער, כּדי אים צו פּוצן פֿון אונטן, אין דער מינוט האָד דער ליטווישער מאַשיניסט, ניט וואַרענענדיק אַפֿילו מיט אַ פֿײַף, אַ לאָז געגעבן דעם לאָקאָמאָטיוו און צעקוועטשט איין פֿרוי אויף טויט, אַ צווייטער, דער 16־יאָריקער אסתּר ליפּשיץ, האָט ער אָפּגעשניטן די רעכטע האַנט און פֿוס (זי איז שפּעטער אַרויסגעפֿירט געוואָרן אין דער אַקציע פֿון די ניטאַרבעטפֿעיִקע) און אייניקע האָט ער לײַכט

work.) Several others were lightly wounded. These unfortunates lay for a long time, bleeding, and the Lithuanian railroad officials would not even permit a doctor to be brought to give them first aid.

A Jewish worker ran to the ghetto and brought the Jewish police with stretchers. They took away the dead and brought the severely wounded ones to the city hospital, and the lightly wounded to the ghetto hospital.

In April 1943, some rubber strips were cut off of the wagons. The gendarmes made an inspection of the ghetto shoemakers, and found one of these strips cut into shoe soles, and a pair of shoes with these soles.  The shoes belonged to B. Kharanozhitsky; his 17-year-old son had stolen them. B. Kharanozhitsky was taken to the security police. The Lithuanians blamed the Jews. This had the smell of theft with a whiff of sabotage (cutting off a piece of the wagons) and it could have ended very sadly. Fortunately the matter was successfully negotiated, and B. Kharanozhitsky was freed.

Notwithstanding this incident, thefts continued to take place.

Theft and smuggling also plagued Frenkel's factory. The thefts mainly involved carrying out completed shoes. This the Lithuanians did without the Jews.

In other departments of the factory they needed the Jews' help, for example in leather cutting.  They referred to this theft as "economy." A master craftsman would receive a certain quantity of leather uppers, from which he would have to cut out a certain number of "blanks." There would always be leftover leather, which the craftsman would retain.

Some of the Jewish masters at first didn't want to take part in the theft. The Lithuanians forced them not to return the "economy," so that

פֿאַרוווּנדעט. די פֿאַראומגליקטע זײַנען אַ לאַנגע צײַט געלעגן און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און די ליטווישע באַאַמטע פֿון באַן האָבן ניט געלאָזן אַפֿילו ברענגען אַ דאָקטאָר און געבן זיי די ערשטע הילף.

אַ ייִדישער אַרבעטער איז אַוועקגעלאָפֿן אין געטאָ און געבראַכט ייִדישע פּאָליציי מיט טראָגברעטלעך און אָפּגעפֿירט די טויטע און די שווער־פֿאַרוווּנדעטע אין שטאָטישן קראַנקהויז און די לייכטערע — אין געטאָ קראַנקהויז.

אין אַפּריל 1943 זײַנען פֿון די וואַגאָנעס אָפּגעשניטן געוואָרן די גומענע גייקעס. די זשאַנדאַרמעריע האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין געטאָ־שוסטערײַ און האָט געפֿונען אַזאַ גייקע צעשניטן אויף זוילן און איין פּאָר שיך איז געווען מיט דעם באַזוילט. די שיך האָבן געהערט ב. כאַראַנאָזשיצקין, געגנבֿט האָט עס זײַן 17־יאָריקער זון. ב. כאַראַנאָזשיצקי איז גענומען געוואָרן אין זיכערהייט־פּאָליציי. די ליטווינער האָבן געוואָרפֿן די שולד אויף די ייִדן. עס האָט געהאַט אַ ריח פֿון גניבֿה מיט א בײַ־געשמאַק פֿון סאַבאָטאַזש (אָפּגעשניטן אַ טייל פֿון וואַגאָנעס) און עס האָט זיך געקענט ענדיקן זייער טרויעריק. צום גליק איז עס געלונגען דעם ענין צו פֿאַרטושן און ב. כאַראַנאָזשיצקי איז אַרויס פֿרײַ.

ניט קוקנדיק אויף דעם פֿאַל זײַנען די גניבֿות ווײַטער אָנגעגאַנגען.

אויף גנבֿה און שמוגל האָט זיך אַוועקגעלאָזן אויך פֿרענקלס פֿאַבריק. די גנבֿה איז באַשטאַנען פֿון אַרויסשלעפּן פֿאַרטיקע שיך. דאָ האָבן זיך די ליטווינער באַגאַנגען אָן די יידן.

אין אַנדערע אָפּטיילונגען פֿון פֿאַבריק האָבן זיי אָבער געמוזט אָנקומען צו יידן, ווי, למשל, אין דער שטעפּערײַ. די גנבֿה האָט דאָ געהייסן „עקאָנאָמיע“. אַ מײַסטער פֿלעגט באַקומען אַ געוויסן קוואַנטום אויבער־לעדער און ער האָט געדאַרפֿט פֿון דעם אויסשנײַדן אַ געוויסע צאָל פּאָר „שעפֿטן”, „זאַגאָטאָווקעס“. פֿון דעם אַרויסגעגעבענעם קוואַנטום לעדער פֿלעגט דעם מײַסטער שטענדיק בלײַבן איבעריקע לעדער.

אַ טייל פֿון די ייִדישע מײַסטערס האָט לכתּחילה ניט געוואָלט מיטמאַכן די גנבֿה. האָבן זיי די ליטווינער געצוווּנגען די „עקאָנאָמיע“ ניט אַוועקצוגעבן, כּדי די פֿאַבריק־לייטונג זאָל שפּעטער דעם קוואַנטום לעדער

factory overseers would not later reduce the quantity of leather. They or their accomplices would buy their "economy" back from the Jewish masters on the spot, paying them a pittance. If the Jews failed to comply they would be threatened with death. But after each incident the Jewish factory directors, Max Lipshitz and especially Mulie Katz, covered up the business, and for the entire time until the liquidation of the ghetto there was not one unfortunate incident in the factory. Only one woman, Sarah Malinker, was caught with a "commission," that is with 10 pairs of uppers, and she was sent to the large prison. She would undoubtedly have been killed, but fortunately, on the ghetto's last day, July 19, 1944, she escaped with all the prisoners.

ניט פֿאַרקלענערן. זיי אָדער זייערע מיט־גנבֿים פֿלעגן אויפֿן אָרט אָפּקויפֿן פֿון די ייִדישע מײַסטערס זייער „עקאָנאָמיע" באַצאָלנדיק זיי אַ קלייניקייט. אָפּט פֿלעגן ייִדן בײַ דעם דורכפֿאַלן און זיי האָט געדראָט טויטשטראָף. נאָר איטלעך מאָל פֿלעגן די ייִדישע פֿאַבריק־לייטער, מאַקס ליפּשיץ און באַזונדערס מוליע קאַץ, דעם ענין פֿאַרווישן, און פֿאַר דער גאַנצער צײַט ביזן ליקווידירן דאָס געטאָ איז ניט געווען ניט איין אומגליקפֿאַל אין פֿאַבריק. איין פֿרוי נאָר, שרה מאָלינקער, איז אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ „קאָמיסיע", ד. ה. מיט 10 פּאָר שעפּטן, און זי איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין דער גרויסער תּפֿיסה. זי וואָלט בלי שום ספֿק אומגעקומען. צום גליק, אין דעם לעצטן טאָג פֿון דעם געטאָ, דעם 19טן יולי 1944, איז זי אַנטלאָפֿן מיט אַלע אַרעסטירטע.

## The repeal of the money system

Until January 1943, ghetto workers received "salaries" for their work, of 15 rubles or 1.5 marks per day. Their employers would pay the labor office three marks per day. From that the *Gebietskommissar* would take half, and the other half would go through the labor office to the worker. This "salary" was practically worthless, because a kilo of bread on the black market cost 4 to 5 marks. Yet for a poor man that money was just a part of his livelihood. The system officially permitted Jews to have money. Then at the beginning of December 1942, Dr. Günter announced that the ghetto money system would be abolished. The news created a tumult on the Jewish council. The elimination of the money-system meant the elimination of the council's income. Also, for the mass of people in the ghetto, being without money created a danger. From the day it was forbidden in the ghetto, money would become an object of contraband, of new controls and arrests for Jews. After long interventions, it was successfully worked out that Jewish workers would receive three marks per month. Meanwhile, the council prepared its books and waited patiently for an inspection by the

## אָפּשאַפֿונג פֿון געלט־סיסטעם

ביז יאַנואַר 1943 האָבן די געטאָ־אַרבעטער באַקומען „לוין" פֿאַר זייער אַרבעט. דער „לוין" איז געווען 15 רובל אָדער 1.5 מאַרק אַ טאָג. דער אַרבעטגעבער פֿלעגט אין אַרבעטסאַמט צאָלן 3 מאַרק אַ טאָג. פֿון דעם פֿלעגט דער געביטס־קאָמיסאַר צונעמען די העלפֿט און די אַנדערע העלפֿט אויסצאָלן דורכן אַרבעטסאַמט די געטאָ־אַרבעטער. דער „לוין" איז געווען אַ נישטיקער, ווײַל אַ קילאָ ברויט האָט אויפֿן שוואַרצן מאַרק געקאָסט 4־5 מאַרק. אָבער דאָך איז דאָס געלט געווען פֿאַרן אָרעמען מענטשן אַ טייל פֿון זײַן אויסקומעניש. די סיסטעם האָט אָפֿיציעל דערלאָזט, אַז ייִדן זאָלן האָבן בײַ זיך געלט. אָנהויב דעצעמבער 1942 האָט דר. גינטהער געמאָלדן אַז די געלט־סיסטעם וועט אָפּגעשאַפֿט ווערן אין געטאָ. די ידיעה האָט אַרויסגערופֿן אַ צעטומלונג אין דער פֿאָרשטייערשאַפֿט. מיט דעם אָפּשאַפֿן פֿון דער געלט־סיסטעם זײַנען אָפּגשאַפֿט געוואָרן אָפֿיציעל אַלע הכנסות פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט. אויך פֿאַר דעם מאַסן־מענטש אין געטאָ וואָלט די געלטלאָזיקייט געווען אַ געפֿאַר. פֿון דעם טאָג, ווען דאָס געלט וואָלט פֿאַרבאָטן געוואָרן אין געטאָ, וואָלט געלט געוואָרן אַן אָביעקט פֿון קאָנטראַבאַנדע, פֿון נײַע קאָנטראָלן און אַרעסטן אויף ייִדן. נאָך לאַנגע השתּדלותן איז געלונגען צו פּועלן, אַז דער ייִדישער אַרבעטער באַקומט חודשלעך 3 מאַרק. אינצווישן האָט די פֿאָרשטייערשאַפֿט געמאַכט פֿאַרטיק אַלע ביכער און האָט רויִק געוואַרט אויף דער קאָמיסיע פֿונעם געביטס־קאָמיסאַריאַט, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען איבערנעמען די חשבונות מיט דער קאַסע.

*Gebietskommissar's* office, which had taken over the cash accounting.

On January 7, 1943, the gentlemen arrived for the inspection: Chief of staff Bub, the leader of the labor office Schultz, and others. The chief spokesman was Bub, one of the most disgusting types among the Nazis. The Jewish chairmen, Mendel Leibovich and Aharon Katz, naturally stood and offered to explain what was in the books, which lay open in front of them.

From the accounting books they went to the files of inhabitants. Suddenly Bub posed this question: "How many doctors do you have?" Twelve, answered Leibovich. (In reality there were 18, but only 12 were registered.) "What specialists are here with you?" Leibovich recited the names, and mentioned that among them were two gynecologists. Bub suddenly gave a thump. "Coming into the ghetto for births?" "No," Katz answered him. "With the order banning births, there have been no births." "Then what do those doctors do?" And he gave the representatives a cynical look. "They do abortions," Katz answered, dispiritedly.

"Do your doctors understand how to do sterilization operations?" A deathly silence came suddenly over the room. Even Bub's colleagues felt uncomfortable. "We may have need of their skills…"

For a while there were only despairing eyes everywhere. Was it true that Bub wanted to sterilize the ghetto? Each one asked the other…

That same evening I ordered poison for myself and my family. Others did the same thing. From the city, doctors brought the news that there had been an inquiry from the commissariat to the Lithuanian doctors, whether they would carry out sterilization operations on the Jewish population? For a

דעם 7טן יאַנואַר 1943 זײַנען די הערן געקומען. עס זײַנען געווען : דער שטאַבסלייטער בוב, דער לייטער פֿון אַרבעט־אַמט שולץ און אַנדערע. דער ראש המדברים איז געווען בוב, איינער פֿון די עקלהאַפֿטסטע טיפּן צווישן די נאַציס. די יידישע פֿאָרשטייער מענדל לייבאָוויטש און אהרן כּץ זײַנען, נאַטירלעך, געשטאַנען און האָבן אָפּגעגעבן דערקלערונגען אין די ביכער, וואָס זײַנען געלעגן פֿאַר זיי אָפֿן.

פֿון די בוכהאַלטעריע ביכער זײַנען זיי אַריבער צו דער קאַרטאָטעק פֿון די אײַנוווינער. פּלוצעם שטעלט בוב אַזאַ פֿראַגע : וויפֿל דאָקטוירים האָט איר ? — 12, — ענטפֿערט לייבאָוויטש (אין דער אמתן זײַנען געווען 18, אָבער פֿון זיי זײַנען געווען רעגיסטרירט נאָר 12). — צופֿיל ! — זײַט דער בוב דורך דורך די ציין. — וועלכע דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן זײַנען דאָ בײַ איַיך ? — לייבאָוויטש רופֿט אָן די נעמען און דערמאָנט צווישן די 2 גינעקאָלאָגן. — קומען אין געטאָ פֿאָר געבורטן ? — גיט דער בוב פּלוצלונג אַ זעץ. — ניין ענטפֿערט אים כּץ. — זײַט דעם באַפֿעל וועגן געבורטפֿאַרבאָט קומען ניט פֿאָר קיין געבורטן. — וואָס מאַכן די דאָקטוירים דערצו ? — און ער שטעלט אָן מיט אַ סאַרקאַסטישן ציניזם זײַנע אויגן אויף די פֿאָרשטייער. — זיי מאַכן אַבאָרטן, — ענטפֿערט כּץ נידערגעשלאָגן.

— פֿאַרשטייען אײַערע דאָקטוירים צו מאַכן סטעריליזאַציע־אָפּעראַציעס ? — אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט פּלוצלונג דאָס צימער, אַפֿילו די קאָלעגן פֿון דעם בוב האָבן זיך געפֿילט אומבאַקוועם. אָבער דער בוב האָט ווײַטער געצויגן : — אפֿשר וועלן מיר נאָך דאַרפֿן נוצן זייערע קענטענישן...

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיך אומעטום אָנגעקוקט פֿאַריאושטע אויגן. איז עס אמת, אַז בוב וויל סטעריליזירן דאָס געטאָ ? האָט זיך איינער דעם אַנדערן געפֿרעגט...

דעם זעלביקן אָוונט האָב איך באַשטעלט גיפֿט פֿאַר מיר און מײַן פֿאַמיליע. דאָסזעלביקע האָבן געטאָן אויך אַנדערע. פֿון שטאָט האָבן דאָקטוירים געבראַכט די ידיעה, אַז עס איז געווען אַן אָנפֿרעג פֿונעם קאָמיסאַריאַט בײַ די ליטווישע דאָקטוירים, צי זיי וועלן דורכפֿירן די סטעריליזאַציע־אָפּעראַציע איבער דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ? אַ לאַנגע צײַט האָט דאָס געטאָ ניט געקענט באַפֿרײַען זיך פֿון דעם קאָשמאַר פֿון

long time the ghetto could not free itself from the nightmare of Bub's words.

Fortunately, nothing came of them.

## Camps in 1943

In March 1943, the question arose regarding new work camps for the Šiauliai ghetto.

The well-known murderer Reshko wanted 1,000 Jews from the ghetto for the Radviliskis peat-mines; but we managed to get that order repealed. A new plan to send people to the Akmenė clay-works was also rejected. But the Jewish council was unable to avoid a demand from Schultz, the German labor-officer, to send 60 women to a new work place near Viduklė.

Schultz gave solemn assurances that the new camp would be solely for work — picking seed potatoes — and that it would last only four weeks. Thus on May 1 a camp was established in Viduklė. At first the camp seemed not so bad. The work was not very hard. The guards were not very strict, and the girls could obtain food.

But in mid-May the *Gebietskommissar*, with Schultz and Günter (from the German labor office) suddenly raided the camp and found a lot of contraband: butter, eggs, bread and other forbidden things. From then on the Jewish women had to stand at work all day. Then they began to suffer from hunger, and epidemics broke out.

After a month of pleading, the council succeeded in releasing the 60 women from the Viduklė work camp.

Right after Viduklė, the peat-mining camp in Bačiunai was set up. Officially, 240 men and women were there. In fact there were never more than 200, and at times fewer. The camp, in contrast to those of a year earlier, was made up of young people. The official head of the

בובס ווערטער.

צום גליק איז צו דעם ניט געקומען.

## לאַגערן אין יאָר 1943

אין מערץ 1943 איז אויפֿגעקומען די פֿראַגע פֿון נײַע לאַגערן (אַרבעטפּלעצער) פֿאַר שאַוולער געטאָ.

דער באַקאַנטער רוצח רעשקאָ האָט געוואָלט קריגן 1.000 ייִדן פֿון געטאָ פֿאַר ראַדווילישקער טאָרף־גריבער — האָט מען די גזירה אפּגעשריען. אַ נײַער פּלאַן פֿון שיקן מענטשן אין אָקמיאַנער קאַלך־פֿאַבריק איז אויך אָפּגעשריען געוואָרן. די פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט זיך אָבער ניט געקענט אַרויסדרייען פֿון דערפֿילן די פֿאָדערונג פֿון שולץ, דעם דײַטשישן אַרבעט־באַאַמטן, צו געבן 60 פֿרויען פֿאַר אַ נײַעם אַרבעטפּלאַץ לעבן ווידוקלע.

שולץ האָט הייליק פֿאַרזיכערט, אַז דער לאַגער וועט זײַן בלויז אויף איין אַרבעט — אויסצוקלײַבן קאַרטאָפֿל אויף זריעה, און עס וועט דויערן בלויז פֿיר וואָכן. אויף אַזאַ אופֿן איז געשאַפֿן געוואָרן דעם 1טן מאַי אַ לאַגער אין ווידוקלע. לכתּחילה האָט דער לאַגער אויסגעזען ניט אַזוי שלעכט. די אַרבעט איז געווען ניט זייער קיין שווערע. די באַוואַכונג איז געווען ניט זייער קיין שטרענגע, און די מיידלעך האָבן געקענט זיך פֿאַרשאַפֿן שפּײַז.

אין מיטן מאַי האָט דער געביטס־קאָמיסאַר מיט שולצן און גינטהערן (פֿון דײַטשישן אַרבעטס־אַמט) פּלוצלונג געמאַכט אַן אַבלאָווע איבערן לאַגער און האָבן געפֿונען אַ סך קאָנטראַבאַנדע : פּוטער, אייער, ברויט און אַנדערע פֿאַרבאָטענע זאַכן. פֿון דעמאָלט אָן האָבן די ייִדישע פֿרויען געמוזט שטיין אַ גאַנצן טאָג איבער דער אַרבעט. דערצו איז נאָך צוגעקומען הונגער. עס זײַנען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס.

נאָך אַ חודש שתּדלונתן איז דער פֿאָרשטייערשאַפֿט געלונגען אַרויסצוקריגן די 60 פֿרויען פֿון ווידוקלער אַרבעטלאַגער.

גלײַך נאָך ווידוקלע איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דער טאָרף־לאַגער פֿון באַטשיונײַ. אָפֿיציעל האָט ער געציילט 240 מענער און פֿרויען. פֿאַקטיש זײַנען אין אים קיינמאָל ניט געווען מער ווי 200 און אַמאָל נאָך ווייניקער. דער צוזאַמענשטעל פֿונעם לאַגער איז אין קעגנזאַץ צום פֿאַראַיאָריקן לאַגער געווען פֿון יונגע מענטשן. בראש פֿון דעם לאַגער איז געשטאַנען אָפֿיציעל

camp was the policeman Joachim Rozen; however the actual management was in the hands of an elected committee, headed by the teachers Ite Kasin and Mashe Klein. The former managed the food for the camp, the latter the kitchen. Both worked heart and soul and were beloved and supported by the entire camp. The work in the peat mines was, naturally, not easy. However it was arranged so that each one worked according to their abilities. The entire supervision was in the hands of the Jewish workers.

דער פּאָליציסט יאָאַכים ראָזען, אָבער די פּאַקטישע פֿאַרוואַלטונג האָט זיך געפֿונען אין די הענט פֿון אַן אויסגעוויילטער פֿאַרוואַלטונג מיטן אָנטייל פֿון לערערינס איטע קאַסין און מאַשע קליין בראש. די ערשטע האָט אָנגעפֿירט מיטן לאַגער פֿון שפּײַז, די צווייטע מיט דער קיך. דיביידע האָבן געאַרבעט בלבֿ ונפש פֿאַרן לאַגער און זײַנען געווען באַליבט און הויך געשעצט פֿונעם גאַנצן לאַגער. די אַרבעט אין די טאָרפֿגריבער איז, נאַטירלעך, ניט געווען קיין גרינגע. אָבער זי איז געווען פֿון די אַרבעטער אַזוי אײַנגעשטעלט, אַז יעדער האָט געאַרבעט לויט זײַנע קרעפֿטן. די גאַנצע השגחה איז געווען אין די הענט פֿון די ייִדישע אַרבעטער.

Spiritually also, the camp was not bad. In the camp, aside from the aforementioned teachers, were the poets Garmize, Chana Chaitin and Chana Glitzner. Every week on Friday evening they would arrange an *oneg Shabbat*[24] gathering, with a lively discussion, singing, just like in a kibbutz. The local doctor would listen to the neighboring peasants' radio and report all the latest news daily. So the camp was constantly cheered by the good news coming in from the front.

אויך גײַסטיק האָט דער לאַגער זיך געפֿירט ניט שלעכט. אין דעם לאַגער זײַנען אַחוץ די דערמאָנטע לערערינס געווען די פּאָעטן גאַרמיזע, חנה חײַטין און חנא גליצנער. אַלע וואָך פֿרײַטיק־צו־נאַכט פֿלעגט מען אײַנאָרדערען אַ מסיבה פֿון עונג שבת מיט א לעבעדיקער צײַטונג, געזאַנג, פּונקט ווי אין אַ קיבוץ. דער אָרטיקער דאָקטאָר פֿלעגט בײַ די שכנותדיקע פּויערים הערן ראַדיאָ און ער פֿלעגט איבערגעבן אַלע טאָג די לעצטע נײַס. אַזוי איז דער לאַגער געווען שטענדיק אין דער גוטער שטימונג פֿון די גוטע נײַס, וואָס פֿלעגן אָנקומען פֿון די פֿראָנטן.

Every Saturday afternoon, almost the entire Bačiunai camp would return to the ghetto until Sunday. The ghetto then was full of youth, and for awhile was cheered at the prospect of liberation.

אַלע שבת פֿאַרנאַכט פֿלעגט כּמעט דער גאַנצער באַטשיונער לאַגער קומען אויף זונטיק אין געטאָ. דאָס געטאָ פֿלעגט דאַן פֿול ווערן מיט יוגנט, און עס פֿלעגט ווערן אויף אַ ווײַלע פֿריילעך, ווי מ'וואָלט געווען פֿרײַ.

In short, despite the forced labor, the Bačiunai work camp was one of the best work places for the whole time of the ghetto.

מיט איין וואָרט, ניט קוקנדיק אויף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט איז דער באַטשיונער אַרבעטלאַגער געווען איינער פֿון די בעסטע אַרבעטפּלעצער פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון דער געטאָ.

## The hanging

## די תּליה

The ghetto was uneasy in the summer of 1943. By mid-May there were already nasty rumors about liquidation. The *Gebietskommissar* also took care to keep the ghetto on edge. Every couple of days he and a squad of his demon-angels would make a sweep over the streets on which the Jewish columns would return,

ניט רויִק האָט געלעבט דאָס געטאָ דעם זומער 1943. שוין אין מיטן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן בייזע קלאַנגען וועגן ליקווידאַציע פֿון געטאָ. אויך דער געביט־קאָמיסאַר האָט „געזאָרגט“, אַז דאָס געטאָ זאָל זײַן דענערווירט. אַלע פּאָר טעג פֿלעגט ער מיט אַ סוויטע פֿון זײַנע מלאכי־חבֿלה אַ לאָז טאָן זיך איבער די גאַסן דורך וועלכע די ייִדישע קאָלאָנעס פֿלעגן זיך צוריקקערן און ער פֿלעגט ארומרינגלען די ייִדן און באַטאַפּן זיי.

24 Pronounced "*oyneg shabbes*" in Yiddish, literally "joy of the Sabbath": Traditionally a gathering on Friday evening or Saturday afternoons for informal singing, conversation or socializing.

surround the Jews and search them.

On May 31, the brown bandits grabbed one Bezalel Mazovetzky with cigarettes and a half-kilo of meat. They beat him severely and took him to the prison.

דעם 31טן מאַי האָבן די ברוינע באַנדיטן געכאַפּט איינעם בצלאל מאַזאַוויעצקי מיט פּאַפּיראָסן און אַ האַלבן קילאָ פֿלייש. זיי האָבן אים שטאַרק צעשלאָגן און אָפּגעפֿירט אין דער תּפֿיסה.

The next day, the representatives M. Leibovich and Aharon Katz went to the city and received sad news: The mood in the *Gebietskommissariat* was stirred up: The *Gebietskommissar* was angry. Schreiver favored a death sentence by hanging. Bub wanted a public execution. Dr. Günther appeared distant. Anyone who might be able to influence the *Gebietskommissariat* was begged to do so. But nothing helped.

אויף מאָרגן זײַנען די פֿאָרשטייער מ. לייבאָוויטש און אהרון כּץ געגאַנגען אין שטאָט און האָבן באַקומען טרויעריקע ידיעות: די שטימונג אין געביטס־קאָמיסאַריאַט איז געווען אַ צערייצטע — דער געביטס־קאָמיסאַר איז געווען אין כּעס, שריווער איז געווען פֿאַר טויט־שטראָף דורך הענגען, בוב האָט דווקא געוואָלט אַן עפֿנטלעכע עקזעקוציע, דר. גינטהער האָט זיך געהאַלטן פֿון ווײַטן. אַלע די, וואָס האָבן געהאַט אַ וועלכע עס איז השפּעה אויפֿן געביטס־קאָמיסאַריאַט, זײַנען אָנגעבעטן געוואָרן. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפֿן.

On Thursday, June 3, the representatives M. Leibovich and A. Katz went to the *Gebietskommissariat* to hear the sentence: Death by hanging! The Jews themselves must carry out the sentence. The representatives, in despair, spoke boldly: “Why does he get the death penalty?” Leibovich asked. “Non-Jews commit worse crimes: breaking into wagons, dealing with storehouses of stolen grain, and their sentence is prison. The man only took cigarettes and meat for his own use.” But his arguments were of no use.  Choking back tears, the representatives left the *Gebietskommissariat*, and stole back into the ghetto like thieves, so that their faces would not reveal the lethal verdict.

דאָנערשטיק, דעם 3טן יוני, זײַנען די פֿאָרשטייער מ. לייבאָוויטש און א. כּץ געקומען אין געביטס־קאָמיסאַריאַט אויסהערן דעם אורטייל: טויט דורך הענגען! דעם אורטייל דאַרפֿן די ייִדן אַליין אויספֿירן... די פֿאָרשטייער האָבן אין פֿאַרצווייפֿלונג גערעדט דרייסט: פֿאַר וואָס? — האָט געפֿרעגט מ. לייבאָוויטש — קומט אים טויטשטראַף? ניט־ייִדן באַגייען שווערע פֿאַרברעכנס — ברעכן אויף וואַגאָנעס, האַנדלען מיט גאַנצע מאַגאַזינען געגנבֿעטע מעל און זייער שטראָף איז תּפֿיסה, און דער מענטש האָט דאָך בלויז גענומען פּאַפּיראָסן און פֿלייש פֿאַר זיך אַליין. — די אַלע טענות האָבן אָבער גאָרניט געהאָלפֿן. מיט פֿאַרשטיקטע טרערן זײַנען די פֿאָרשטייער אַרויס פֿון געביט־קאָמיסאַריאַט, ווי גנבֿים האָבן זיי זיך אַרײַנגעכפּט אין געטאָ, מ'זאָל אין זייערע פּנימער ניט דערקענען דעם טויטאורטייל.

They called a broad meeting to discuss a response. It was decided to make the dreadful preparations for the execution.  An announcement was posted with the *Gebietskommissar’s* order that all ghetto inhabitants must be present. Two hangmen were chosen: The professional thief Davidovich and the shoemaker Kerbel, whom many had fingered as an informer. The ghetto construction group had received an order to erect a gallows. All that Friday and Saturday, the ghetto was feverish. Whoever could, left

זיי האָבן צוזאַמענגערופֿן אַ ברייטערע פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן די שרעקלעכע הכנות צו דער עקזעקוציע. עס איז אויסגעהאַנגען געוואָרן אַ מודעה וועגן דעם באַפֿעל פֿונעם געביטס־קאָמיסאַר, אַז אַלע געטאָ־אײַנוווינער מוזן בײַזײַן בײַ דער עקזעקוציע. עס זײַנען באַשטימט געוואָרן 2 תּלינים: דער פּראָפֿעסיאָנעלער גנבֿ דאַווידאָוויטש און דער שוסטער קערבל, ווײַל וועגן אים האָבן פֿיל אָנגעגעבן, אַז ער איז אויך געווען אַ מסור. די בוי־קאָמיסיע פֿון געטאָ האָט באַקומען אַ באַפֿעל אויפֿצושטעלן אַ תּליה. דעם גאַנצן פֿרײַטיק און שבת האָט דאָס געטאָ געפֿיבערט. ווער עס האָט געקענט, איז געלאָפֿן פֿון געטאָ ניט צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס בילד. אין באַטשיונײַ האָט מען

the ghetto so as not to see the structure with their own eyes. In Bačiunai it was announced that no one should come in on Sunday. On Saturday night the gallows was erected in a large garden in the Kaukazas area.

אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל אויף זונטיק ניט קומען. די נאַכט פֿון שבת־צו־נאַכט איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן די תּליה אין גרויסן גאָרטן פֿון קאַווקאַזער ראַיאָן.

On Sunday morning all the Jews from the Traku and Kaukazas ghetto areas were driven out of their houses. From 9 to 11 the entire Jewish population stood before the frightful gallows. Just before 11 the "guests" arrived — Bub, with someone from the *Gebietskommissariat*. At the same time, Bezalel Mazovetsky was brought from the prison by Belkštys and another policeman.

זונטיק פֿרי זײַנען אַלע ייִדן פֿון טראָקער און קאַווקאַזער געטאָ אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון די הייזער. פֿון 9 ביז 11 איז די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג געשטאַנען פֿאַר דער שרעקלעכער תּליה. פֿאַר עלף זײַנען אָנגעקומען די געסט — בוב מיט נאָך איינעם פֿונעם געביטס־קאָמיסאַריאַט. גלײַך איז געבראַכט געוואָרן בצלאל מאַזאַוויעצקי פֿון תּפֿיסה. געפֿירט האָבן אים בעלקשטיס און נאָך אַ פּאָליציסט.

Up to the last minute, hope flickered in everyone's hearts that his life would be spared. That hope grew weaker when, instead of the *Gebietskommissar*, Bub appeared. Even then, hope would not be completely suppressed. In the last moment, Bezalel's brother begged Bub for mercy. It did not help. Bezalel Mazovetsky was led to the gallows platform. He asked the hangmen to unbind his hands. This of course was not permitted. He demanded that they allow him to bid farewell to his wife and child, but his wife had been arrested earlier so that she would not be at the execution of her husband. Bezalel asked that after his death they remove his jacket, because it was not his, and give his boots to his brother. Smiling, he mounted the platform, put his head in the noose, and at the last moment apologized to the hangmen and asked the Jews' pardon. The rope was drawn. A heaven-splitting, heartrending voice tore out from a thousand throats. The martyr's body danced in convulsion, and remained hanging.

ביזן לעצטן מאָמענט האָט נאָך בײַ אַלעמען אין האַרצן געטליעט אַ האָפֿענונג, אַז אין דער לעצטער רגע וועט מען אים שענקען דאָס לעבן. די האָפֿענונג איז שוואַכער געוואָרן, ווען אָנשטאָט דעם געביטס־קאָמיסאַר איז געקומען בוב. דאָך האָט מען די האָפֿענונג ניט געוואָלט דערשטיקן. אין לעצטן מאָמענט איז דער ברודער פֿון בצלאלן צוגעפֿאַלן צו בובן בעטן רחמים... עס האָט ניט געהאָלפֿן. בצלאל מאַזאַוויעצקי איז צוגעפֿירט געוואָרן צום טיש פֿון דער תּליה. ער האָט געבעטן דײַנע תּלינים מען זאָל אים אָפּבינדן די הענט. דאָס איז אים, נאַטירלעך, ניט דערלויבט געוואָרן. ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל אים לאָזן זיך שיידן פֿון זײַן פֿרוי און קליין קינד —די פֿרוי איז אָבער שוין פֿריער דורך דער ייִדישער פּאָליציי אַרעסטירט געוואָרן, זי זאָל ניט זײַן בײַ דער עקזעקיציע פֿון איר מאַן... בצלאל האָט געבעטן, אַז נאָכן טויט זאָל מען פֿון אים אַראָפּנעמען דעם מאַנטל, ווײַל ער איז ניט זײַנער, און די שטיוול זאָל מען אַראָפּציען פֿאַר זײַן ברודער, און ער איז מיט אַ שמייכל אַרויף אויפֿן טיש מיטן שטריק אויפֿן האַלדז און נאָך אין דער לעצטער רגע האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מוחל זײַנע תּלינים און געבעטן מחילה בײַ די ייִדן. דער שטריק האָט זיך פֿאַרצויגן... אַ הימל־שפּאַלטנדיקער האַרצרייסנדיקער קול האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון טויזנטער העלדזער... דער קערפּער פֿון קדוש האָט אַ טאַנץ געגעבן אין קאָנווולסיעס און איז געבליבן הענגען.

Bub stood, shaken. He had not expected that a Jew would show such courage at his own hanging.

דער בוב איז געבליבן איבערראַשט. ער האָט ניט דערוואַרט, אַז אַ ייִד זאָל זיך בײַ זײַן תּליה האַלטן אַזוי מוטיק.

In about 10 minutes, the doctor confirmed that the martyr was dead. A half hour later he was taken down from the gallows and brought to

אין 10 מינוט אַרום האָט דער דאָקטאָר פֿעסטגעשטעלט, אַז דער קדוש איז טויט. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז ער אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון דער

the Jewish cemetery.

תּליה און איז געבראַכט געוואָרן צו קבֿר ישׂראל.

## Renewal of the *folkshul*

## באַנײַונג פֿון דער פֿאָלקשול

At the beginning of spring 1943, the idea of employing the children at jobs was brought up, both to strengthen the employment commitment and through that to also increase their protection. Cautious parents sent their 11- or 12-year-old children to work, so they would not be inside the ghetto if the worst happened. During planting season the children took over garden work. In all there remained in the ghetto more than 400 school-age children, who wandered about with no supervision at all. It was therefore decided to reestablish a school for children. The matter was placed in the hands of Advocate Aharon Heller and Yerushalmi.[25]

אָנהויב פֿרילינג 1943 איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן באַשעפֿטיקן די קינדער אין דער אַרבעט, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן דעם אַרבעט־אײַנזאַץ און דורכדעם אויך פֿאַרגרעסערן זייער שוץ. פֿאָרזיכטיקערע עלטערן האָבן געשיקט זייערע 11־12 יאָריקע קינדער אויף אַרבעט, כּדי על כּל צרה שלא תּבֿוא זאָלן זיי ניט זײַן אין געטאָ. אין דער צײַט פֿון פֿאַרזיי האָבן די קינדער געמאַכט די גאַנצע גאָרטן־אַרבעט. נאָך דעם אַלץ זײַנען אין געטאָ דאָך געבליבן איבער 400 קינדער אין שולעלטער, וועלכע האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן שום השגחה. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן ווידער צו גרינדן אַ שול פֿאַר קינדער. דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַדוו. אהרן העלער און ירושלמי.

Invited to participate were the teachers Hadassah Kozlovsky-Levy, Esther Weiss, Furman and his wife, Mrs. Mariampolsky and Zaks. In the Traku ghetto, a small synagogue was designated for the classes, and in the Kaukazas ghetto a stable was rebuilt for that purpose. The children studied in groups from morning until late in the evening. The school was kept secret, and if a "guest" appeared the children would disperse. In the Kaukazas ghetto, the school building was near the fence, and the teachers had to take care that, even after school, the children did not play too much where strange eyes could see them. The school opened on June 1, 1943.

עס זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן די לערער הדסה קאָזלאָווסקי־לעווי, אסתּר ווײַס, פֿורמאַן און פֿרוי, פֿרוי מאַריאַמפּאָלסקי און זאַקס. עס איז באַשטימט געוואָרן אַז די קלאַסן זאָלן זײַן אין טראָקער געטאָ — אין קלויז און אין קאַווקאַזער געטאָ — אין אַ שטאַל, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן פֿאַר דעם צוועק. די קינדער האָבן געלערנט גרופּעסווײַז פֿון דער פֿרי ביז שפּעט אינאָוונט. די שול איז געווען געהיים, און בײַם דערשײַנען פֿון אַ „גאַסט“ פֿלעגן די קינדערלעך זיך צעלויפֿן. אין קאַווקאַזער געטאָ איז די שולגעביידע געווען בײַם צוים, און די לערער פֿלעגן אַכטונג געבן, אַז אַפֿילו נאָכן לערנען זאָלן זיך די קינדערלעך ניט שפּילן צו פֿיל פֿאַר פֿרעמדע אויגן. די שול האָט זיך געעפֿנט דעם 1טן יוני 1943.

It was an unexpected success. The children would run to school as eagerly as to play. In their teachers, these neglected, beaten-down pupils found alternate parents. Despite the crowding there was exemplary discipline. The success was much greater than we had expected. Parents started taking an interest in their children's studies. Before then, the children had been a burden and worry only to their parents — who both worried about

דער דערפֿאָלג איז געווען אַן אומדערוואַרטער. די קינדערלעך פֿלעגן לויפֿן אין שול, ווי צום שפּילן. די פֿאַרוואָרלאָזטע, דערשלאָגענע שילער האָבן אין די לערער געפֿונען אויך אַ טאַטע־מאַמע. ניט קוקנדיק אויף דער ענגשאַפֿט איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטע דיסציפּלין. דער דערפֿאָלג אין לערנען איז אויך געווען פֿיל בעסער, ווי מיר האָבן דערוואַרט. עלטערן האָבן גענומען זיך אינטערעסירן מיט די לימודים פֿון זייערע קינדער. ביז אַהער זײַנען קינדער אין געטאָ געווען די שטענדיקע זאָרג און צער פֿון עלטערן — אי די זאָרג ווי אַזוי זיי צו דערנערן, אי די שטענדיקע מורא פֿאַר זייער גורל. איצט

25 The author.

keeping them fed, and constantly feared for their futures. Now, parents themselves could nurture the dream that their children would grow and develop in normal circumstances. From time to time, the poor children would get a roll or a bit of bread with marmalade. The dirty, neglected children would be bathed in school every Friday. We were very happy with the school's success. Unfortunately, our joy did not last long. The "barracking" of the ghetto interrupted the educational work, and soon the ghetto children themselves would be annihilated.

האָבן עלטערן אַליין געוואָלט זיך שאַפֿן די אילוזיע, אַז זייערע קינדער וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן נאָך די אָרעמע קינדער קריגן אַ בולקע, אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַד. די שמוציקע און פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער פֿלעגן אַלע פֿרײַטיק געבאָדן ווערן אין שול. מיר האָבן זיך שוין געפרייט מיט דעם דערפֿאָלג פֿון שול. צום אומגליק האָט אונדזער שׂימחה געדויערט ניט לאַנג. די „קאַזערנירונג" פֿונעם געטאָ האָט די דערציונג־אַרבעט איבערגעריסן, און אינגיכן זײַנען די געטאָ־קינדער אליין אויך פֿארטיליקט געוואָרן.

## The 'barracking'

## די קאַזערנירונג

In summer 1943, rumors about the transformation of the ghetto into a concentration camp grew more persistent.

אין געטאָ זײַנען אין זומער 1943 געוואָרן אַלץ האַרטנעקיקער די קלאַנגען וועגן לאַגערן פֿאַרן געטאָ.

Through a special envoy from the Šiauliai *Jüdenrat* to the Kaunas ghetto, we learned that in Kaunas they were preparing already to be put into barracks.

דורך אַ ספּעציעלן שליח פֿון שאַוולער ייִדן־ראַט אין קאָוונער געטאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין קאָוונע גרייט מען זיך שוין צו דער קאַזענירונג.

To the *Jüdenrat* on September 17, 1943 came an unfamiliar German, who introduced himself as *Hauptsturmbahnführer* Förster, of the Gestapo. He said he had been assigned by the S.S. to take charge of the ghetto. He repeatedly emphasized that there was no need to fear, because his interest was solely in production. He wanted to increase work output to the maximum. And by the way, he planned to increase the food allotments to the ghetto.

דעם 17טן סעפּטעמבער 1943 איז געקומען אין ייִדן־ראַט אַן אומבאַקאַנטער דײַטש, וועלכער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס הויפּטשטורמבאַנפֿירער פֿאָרסטער און געשטאַפּיסט. ער האָט דערקלערט אַז ער איז פֿון דער ס.־ס. באַשטימט געוואָרן איבערצונעמען די פֿירונג פֿונעם געטאָ. ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו באַטאָנען, אַז מ׳זאָל זיך ניט שרעקן, ווײַל זײַן כּוונה איז בלויז ווירטשאַפֿט. ער וויל דעם ארבעט־אײנזאַץ פֿאַרגרעסערן ביז מאַקסימום. אגבֿ, האָט ער צוגעזאָגט צו פֿאַרגרעסערן די באַשפּײַזונג פֿון געטאָ.

Following his order, the council released a communiqué, which reassured the ghetto: Nothing will happen. The goal is only to increase the work output. People will be put into barracks, but families will not be separated. Life in the camps would be tolerable. To further calm things, Förster recommended that the factory directors hire more Jews. At the same time he pulled all the Jewish workers from the city management, the railroad, the depot, and from private

לויט זײַן באַפֿעל האָט די פֿאָרשטייערשאַפֿט אַרויסגעלאָזן אַ קאָמוניקאַט, וואָס האָט באַרויִקט דאָס געטאָ : עס וועט קיין זאַך ניט געשען. דער מיין איז נאָר צו פֿאַרגרעסערן דעם אַרבעט־אײנזאַץ. עס וועט פֿאָרקומען אַ קאַזענירונג, אָבער משפּחות וועלן ניט פֿונאַנדערגעטיילט ווערן. דאָס לעבן אין די לאַגערן וועט זײַן דערטרעגלעך. כּדי מערער צו באַרויִקן האָט פֿאָרסטער רעקאָמענדירט די פֿאַבריק־לייטונג אָנצונעמען מער ייִדן. גלײַכצײַטיק האָט ער אָפּגעצויגן אַלע ייִדישע אַרבעטער פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, באַן, דעפּאָ, פּריוואַטע אונטערנעמונגען און האָט געלאָזן בלויז די אַרבעטער פֿון פֿאַבריק, א. ט., אַעראָדראָם און

enterprises, leaving in place only the workers of the factory, the Todt Organization, the aerodrome and the military provisions store.

ה. פּ. מ.

Ghetto inhabitants were uneasy, and many began to flee the ghetto. Up to 100 people ran away. People were especially eager to get children out. Förster detected this, and in a conversation remarked that it did not worry him, because these people “will be found soon,” because the Lithuanians “will betray them.” He merely recommended that people not run away, because there was no need, and if they did things would get worse for the ghetto. The Jewish council understood the message. Fearing the consequences, it undertook to stem the escapes. On the council’s instruction, the Jewish police allowed children to leave, but not with their parents. Some of the escapees returned, because they could find no shelter in the Lithuanian villages. Peasants brought children back because they did not want to keep them. Some of the escapees were caught, and Förster ordered the security police to bring them back to the ghetto.

די געטאָ־אײַנוווינער זײַנען געוואָרן אומרויִק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלאַף פֿון געטאָ. ביז אַ 100 מענטשן זײַנען אַנטלאָפֿן. באַזונדערס האָט מען אַרויסגעפֿירט קינדער. פֿאָרסטער האָט עס דערשפּירט און ער האָט אין אַ שמועס באַמערקט, אַז ער ווייס וועגן אַנטלויפֿן, אָבער דאָס אַרט אים ניט, ווײַל די מענטשן „ווערדען זאָ־ווי־זאָ ערפֿאססט ווערדען“, ווײַל די ליטווינער „ווערדען אויך פֿערראַטען“. ער ראַט נאָר, אַז מ׳זאָל ניט לויפֿן ווײַל מע דאַרף ניט. און אויב מ׳וועט לויפֿן, וועט פֿאַר דעם געטאָ זײַן ערגער. די פֿאָרשטייערשאַפֿט האָט פֿאַרשטאַנען דעם רמז. זי האָט פֿון מורא וועגן גענומען באַקעמפֿן דאָס אַנטלויפֿן. קינדער פֿלעגט די פּאָליציי לויטן באַפֿעל פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט דורכלאָזן, אָבער קינדער מיט עלטערן זײַנען ניט דורכגעלאָזן געוואָרן. אַ טייל פֿון די אַנטלאָפֿענע זײַנען צוריקגעקומען, ווײַל זיי האָבן אין ליטווישן דאָרף קיין אָרט ניט געפֿונען. די קינדער זײַנען דורך די פּויערים צוריקגעבראַכט געוואָרן, ווײַל זיי האָבן זיי ניט געוואָלט האַלטן. אייניקע אַנטלאָפענע זײַנען געכאַפּט געוואָרן און פֿאָרסטער האָט באַפֿוילן די זיכערהייט־פּאָליציי זיי צוריק צו ברענגען אין געטאָ.

On Saturday, September 21, Förster announced the barracks plan: 500 would be sent to the aerodrome, 250 to the Linkaičiai ammunition factory (adding 125 to the 125 already there), 250 to Daugliai, 250 to Pavenčiai, 250 to Akmene. In all, around 1,500 men would be sent to the barracks. He made it known that children under 10 years old should remain in the ghetto.

שבת, דעם 21טן סעפּטעמבער האָט פֿאָרסטער געמאָלדן דעם פּלאַן פֿון דער קאַזערנירונג : 500 אויפֿן אַעראָדראָם, 250 אין לינקייטשער אַמוניציע־פֿאַבריק (צו די 125 פֿאַראַנענע נאָך 125), 250 אין דאַוגעליאײַ, 250 אין פּאַווענטשיאײַ, 250 אין אַקמיאַן, בס״ה האָבן געדאַרפֿט קאַזערנירט ווערן 1.500 מאַן. ער האָט צוגעגעבן, אַז קינדער אונטער 10 יאָר זאָלן בלײַבן אין געטאָ.

On Monday morning, September 28, large trucks came in from the aerodrome, loaded up the goods of the 500 people chosen for the aerodrome barracks and rolled out toward the camp. The relocated people were sent on foot, including a number of “smuggled-in” children under 10 years old. Jewish policemen, administrators and employees of the labor office accompanied the transport to help with the orderly barracking process.

מאָנטיק פֿרי, דעם 28טן סעפּטעמבער, זײַנען צוגעפֿאָרן גרויסע אויטאָס פֿון אַעראָדראָם, וועלכע האָבן אַרויפֿגענומען דאָס געפּעק פֿון די 500 אַעראָדראָם־קאַזערנירטע אויף די מאַשינעס און זיי אָפּגעפֿירט צום לאַגער. דער טראַנספּאָרט איז אָפּגעגאַנגען צופֿוס. אין טראַנספּאָרט האָבן זיך „אַרײַנגעשמוגלט“ אייניקע קינדער אונטער 10 יאָר. מיטן טראַנספּאָרט זײַנען מיטגעגאַנגען ייִדישע פּאָליציסטן מיט אַדמיניסטראַטאָרן און אָנגעשטעלטע פֿון אַרבעטסאַמט, וועלכע האָבן געדאַרפֿט העלפֿן די קאַזערנירטע זיך אײַנצוואָרדענען.

In the evening, emissaries returned with reassuring news. Schmidt, the commandant, had assured the people that he would do everything to ease their lot. And he made good on his promise.

אין אָוונט זײַנען די שליחים צוריקגעקומען און האָבן געבראַכט באַרויִקנדיקע גרוסן. דער קאָמענדאַנט שמיט האָט די מענטשן פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט אַלץ טאָן, כּדי צו פֿאַרלײַכטערן זייער גורל. און ער האָט באמת זײַן הבֿטחה מקיים געווען.

Since the aerodrome was large and the workers were spread out, and since the Bačiunai camp was nearby, people were able to enjoy some freedom of movement. The work was also not so hard, although it was outdoors. The weaker and sick ones were given lighter tasks.

היות דער אַעראָדראָם איז געווען גרויס און די מענטשן האָבן אַזוי געאַרבעט צעשפּרייט, און היות אַרום איז געווען באַטשיונער לאַגער און דערפֿער, האָבן די מענטשן אויסגענוצט זייער באַוועגונג־פֿרײַהייט. די אַרבעט איז אויך ניט געווען זייער שווער, כאָטש זי איז געווען אויף דרויסן. די שוואַכערע און קראַנקע האָט מען געשטעלט אויף לײַכטערע אַרבעטן.

The camp head, chosen by the people themselves, was the lawyer Shtempel, and as work-assigner, Puliakhovitch. Dr. Handin was designated camp doctor.

בראש פֿון לאַגער זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן פֿון די לאַגער־מענטשן אַליין אַלס לאַגער־עלטסטער אַדוואָקאַט שטעמפּעל און אַלס אַרבעט־פֿאַרטיילער — פּוליאַכאָוויטש. אַלס דאָקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דר. האַנדין.

It was life in a concentration camp, with all its harshness, but in comparison with the camps of Estonia and Germany, wholly tolerable.

עס איז דאָרט געווען אַ לאַגער־לעבן מיט אַלע שווועריקייטן, אָבער אין פֿאַרגלײַך מיט די לאַגערן פֿון עסטלאַנד און דײַטשלאַנד גאַנץ דערטרעגלעך.

The second transport of those assigned to a camp, some 250 healthy men and women, left on September 25 for Pavenčiai. There the living conditions were just as before. To the “good” director Sadauski came a German “enforcer” who made the people’s lives entirely bitter. He took the greatest pleasure in setting his dog on people and would stand by and double over with laughter as the dog tore into clothes and flesh.

דער צווייטער טראַנספּאָרט קאָזערנירטע, 250 געזונטע מענער און פֿרויען, זײַנען אָפּגעפֿאָרן דעם 25טן סעפּטעמבער קיין פּאַווענטשיאײַ. די וווינונג־באַדינגונגען זײַנען געווען פּונקט ווי פֿריער. צום „גוטן“ דירעקטאָר סאַדאָווסקי איז צוגעקומען נאָך אַ דײַטשישער „בעטריבס־לייטער“, וועלכער פֿלעגט די מענטשן אינגאַנצן פֿאַרביטערן דאָס לעבן. דער סאַמע גרעסטער פֿאַרגעניגן זײַנער איז געווען אָנצורייצן זײַן הונט אויף די מענטשען און ער פֿלעגט שטיין און קײַכן זיך פֿון געלעכטער, ווען דער הונט פֿלעגט רײַסן פֿון די מענטשן די קליידער און דאָס פֿלייש.

The really frightful work was in the nearby S.S. facility. Fortunately the work at the S.S. farm lasted only until mid-November. Then the

גאָר אַ שרעקלעכע אַרבעט איז געווען אין דעם נאָענטן ס.־ס.־גוט. צום גליק האָט די אַרבעט אין ס.־ס. פֿולוואַרק זיך געצויגן נאָר ביזן מיטן נאָוועמבער. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער הויכסעזאָן אין

busy season in the factory began, and the factory directors stopped sending people there.

The camp lasted until January 25, 1944. Afterward, people were taken back to the ghetto, which had already been converted into a concentration camp.

On September 27, a transport with 250 men went out to Daugėliai, near Kurshan.

Conditions in Daugėliai were very harsh. The barrack was a stable without electricity, water or any other conveniences. The crowding was terrible, even for those used to the ghetto. For the entire camp there was not a single kitchen; everyone had to cook outdoors. The most unsettling thing was that there was work for only a small number of them, and it was known that a camp without work was a death-camp. Besides that, many in the camp were unfit for work, and this disturbed the people even more.

Also, Daugėliai had to send workers to the S.S. facility, and so had to endure going through hell for the S.S. murderers.

Yet Daugėliai had its good sides: People there had a certain freedom of movement. From time to time they could leave the enclosure and obtain food for themselves.

Strategically, the camp had an advantage, in that nearby was a large forest, within which was a brick works that held many potential hiding places.

After Daugėliai, a transport took 125 men to Linkaičiai. Everyone wanted to be in Linkaičiai, because this camp remained under the direct control of the Wehrmacht. Yet this camp was also a hard one. The guard was beefed up, and the job involved hard labor, loading 40-pound bombs. Even small children worked in the gardens or yards there the entire day. But at times, during visits by the S.S., the camp guards themselves would hide a couple

פֿאַבריק, און די פֿאַבריק־לייטונג האָט אויפֿגעהערט צו שיקן מענטשן אַהין.

דער לאַגער איז געווען ביזן 25טן יאַנואַר 1944. נאָכדעם זײַנען די מענטשן אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין געטאָ, וואָס איז שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצ־לאַגער.

דעם 27טן סעפּטעמבער איז אַרויס אַ טראַנספּאָרט פֿון 250 מענער קיין דאַוגעליאַיִ נעבן קורשאַן.

די באַדינגונגען אין דאַוגעליאַיִ זײַנען געווען זייער שווערע. דער באַראַק איז געווען אַ שטאַל אָן עלעקטריע, אָן וואַסער און אָן קיינע אַנדערע נויטיקע אײַנריכטונגען. די ענגשאַפֿט איז געווען שרעקלעך, אַפֿילו פֿאַר די געפּרוּווטע מענטשן פֿון געטאָ. פֿאַרן גאַנצן לאַגער אין ניט געווען קיין קיך. יעדער האָט זיך געמוזט קאָכען אויף דרויסן. דאָס סאַמע באַאומרויִקנדיקסטע איז געווען, וואָס נאָר פֿאַר אַ קלענער טייל איז געווען אַרבעט, און דאָס האָט מען געוווּסט, אַז אַ לאַגער אָן אַרבעט איז אַ טויט־לאַגער. חוץ דעם זײַנען אינעם לאַגער געווען פֿיל ניט קיין אַרבעטפֿעיִקע און קינדער, און דאָס האָט באַאומרויִקט די מענטשן נאָך מער.

אויך דאַוגעליאַיִ האָט געמוזט שיקן אַרבעטער אין ס.־ס.ישן גוט אין אויך דאַוגעליער אַרבעטמענטשן האָבן געמוזט אויסשטיין אַלע שבֿעה מדורי גיהנום פֿון די ס.־ס.־רוצחים.

אָבער דאַוגעליאַיִ האָט געהאַט געוויסע גוטע זײַטן : מענטשן האָבן דאָרטן געהאַט אַ געוויסע באַוועגונג־פֿרײַהייט. פֿון צײַט־צו־צײַט האָבן זיי געקענט אַרויסגיין פֿון די דראָטן און אײַנשאַפֿן זיך שפּײַז.

סטראַטעגיש האָט דער לאַגער געהאַט די מעלה, וואָס עס איז געווען דערבײַ אַ גרויסער וואַלד, און אינעווייניק אין ציגל־פֿאַבריק האָט ער געהאַט פֿיל באַהעלטענישן.

נאָך דואַגעליאַיִ איז אַרויס אַ טראַנספּאָרט פֿון 125 מאַן קיין לינקייטשיאַיִ. אין לינקייטשיאַיִ האָבן אַלע געשטרעבט צוליב דעם, וואָס דאָרט איז דער לאַגער געבליבן אונטער דער דירעקטער וואַך פֿון דער ווערמאַכט. אָבער אויך דער לאַגער אין געווען אַ שווערער. די וואַך האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. די אַרבעט איז געוואָרן אַן עבֿודת פּרך. אַלע לאַגערמענטשן האָבן געמוזט דאָרט אַרבעטן בײַם לאָדן 40 פּודיקע באָמבעס. אַפֿילו די קליינע קינדער האָבן דאָרט געאַרבעט אין גאָרטן אָדער הויף אַ גאַנצן טאָג. אָבער בשעת עס פֿלעגט זײַן אַ באַזוך פֿון ס.־ס.־געסט, פֿלעגט די

of children. Officially, the construction managers of Linkaičiai had declared that there were no children, and therefore no *kinderaktion* took place there. A committee was set up in the camp to take charge of the kitchen, which charged a fee to whoever could pay it, and thereby improved nutrition for everyone.

לאַגערוואַך אַליין באַהאַלטן די פּאָר קינדער. אָפֿיציעל האָט די בוילייטונג פֿון לינקייטשיאַיִ, ניט אָנגעגעבן קיינע קינדער, און דעריבער איז דאָרט ניט פֿאָרגעקומען קיין קינדער־אַקציע. אין לאַגער איז געשאַפֿן געוואָרן אַ פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט איבערגענומען די פֿירונג אין קיך, זי האָט באַשטייערט די פֿאַרמעגלעכערע און איינגעפֿירט פֿאַר אַלעמען אַ בעסערן קעסל.

On September 30, according to Förster's plan, the last transport went to the Akmenė camp. This camp was the worst in all aspects. It was the farthest away; the work was in a cement and clay plant; and the barracks were small, low and without any comforts, even light.

דעם 30טן סעפּטעמבער איז, לויטן פּלאַן פֿון פֿאָרסטערן, אַרויס דעם לעצטער טראַנספּאָרט אין אַקמיאַנער לאַגער. דער לאַגער איז געווען דער ערגסטער אין אַלע פּרטים. ער איז געווען דער ווײַטסטער, די אַרבעט אין געווען אין אַ פֿאַבריק בײַ צעמענט און קאַלך. די באַראַקן זײַנען געווען קליינע, נידעריקע און אָן קיינע באַקוועמלעכקייטן, אַפֿילו אָן ליכט.

The only ones remaining to be taken to this camp were the most poor, and members of the underground. Conditions in the camp grew far worse at the beginning of 1944, when Oygul's place as camp leader was taken by the German, Fleischauer. He was assisted in his brutal dealings with people by his underlings Willi, Meyer, the "provincial overseer" nicknamed "Mickey Mouse," and worst of all, Jankowski, an ethnic German from Poland. An exception was the chief guard Herr, who dealt very humanely with the Jewish workers and also with their children.

צו אַלעם דעם זײַנען פֿאַר דעם לאַגער געבליבן בלויז די אָרעמקייט און אונטערוועלט. די באַדינגונגען אינעם לאַגער האָבן זיך שטאַרק פֿאַרערגערט אָנהויב 1944, ווען אויף אויגולס אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער דײַטש פֿליישהאַוער אַלס לאַגער־פֿירער. אין דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג פֿון די מענטשן האָבן אים נאָך צוגעהאָלפֿן די נידעריקערע באַאמטע ווילי, מײַער, דער „גובערניאַ"־אויפֿזעער מיטן צונאָמען „מיקימויז", און ערגער פֿון אַלעמען דער פּוילישער פֿאָלקסדײַטש יאַנקאָווסקי. אַן אויסנאַם איז געווען וואַכמײַסטער הער, וועלכער האָט זיך באַצויגן זייער מענטשלעך צו די ייִדישע אַרבעטער און אויך צו די קינדער.

In mid-January 1944, the Jews of Akmenė were transferred to the A.B.A.[26] camp. With Akmene closed on September 30, the barracking process ended: The ghetto was converted into a concentration camp. The Lithuanian guards were replaced by German S.S., made up of ethnic Germans from Rumania. These people had received their training at Dachau.

אין מיטן יאַנואַר 1944 זײַנען די ייִדן פֿון אַקמיאַן אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין לאַגער פֿון א. ב. א. אויף אַזאַ אופֿן איז דעם 30טן סעפּטעמבער מיט אַקמיאַן אָפּגעשלאָסן געוואָרן די קאָזערנירונג. דאָס געטאָ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצלאַגער. די ליטווישע וואַך איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף דײַטשישע ס.־ס. פֿון פֿאָלקסדײַטשן פֿון רומעניע. אָט די לײַט האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג אין דאַכאַו.

## *Kinderaktion*

## קינדער־אַקציע

Förster kept his word about improving the ghetto's food situation. The bread ration increased from 200 to 350 grams per day.

פֿאָרסטער האָט געהאַלטן וואָרט וואָס שייך פֿאַרבעסערן די באַשפּײַזונג פֿון געטאָ. די נאָרמע ברויט איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן פֿון 200 אויף 350 גראַם אַ

26 *ArmeiBakleidungsAmt,* the German military clothing supply office.

In addition, there was almost enough meat and margarine. Potatoes in that time were so plentiful in the ghetto that pits had to be dug to store them.

However, all this was only a fiendishly clever maneuver on Förster’s part, to lull the ghetto out of wariness. This became evident very quickly. On November 4, Förster came to the camp in Daugėliai and demanded that all children under 12 years old be assembled, along with elderly men and women. When the Jewish camp leader refused to do this, Förster himself went through the camp, grabbing the victims.

The first to be taken were Mrs. Esther Lipshitz-Amsterdamsky and 8 children. He packed them into an auto. In the chaos, the remaining elderly women and children managed to hide in the woods or in the lowest crevices of the brickworks. From Daugėliai Förster and his hangmen headed for Pavenčiai, which is one kilometer from Daugėliai, and grabbed five children there.

With his 15 victims, Mrs. Lipshitz and 14 children, Förster went to Šiauliai, where he loaded them into wagons that had been already prepared.

Overnight November 4-5, at 4 a.m., Förster telephoned the ghetto watch, telling it to be on alert. *Oberscharführer* Schlöf received the order to prepare for the *aktion*. All the guards armed themselves with heavy weapons — machine guns and automatics — and formed a tight circle around the ghetto.

After about an hour, a large regiment of Ukrainians was brought in: 300 of them stood on Riga Street, ready for anything, and many others were brought directly to the ghetto. At 6 a.m., when the first workers prepared to go out, they found the ghetto gate locked. There was panic in the ghetto, and the Jewish council

טאָג.

ס'איז אויך געווען כּמעט גענוג פֿלייש און מאַרגאַרין. קאַרטאָפֿל זײַנען אין דער צײַט געווען אַזוי פֿיל אין געטאָ אַז מען האָט געמוזט גראָבן גריבער זיי צו פֿאַרשיטן.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ טײַוולאָניש־כיטרער מאַנעווער מצד פֿאָרסטערן, ווּעלכער האָט דערמיט געוואָלט אײַנשלעפֿערן די וואַכזאַמקייט פֿון געטאָ. דאָס האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן. דעם 4טן נאָוועמבער איז פֿאָרסטער געקומען אין לאַגער פֿון דאַוגעליאײַ און געפֿאָדערט צוזאַמענצונעמען אַלע קינדער ביז 12 יאָר און עלטערע מענער און פֿרויען. ווען דער ייִדישער לאַגער־פֿירער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט ער זיך אַליין אַוועקגעלאָזן איבערן לאַגער כאַפּן די קרבנות.

די ערשטע איז איִם אונטערגעקומען די פֿרוי אסתּר ליפּשיץ־אַמסטערדאַמסקי און 8 קינדער. ער האָט זי אַרײַנגעפּאַקט אין אויטאָ. די איבעריקע עלטערע פֿרויען און קינדער האָבן זיך אין טומל באַוויזן צו באַהאַלטן אין וואַלד אָדער אין די אונטערשטע לעכער פֿון ציגל־פֿאַבריק. פֿון דאַוגעליאײַ איז פֿאָרסטער מיט זײַנע תּלינים אַוועק נאָך פּאַווענטשיאײַ, וואָס איז אַ קילאָמעטער פֿון דאַוגעליאײַ, און האָט דאָרט געכאַפּט 5 קינדער.

מיט די 15 קרבנות, מיט דער פֿרוי ליפּשיץ און 14 קינדער, איז פֿאָרסטער אַוועקגעפֿאָרן קיין שאַוול, ווּו ער האָט זיי אײַנגעפּאַקט אין די שוין פֿון פֿריער צוגעגרייטע וואַגאָנעס.

די נאַכט פֿון 4טן אויפֿן 5טן נאָוועמבער 4 אַזייגער באַגינען האָט פֿאָרסטער טעלעפֿאָנירט אין געטאָוואַך, אַז זי זאָל זײַן אַלאַרם־גרייט. דער אָבערשאַרפֿירער שלעעף האָט באַקומען דעם באַפֿעל אַלץ צוצוגרייטן צו דער אַקציע. אַלע וואַכלײַט האָבן זיך באַוואָפֿנט מיט שווערע וואָפֿן — פּוליעמיאָטן און אויטאָמאַטן און האָבן אין אַן ענגער קייט באַוואַכט דאָס געטאָ.

אין אַ שעה אַרום איז געבראַכט געוואָרן אַ גרויסער רעגימענט פֿון אוקראַיִנער : 300 פֿון זיי זײַנען געשטאַנען אויף ריגער גאַס, גרייט צו יעדער עווענטואַליטעט, און אַזויפֿיל זײַנען צוגעפֿירט געוואָרן דירעקט צום געטאָ. 6 אַזייגער פֿרי, ווען די ערשטע אַרבעטער האָבן געוואָלט אַרויסגיין, האָבן זיי געפֿונען דעם טויער פֿון געטאָ געשלאָסן. אין געטאָ איז געוואָרן אַ פּאַניק. די ייִדישע פֿאַרשטייער האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלט. אין דער מינוט

members all gathered. After a minute Förster arrived and announced he was transferring the children and those unable to work to another camp. To convince the council to let the children come quietly, he sent two council members with them: Berel Kartun and Aharon Katz. Why those two? Berel Kartun was old, and he disliked Aharon Katz for behaving too boldly in his presence. The Jewish police had to go with the Ukrainians.

איז אַרײַן פֿאָרסטער און האָט געמאָלדן, אַז ער מוז אַרויסנעמען די קינדער און ניט אַרבעטפֿעיִקע און אַריבערפֿירן זיי אין אַן אַנדער לאַגער. כּדי די פֿאָרשטייערשאַפֿט זאָל זיך איבערצייגן, אַז די קינדער קומען אָן בשלום, שיקט ער מיט זיי 2 פֿאָרשטייער : בערל קאַרטון און אהרן כּץ. פֿאַר וואָס עפּעס די צוויי ? — בערל קאַרטון איז געווען אַלט און אהרן כּץ איז אים ניט געפֿעלן, ווײַל ער פֿלעגט אין זײַן אָנוועזנהייט זײַן צו דרייסט. די ייִדישע פּאָליציי מוז מיטגיין מיט די אוקראַיִנער.

Förster told the council to announce to the ghetto inhabitants that they could go to their jobs. When it became known in the ghetto that it was possible to go to work, people eagerly rushed to the two ghetto gates. The more cautious, who had grasped what was happening, took along their elderly fathers and mothers or their children.

פֿאָרסטער האָט נאָך באַפֿוילן די ייִדישע פֿאָרשטייערשאַפֿט צו מעלדן די געטאָ־אײַנוווינער, אַז זיי קענען גיין צו דער אַרבעט. ווען אין געטאָ איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מ׳מעג גיין צו דער אַרבעט, האָבן מענטשן מיט שׂימחה זיך אַ לאָז געטאָן צו די 2 טויערן פֿון געטאָ. די פֿאָרזיכטיקערע, וואָס האבן זיך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָבן מיט זיך מיטגענומען זייערע אַלטע טאַטע און מאַמע אָדער זייערע קינדער.

Within 15 or 20 minutes, all the workers had gone through the ghetto gates. Then the *aktion* began: The main ghetto gate opened and in poured armed, drunken Ukrainians.

אין משך פֿון 15-20 מינוט זײַנען אַלע אַרבעטער אַרויס פֿון די געטאָ־טויערן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע : דער הויפּטטויער האָט זיך געעפֿנט און אין געטאָ האָבן זיך אַרײַנגעריסן שיכּורע באַוואָפֿנטע אוקראַיִנער.

First, Förster broke into the barrack nearest the gate. This barrack had been an outbuilding of the “Zemlin” factory, which the ghetto had taken over to house those from the Kaukazas ghetto who needed a temporary place. Inside were all the former beggars and other poor people, a mass of elderly, the disabled and children. All the unfortunate inhabitants of this barrack were taken out into the square, where the council members and administrators stood. Here they were sorted — those able to work on one side, the elderly and children on the other.

קודם כּל האָט זיך פֿאָרסטער אַרײַנגעריסן אין באַראַק נעבן טויער. דער באַראַק איז געווען אַ שטאַל פֿון דער פֿאַבריק „זעמלין“, וואָס דאָס געטאָ האָט באַקומען, כּדי צײַטווײַליק אײַנצוקוואַרטירן די אַלע פֿון קאַווקאַזער געטאָ, וואָס האָבן פֿאַרלויפֿיק ניט געהאַט זיך ווּ אַהינצוטאָן. דאָרט זײַנען צוזאַמענגענומען געוואָרן אַלע געוועזענע הייזער־גייער און אַנדערע אָרעמעלײַט. דאָרט איז געווען אַ מאַסע פֿון אַלטע, קאַליקעס און קינדער. די אַלע אומגליקלעכע אײַנוווינער פֿון באַראַק זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויפֿן פּלאַץ, ווּ עס זײַנען שוין געשטאַנען די פֿאָרשטייער און אַדמיניסטראַטאָרן. דאָ זײַנען זיי סאָרטירט געוואָרן — די אַרבעטפֿעיִקע באַזונדער, עלטערע און קינדער באַזונדער.

At Förster’s command, the Ukrainians combed through the houses. A few they surrounded. There were pitiful scenes, which only those who had lived through it can imagine: Mothers refusing to give up their children, screaming at the murderers until they fainted; children with heart-rending cries. Mothers screaming at the children, the children begging their parents to save them. In the midst of this, Förster and his

אונטער פֿאָרסטערס קאָמאַנדע האָבן די אוקראַיִנער זיך געלאָזט איבער אַלע הייזער. איינצלנע קוואַרטאַלן האָבן זיי אַרומגערינגלט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שוידערלעכע סצענעס, וואָס נאָר די, וועלכע האָבן עס איבערגעלעבט, קענען עס זיך פֿאָרשטעלן : מאַמעס האָבן זייערע קינדער ניט געגעבן, האָבן זיך געריסן ביז אָנמאַכט מיט די תּלינים, קינדער האָבן יאָמערלעך געשריען. די מאַמעס האבן זיך געריסן צו די קינדער, די קינדער האָבן זיך געבעטן בײַ זייערע עלטערן זיי צו ראַטעווען. אינצווישן האָבן פֿאָרסטער מיט זײַנע אוקראַיִנער

Ukrainian helpers took the children and threw them into the trucks. And as a truck started up, the last desperate cries of the parents on the square and from the children in the trucks chilled the blood in your veins.

באַהעלפֿערס געשלעפּט די קינדער און געוואָרפֿן זיי אין אויטאָ. און ווען דער אויטאָ פֿלעגט אָפּגיין, פֿלעגט זיך אַרויסרײַסן דאָס לעצטע פֿאַרצווייפֿלטע געשרײַ פֿון די עלטערן אויפֿן פּלאַץ און פֿון די קינדער אין אויטאָ, און דאָס בלוט אין די אָדערן פֿלעגט פֿאַרקילט ווערן.

Jewish police had to accompany the murderers. Most tried as best they could to hide the children. “Active” were Erik Gidansky, the camp elder from Linkaciai, who happened to be in the ghetto and took part in the *aktion*, and “Leibke *Partizaner*.” (The Lithuanian murderers were also called ‘partisans’.) They placed the children in the trucks.

ייִדישע פּאָליציי האָט געמוזט מיטגיין מיט די מערדער. די גרעסערע טייל פֿון זיי האָט, ווי זי האָט געקענט, פֿאַרבאַהאַלטן די קינדער. „אַקטיווער“ איז געווען עריק גידאַנסקי, דער לאַגער־עלטסטער פֿון לינקייטשער לאַגער, וועלכער איז צופֿעליק געווען אין געטאָ און האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע און „לייבקע פּאַרטיזאַנער“ (מיטן נאָמען פּאַרטיזאַנער האָט מען אין ליטע גערופֿן די ליטווישע מערדער). זיי האָבן די קינדער אַרײַנגעזעצט אין אויטאָ.

The representatives in the square saved a few children, swearing that they were older than 12, so that they were put with the adults.

די פֿאָרשטייער האָבן אויפֿן פּלאַץ געראַטעוועט אייניקע קינדער, זאָגנדיק עדות, אַז זיי זײַנען עלטער פֿון 12 יאָר. די קינדער פֿלעגן געשטעלט ווערן מיט די דערוואַקסענע.

The *aktion* lasted the entire day. Among those taken was the 70-year-old doctor Rozovsky. Dr. Rozovsky was from a famous family of cantors and musicians. He himself was a great musician and scholar of Yiddish, Hebrew and Russian literature. He wrote poems in Russian (some were published), and he had skillfully translated Krylov’s fables into Yiddish.

אין דער דאָזיקער אקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, איז אויך אַרויסגעפֿירט געוואָרן דער 70־יאָריקער דאָקטאָר ראָזאָווסקי. דר. ראָזאָווסקי איז געווען פֿון דער באַרימטער משפּחה חזנים און מוזיקער. אַליין איז ער אויך געווען אַ גרויסער מוזיקער און קענער פֿון דער ייִדישער, העברעיִשער און רוסישער ליטעראַטור. ער אַליין האָט געשריבן לידער אין דער רוסישער שפּראַך (אייניקע זײַנען געווען געדרוקט), ער האָט הויך קינסטעריש איבערגעשאַפֿן קרילאָווס משלים אין ייִדיש.

Also taken was the 70-year-old Shmuel Rubinshtein. He was the author of several works on the Mishna and Talmud (the names of which I have forgotten), a type of scientific commentary on the development of the major work. Devout rabbis were critical of him, although he was a strictly observant Jew. His was among the most brilliant minds among Lithuanian Jewry. He was taken away with his two grandchildren.

עס איז אויך אַרויסגעפֿירט געוואָרן דער 70־יאָריקער שמואל רובינשטיין. ער איז דער מחבר פֿון אייניקע חיבורים איבער דרך המשנה והתלמוד (דעם נאָמען האָב איך פֿאַרגעסן). עס איז אַ טיפּע וויסנשאַפֿטלעכע דערקלערונג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דעם גרויסן ווערק. פֿרומע רבנים האָבן פֿאַר דעם געקוקט קרום אויף אים, כאָטש ער האָט שטרענג אָפּגעהיט אַלע תּר״יג מצוות. ער איז געווען איינער פֿון די ליכטיקסטע מוחות פֿון די ליטווישע ייִדן. ער איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַנע צוויי אייניקלעך.

After the departure of the last truck, the executioners — Förster, Schlöf, Keller, Schuant and the Ukrainians — got themselves totally drunk, right before the eyes of the remaining unfortunate fathers and mothers. Then they sent everyone home.

נאָכן אָפּגיין פֿונעם לעצטן אויטאָ האָבן די תּלינים : פֿאָרסטער, שלעף, קעללער, שוואַנט מיט די אוקראַיִנער געשטעלט זיך שיכּורן פֿאַר די אויגן פֿון די אַלע פֿאַרבליבענע אומגליקלעכע טאַטעס און מאַמעס... דאַן האָבן זיי אַלעמען געשיקט אַהיים.

From there the murderers went to the aerodrome. However the commandant Schmidt managed to hide most of the “suspects” — the elderly and children. Förster grabbed only three, an old woman with two small children. When the *aktion* finished and the unfortunate fathers and mothers came back from the square and the factory and found the empty houses, a wailing began through all the houses of the ghetto that tore the heart and rent the mind. The sounds continued through horrible nights: Day in, day out from the end of work through each night, the wailing of a people that had lost its most precious thing — its children.

פֿון דאָרט האָבן זיך די רוצחים געלאָזט צום אַעראָדראָם. נאָר דער קאָמענדאַנט שמיט האָט באַוויזן צו באַהאַלטן די גרעסטע טייל „חשודיקע“ — אַלטע און קינדער. פֿאָרסטער האָט געכאַפּט בלויז 3 — אַן אַלטע פֿרוי מיט 2 קליינע קינדער. ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט און די אומגליקלעכע טאַטעס און מאַמעס זײַנען געקומען פֿון פּלאַץ און פֿון פֿאַבריק און געפֿונען די אויסגעליידיקטע הייזער, האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ יללה איבער אַלע הייזער פֿון געטאָ, וואָס האָט געשניטן ס'האַרץ און געשפּאָלטן דעם מוח. דאָס קלאָגן האָט זיך געצויגן דורך גרויליקע נעכט. טאָג־איַין טאָג־אויס פֿון נאָך דער אַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. אַזוי קען נאָר קלאָגן אַ פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַרלאָרן דאָס טײַערסטע — די קינדער.

## Children who were saved

## גערעאַטעוועטע קינדער

After the *aktion* there remained 221 rescued children in the ghetto, along with the children at the Bačiunai, Linkaičiai and Akmenė camps, where there had been no *kinderaktion,* and the Daugėliai camp, where most of the children had been saved.

נאָך דער אַקציע זײַנען דאָך געבליבן 221 געראַטעוועטע קינדער אין געטאָ, חוץ די קינדער פֿון באַטשיונער, לינקייטשער און אָקמיאַנער לאַגערן, וועלכע האָבן קיין קינדער אַקציע ניט געהאַט און דאַוגעלער לאַגער, ווו די מערהייט קינדער האָט זיך געראַטעוועט.

Their parents now sought places outside the ghetto where they could hide their surviving children. Mendel Leibovich and some others went among the better Lithuanian people and begged them to take out the rescued children of the ghetto.  They approached the priest Lapis, the wife of Dr. Jasaitis, and others. Originally Lapis promised to find places for Jewish children in Lithuanian orphanages. In the Šiauliai region, both in the city and surrounding areas, there were orphanages that were entirely under the control of the Lithuanian community, and the Germans never stuck their noses in them. They used to issue documents to their interned children. If the orphanage staffs, who were devout Catholics, had been willing, they could have accommodated scores, if not all the Jewish surviving children after the *aktion*.  At least they could have taken in the girls, who could not be recognized as Jewish. But the staffs did not want to. Everywhere there were obstacles,

די עלטערן פֿון די פֿאַרבליבענע קינדער האָבן איצט געזוכט אויסערן געטאָ ערטער, ווו צו באַהאַלטן זייערע לעבן־געבליבענע קינדער. מענדל לייבאָוויטש און נאָך אייניקע זײַנען אַרומגעגאַנגען בײַ די ליטווישע בעסערע מענטשן און געבעטן אַרויסנעמען די געראַטעוועטע קינדער פֿון געטאָ. זיי זײַנען געווען בײַם גלח לאַפּיס, בײַ דער פֿרוי פֿון דר. יאָסײַטיס און בײַ נאָך. לכתּחילה האָט לאַפּיס צוגעזאָגט אײַנצואָרדענען די ייִדישע קינדער אין די ליטווישע קינדערהיימען. אין שאַוולער געביט, אין שטאָט און אומגעגנט, האָבן זיך געפֿונען מערערע קינדערהיימען, וואָס זײַנען געווען אינגאַנצן אין רשות פֿון דער ליטווישער געזעלשאַפֿט און די דײַטשן האָבן אפֿילו אַהין ניט אַרײַנגעשמעקט. זיי פֿלעגן פֿאַר זייערע קינדער אַרויסגעבן דאָקומענטן. ווען דער פּערסאָנאַל פֿון די קינדערהייזער, וואָס האָט געהערט צו די פֿרומע קאַטאָליקן, וואָלט געוואָלט, וואָלטן צענדליקער, אויב ניט אַלע ייִדישע לעבן־געבליבענע קינדער נאָך דער אַקציע געקענט געראַטעוועט ווערן. אין ערגסטן פֿאַל האָבן זיי געקענט אויפֿנעמען די מיידעלעך, אויף וועלכע קיינער וואָלט ניט דערקענט, אַז זיי זײַנען ייִדישע. האָט אָבער דער פּערסאָנאַל ניט געוואָלט. אומעטום איז געווען אַ מניעה און קיין איין ייִדיש קינד האָט ניט געפֿונען קיין שוץ און רעטונג אין די ליטווישע קינדערהיימען.

and not one Jewish child found support and rescue in the Lithuanian orphanages.

More parents turned to their private acquaintances among the Lithuanians and gave over their children. The majority paid with costly items, gold and diamonds. In most cases the Lithuanians accepted the gold and returned the child to the ghetto.

מערערע עלטערן האָבן אויסגענוצט פּריוואַטע זייער באַקאַנטשאַפֿט מיט ליטווינער און האָבן איבערגעגעבן זיי זייערע קינדער. דאָס רובֿ האָבן די עלטערן געצאָלט מיט קאָסטבאַרע זאַכן, מיט גאָלד און בריליאַנטן. אין מערסטע פֿאַלן האָבן די ליטווינער אָפּגענומען דאָס געלט און צוריקגעבראַכט דאָס קינד אין געטאָ.

## Change in the ghetto management

## ענדערונג אין געטאָ־פֿאַרוואַלטונג

After the *kinderaktion,* the Siauliai *Jüdenrat* was formally terminated. Since In reality Šiauliai was already by then considered a concentration camp, Förster appointed a camp elder. Officially this was the former *Jüdenrat* chairman Mendel Leibovich. Georg Pariser was named head of the labor office, and in the ghetto's final period he played an important and fatal role.

נאָך דער קינדער־אַקציע איז פֿאַקטיש בטל געוואָרן דער שאַוולער ייִדן־ראַט. היות שאַוול האָט זיך שוין דעמאָלט גערעכנט אַלס קאָנצלאַגער, האָט פֿאָרסטער באַשטימט אַ לאַגער־עלטסטן. פֿאָרמעל איז דאָס געווען פֿריערדיקער פֿאָרזיצער פֿון ייִדן־ראַט מענדל לייבאָוויטש. אַלס לייטער פֿון אַרבעטסאַמט איז באַשטימט געוואָרן געאָרג פּאַריזער. געאָרג פּאַריזער האָט געשפּילט אינעם לעבן פֿון געטאָ אין לעצטן פּעריאָד אַ וויכטיקע און פֿאַטאַלע ראָל.

Georg Pariser was himself from the Memel region. His father was a nationalist-orthodox Jew. The son however was completely assimilated. He married a German woman and their two children considered themselves completely German.

געאָרג פּאַריזער איז אַליין געווען פֿון מעמל־געביט. זײַן טאַטע איז געווען אַ נאַציאָנאַל־אָרטאָדאָקסישער ייִד. דער זון אָבער איז געווען פֿולשטענדיק אַסימילירט. ער האָט געהייראַט אַ דײַטשקע און די 2 קינדער זײַנע האָבן זיך גערעכנט פֿאַר פֿולשטענדיקע דײַטשן.

With the beginning of the occupation, Georg Pariser had to go into the ghetto. In February 1942 his wife and children also were ordered into the ghetto, and told to wear star of David patches. His wife had the choice to separate from her husband and declare her two children Aryans. She preferred the ghetto. He met with Förster and the two of them became close friends. Förster promised to remove him and his family from the ghetto. At the time of the *kinderaktion,* Förster took Pariser's little daughter into the guardhouse, saving her.

מיטן אָנקום פֿון דער אָקופּאַציע האָט געאָרג פּאַריזער געמוזט גיין אין געטאָ. אין פֿעברואַר 1942 האָט אויך זײַן פֿרוי מיט די קינדער געקראָגן דעם באַפֿעל אַרײַנצוגיין אין געטאָ און אָנטאָן לאַטעס. זײַן פֿרוי האָט געהאַט אַ ברירה אָפּצוזאָגן זיך פֿון איר מאַן און דערקלערן אויך אירע קינדער אַלס אַרישע. זי האָט בעסער אויסגעקליבן דאָס געטאָ. ער האָט זיך באַקענט מיט פֿאָרסטערן און יענער איז געוואָרן מיט אים אַ גאַנצער ידיד. פֿאָרסטער האָט אים צוגעזאָגט אַרויסצונעמען אים מיט זײַן פֿאַמיליע פֿון געטאָ. אין דער צײַט פֿון דער קינדער־אַקציע האָט פֿאָרסטער אַרײַנגענומען זײַן קליין מיידעלע אין וואַכהויז און האָט עס געראַטעוועט פֿון דער אַקציע.

As head of the labor office, Pariser became the *de facto* boss of the ghetto. In March 1944, Mendel Leibovich was dismissed from his job and Pariser became both the ghetto elder and

אַלס לייטער פֿון אַרבעטס־איינזאַץ איז פּאַריזער געוואָרן דער פֿאַקטישער בעל־הבית פֿון געטאָ. אין מערץ מאָנאַט, 1944, איז מענדל לייבאָוויטש אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זײַן אַמט און פּאַריזער איז געוואָרן צוגלײַך לאַגער־עלטסטער און לייטער פֿון

head of the labor office. In this role, Pariser began to live lavishly. He took a large dwelling, and use to have big parties every day with Schlöf and the Gestapo guards. He received money and goods from the stores of the previous Jewish administration. Besides that, he formed alliances with the ghetto's biggest speculators, and through them received various valuables. From other people he extorted bribes and blackmailed their wives (In the *Pinkas* there is eyewitness testimony.)

It must be admitted, however, that Pariser paid more attention to the general population than did the employees of the previous labor office. His behavior was tactical. He often did little favors for people, and he was bold in opposing the ghetto guard. Others believed that, in an emergency, Pariser would save the ghetto.

Among the previous top officers of the ghetto administration, these remained: Mendel Leibovich as camp elder and later as head of the workshops; Aharon Heller as head of the workshops. Abraham Slezin, Chaim Chernovsky, Efraim Getz and Chaim Zhelinsky remained in the labor office as influential officers. Shmuel Burgin and Yosl Leibovich were assistants to M. Leibovich. Isaac Kulpenitsky continued to manage the cooperative.

Later the ghetto was divided into 12 blocks, with a block elder over each one. Each elder had to visit the inhabitants of his block each morning and evening, register the sick and report them to the labor office. The block elders consisted of former ghetto employees or others who weren't fit for other jobs.

## The A.B.A. camp

(military clothing office)

From Riga and Estonia, word came that the camps of the A.B.A were the best. Many people from the Šiauliai concentration camp

אַרבעטסאַמט. ווערנדיק לייטער פֿון אַרבעטסאַמט האָט פּאַריזער גענומען זיך פֿירן ברייט. ער האָט פֿאַרנומען אַ גרויסע וווינונג און פֿלעגט מאַכן צוזאַמען מיט דער געשטאַפּאָ־וואַך און שלעפֿן אַלע טאָג בעלער. דאָס געלט און פּראָדוקטן האָט ער באַקומען פֿון דער קאַסע פֿון דער פֿריערדיקער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט. אויסער דעם האָט ער געמאַכט יד־אחת מיט די גרעסערע ספּעקולאַנטן פֿון געטאָ און האָט דורך זיי באַקומען פֿאַרשיידענע ווערטזאַכן. פֿון אַנדערע מענטשן האָט ער אויסגעפּרעסט שוחד, און די פֿרויען האָט ער שאַנטאַזשירט (אין „פּנקס" זײַנען דאָ וועגן דעם מערערע גבית־עדותן).

מ'מוז אָבער צוגעבן, אַז דער ברייטער עולם האָט פּאַריזערן געאַכט מער ווי די אָנגעשטעלטע פֿון דעם פֿריערדיקן אַרבעטסאַמט. ער איז געווען טאַקטיש אין זײַן באַנעמען. ער האָט אָפֿט געטאָן קליינע טובֿות מענטשן, ער איז געווען דרייסט אַנטקעגן דער געטאָ־וואַך. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז פּאַריזער וועט אין אַן עת־צרה ראַטעווען דאָס געטאָ.

פֿון די פֿריערדיקע העכערע באַאַמטע פֿון דער געטאָ־פֿאָרשטייערשאַפֿט זײַנען געבליבן : מענדל לייבאָוויטש אַלס לאַגער־עלטסטער און שפּעטער אַלס לייטער פֿון די „ווערקשטובן", אהרן העלער אַלס לייטער פֿון די „ווערקשטובן". אברהם סליעזין, חיים טשערנאָווסקי, אפֿרים געץ און חיים זשיילינסקי זײַנען געבליבן אין אַרבעטסאַמט אַלס אויספֿירנדיקע באַאַמטע, שמואל בורגין און יאָסל לייבאָוויטש זײַנען געווען די געהילפֿן פֿון מ. לייבאָוויטש. אײַזיק קולפּעניצקי האָט ווײַטער אָנגעפֿירט מיטן קאָאָפּעראַטיוו.

שפּעטער איז דאָס געטאָ פֿאַרטיילט געוואָרן אין 12 בלאָקן. איבער יעדן בלאָק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ בלאָק־עלטסטער. דער בלאָק־עלטסטער האָט געדאַרפֿט יעדן פֿרימאָרגן און אָוונט באַזוכן די אײַנוווינער פֿון זײַן בלאָק, רעגיסטרירן די קראַנקע און באַריכטן וועגן זיי אין אַרבעטסאַמט. די אַמטן פֿון בלאָקעלטסטע האָבן פֿאַרנומען געוועזענע אָנגעשטעלטע פֿון געטאָ אָדער אַנדערע ניט־אַרבעטספֿעיִקע.

## דער לאַגער אַ. ב. אַ.

(אַרמיי־באַקליידונג־אַמט)

פֿון ריגע און עסטלאַנד האָבן מיר געהאַט גרוסן, אַז די לאַגערן פֿון א. ב. א. זײַנען די בעסטע. פֿיל מענטשן פֿון שאַוולער קאָנצלאַגער זײַנען דעריבער גאַנץ פֿרײַוויליק נאָכגעקומען די פֿאָדערונג פֿון רעגיסטרירן זיך אויף

were thus very willing to register for work in the A.B.A. camp in Šiauliai.

Even before the camp was opened, some columns went to construct and set up the barracks and fence it in with wire. In the evening they would return to the ghetto. At first the relationship between the leaders and overseers and the Jewish workers was humane. They did not harry or yell at the workers, and treated the tired and sick with consideration. The workday was 8 hours, from 8 a.m. to noon and from 1 to 4 or 5 in the afternoon. The barracks were not just “fit for Jews.” They were roomy and fitted with many comforts.

By the end of November the roster was full at this camp. Chosen as camp leader was the former administrator of the Kaukazas ghetto, Borukh Broida, a former teacher and a decent person. The head of the camp was a paymaster by the name of Oygul. He was not German, and he had real compassion for Jews. He instructed the lower officials not to torment the Jews, and to conceal the children. He counted among the “workers” all children aged 10 or older. Those under 10 were generally omitted from the lists.

In mid-February 1944, the camp regime became tougher thanks to the newly-designated camp commandant, Sergeant Babich. He himself would spy on people who tried to buy a bit of food and more than one was beaten and arrested because of him.

However, despite such harassment, the A.B.A camp was not among the worst. In the end not one Jew there was shot.

## The evacuation of the camps

On the morning of July 9, work in the A.B.A. camp was going as normal. In the afternoon, when people came to work in the factory, they found a beefed-up guard detail around it. The



אַרבעט אין לאַגער פֿון א. ב. א. אין שאַוול.

אַזוי ווי דער לאַגער איז נאָך ניט געווען אויפֿגעשטעלט, האָבן אייניקע קאָלאָנעס געאַרבעט בײַם בוי און אויפֿשטעלן פֿון די באַראַקעס און בײַם פֿאַרצאַמען די דראָטן. אין אָוונט פֿלעגן די אַרבעטער גיין צוריק אין געטאָ. די באַציונג פֿון די לייטער און אויפֿזעער צו די ייִדישע אַרבעטער איז אין אָנהויב געווען אַ מענטשלעכע. זיי פֿלעגן ניט טרײַבן, ניט שרײַען, שוואַכע און קראַנקע האָבן זיי געשוינט. די אַרבעט־צײַט איז געווען 8 שעה — פֿון 8 פֿרי ביז 12 און פֿון 1 ביז 4 אָדער 5 נאָך מיטאָג. די באַראַקעס זײַנען געווען גאָרניט „ווי פֿאַר ייִדן“. זיי זײַנען געווען גערוימע און מיט פֿיל באַקוועמלעכקײַטן.

סוף נאָוועמבער זײַנען שוין אַלע פֿון דער רשימה געווען אין לאַגער. אַלס לאַגער־עלטסטער איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר פֿון קאַווקאַזער געטאָ ברוך ברוידאַ, אַ געוועזענער לערער און אַן אָרנטלעכער מענטש. בראש פֿונם לאַגער איז געשטאַנען אַן אָבער־צאָלמײַסטער מיטן נאָמען אויגול, ניט קיין דײַטש, און ער האָט באמת געהאַט מיטלייד מיט ייִדן. ער האָט אָנגעזאָגט די נידעריקערע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן ניט פּייניקן די ייִדן, זיי זאָלן אויסבאַהאַלטן די קינדער. דער האָט אַרײַנגענומען אין צאָל פֿון „אַרבעטער“ אַלע קינדער אין עלטער פֿון 10 יאָר און העכער. ביז 10 יאָר האָט ער בכלל ניט אַרײַנגעטראָגן אין די רשימות.

אין מיטן פֿעברואַר 1944 האָט דער לאַגער־רעזשים זיך פֿאַרשאַרפֿט אַדאַנק דעם נײַ־באַשטימטן לאַגער־קאָמענדאַנט פֿעלדפֿעבל באַביטש. ער פֿלעגט אַליין לויערן אויף די מענטשן, וועלכע פּרוּוון קויפֿן עפּעס שפּײַז און ניט איינער איז געשלאָגן און אַרעסטירט געוואָרן דורך אים.

אָבער, נאָך די אַלע שיקאַנערײַען איז דער א. ב. א.־לאַגער דאָך ניט געווען פֿון די ערגסטע — נאָך אַלעמען איז אין אים קיין איין ייִד ניט געשאָסן געוואָרן.

## עוואַקואַציע פֿון די לאַגערן

דעם 8טן יולי פֿאַרמיטיק איז די אַרבעט אין א. ב. א. לאַגער נאָך אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. נאָכמיטיק, ווען די מענטשן זײַנען געקומען צו דער אַרבעט אין פֿאַבריק, האָבן זיי שוין געפֿונען אַרום פֿאַבריק אַ שטרענגע וואַך. די מײַסטערס זײַנען געקומען אַלע באַוואָפֿנט. די

master craftsmen arrived bearing arms. Work in the workshops ceased.

On Monday morning, July 10, the entire “elite” of the local Nazi regime arrived. Workers were put in a line and Erik Gidansky, the Jewish camp elder, gave a speech in which he announced that the camp was to be quickly evacuated to East Prussia, but that people should not fear, because there they would be put to work in another camp of the A.B.A. with the same masters.

Until the final evacuation, Jews were not permitted to leave the camp.

At the Daugėliai camp there was a serious effort to get away. When people realized that preparations were being made to evacuate the camp, they organized an escape. Several groups were formed to carry out separate tasks. The woods around the camp offered improved opportunities for escape, and the plan would have succeeded, but unfortunately there were traitors who told the commandant about the plan.  The Germans accelerated their efforts and brought the Daugėliai camp back to the Šiauliai ghetto (now a concentration camp).

In Linkaičiai as well, there were considerable possibilities for escape. Around the camp spread the large Linkaičiai woods, in which Russian partisans were already active. Also there was a weak self-defense organization. When the evacuation order came down, several in the camp decided it was time, and not telling even their closest ones (one daughter did not even tell her father) they fled. Among them were the camp elder Reisfeld and his wife, the doctor Factor, Mrs. Chaya Amolsky and her neice, Mrs. Kesl with her daughter, Esther Belkin and her brother and a couple of others. The rest were rounded up and brought to the Šiauliai ghetto.

Of the Linkaičiai escapees, Leah Treistman, Factor and the teacher Havshe fell into the



אַרבעט אין די ווערקשטובן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מאָנטיק פֿרי, דעם 10טן יולי, זײַנען אָנגעקומען די גאַנצע „פּני“ פֿון די אָרטיקע נאַצי־מושלים. די אַרבעטער זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ ריי און עריק גידאַנסקי, דער ייִדישער לאַגער־עלטסטער, האָט געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז דער לאַגער ווערט אײַנגיכן עוואַקויִרט קיין אָסטפּרייסן, נאָר מען זאָל זיך ניט שרעקן, ווײַל דאָרטן וועט מען ווײַטער אַרבעטן אינעם זעלביקן לאַגער פֿון א. ב. א. מיט די זעלביקע מײַסטערס.

ביז דער ענדגילטיקער עוואַקואַציע האָבן שוין די ייִדן ניט געקענט פֿאַרלאָזן דעם לאַגער.

אין לאַגער דאַוקעליאַײַ איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער פּרוּוו זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפֿן. ווען די מענטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז ס׳גרייט זיך די עוואַקואַציע פֿונעם לאַגער, זײַנען זיי אָרגאַניזירט געוואָרן צום אַנטלויפֿן. ס׳זײַנען געשאַפֿען געוואָרן אייניקע גרופּעס, וועלכע האָבן געהאַט צו דערפֿילן זייערע באַזונדערע אויפֿגאַבעס. דער וואַלד אַרום לאַגער האָט פֿארלייכטערט די מיגלעכקייט צו אַנטלויפֿן. די זאַך וואָלט אפֿשר אויך געלונגען, אָבער צום אומגליק האָבן זיך אײַנגעפֿונען פֿאַררעטער, וועלכע האָבן דערציילט דעם קאָמענדאַנט וועגן די פּלענער פֿונעם לאַגער. די דײַטשן האָבן זיך צוגעאײַלט און געבראַכט גלײַך דעם דאַוגעלער לאַגער אין שאַוולער געטאָ (קאָנצלאַגער).

אויך אין לינקייטשיאַײַ זײַנען געווען היפּשע רעטונג־מיגלעכקייטן. אַרום לאַגער האָט זיך אויסגעשפּרייט דער גרויסער לינקייטשער וואַלד, אין וועלכן עס זײַנען שוין געווען רוסישע פּאַרטיזאַנער. אויך דאָרט איז געווען אַ שוואַכע זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע. ווען עס איז אָנגעקומען דער באַפֿעל צו עוואַקויִרן זיך, האָבן אייניקע פֿון לאַגער זיך דערוווּסט באַצײַטנס און ניט אָנזאָגנדיק אַפֿילו זייערע נאָענטסטע (איינע אַ טאָכטער האָט אַפֿילו איר טאַטן ניט דערציילט) זײַנען זיי אַנטלאָפֿן פֿון דער אַרבעט. עס האָט זיך געראַטעוועט : דער לאַגער־עלטסטער רײַספֿעלד מיט זײַן פֿרוי, דער דאָקטאָר פאַקטאָר, פֿרוי חיה אַמאָלסקי מיט אַ פּלימעניצע, פֿרוי קעסל מיט אַ טאָכטער, אסתּר בעלקין מיט אַ ברודער און נאָך אַ פּאָר. די איבעריקע זײַנען צוזאַמענגענומען געוואָרן און מ׳האָט זיי געבראַכט אין שאַוולער געטאָ.

פֿון די לינקייטשער געלאָפֿענע זײַנען לאה טרייסטמאַן, פֿאַקטאָר און לערערין האַוושע אַרײַנגעפֿאַלן אין די

hands of Lithuanian partisans and were shot.

הענט פֿון די שילענער ליטווישע פּאַרטיזאַנער און זײַנען דערשאָסן געוואָרן.

It would also have been easy to escape from the aerodrome, because until the last day they had almost complete freedom of movement. But the healthiest and most energetic were brought to Panevėžys [Ponevezh], and the remaining 250 were not organized. Only one or two from that entire camp escaped. All the rest were brought to Šiauliai.

אויך פֿון אַעראָדראָם האָבן די מענטשן געקענט לײַכט לויפֿן, ווײַל זיי האָבן געהאַט ביז דעם לעצטן טאָג כּמעט פֿרײַע באַוועגונג. נאָר די סאַמע געזונטע און ענערגישע זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין פּאָנעוועזש און די איבעריקע 250 זײַנען געווען ניט אָרגאַניזירט. פֿונעם גאַנצן לאַגער זײַנען געלאָפֿן איינער אָדער צוויי. אַלע איבעריקע זײַנען געבראַכט געוואָרן קיין שאַוול.

## Evacuation of the Šiauliai ghetto

## עוואַקואַציע פֿון שאַוולער געטאָ

Into the Šiauliai ghetto, which had until the evacuation around 2,000 inhabitants, they brought the people from the Linkaičiai, Daugėliai, aerodrome and A.B.A camps — together more than 1,500 souls. To that they added 3,000 more from the Panevėžys camp. The ghetto was filled to capacity. And the Šiauliai Jews took in their brothers like family. No one slept in the streets and no one went hungry. Partially through the cooperative's reserves, and partially through the means available to the ghetto inhabitants, newcomers were helped out, and people shared up to their last bite of food.

אין שאַוולער געטאָ, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען ביז דער עוואַקואַציע בײַ צוויי טויזנט אײַנוווינער, זײַנען צוזאַמענגעפֿירט געוואָרן די לאַגער־מענטשן פֿון לינקייטשיאַיַ, דאַוגעליאַיַ, אַעראָדראָם און א. ב. א. — צוזאַמען איבער 1.500 נפֿשות. צו זיי איז צוגעקומען דער פּאָנעוועזשער לאַגער פֿון 3.000 נפֿשות. דאָס געטאָ אין פֿול געוואָרן עד אפֿס מקום. און דאָך האָבן די שאַוולער ייִדן אויפֿגענומען זייערע ברידער ווי אייגענע. עס איז קיינער ניט געשלאָפֿן אויף דער גאַס און קיינער איז ניט הונגעריק געווען. טיילווײַז האָט דער קאָאָפּעראַטיוו פֿון זײַנע זאַפּאַסן, אַביסל די אײַנוווינער פֿון געטאָ מיט זייערע מיטלען אַרויסגעהאָלפֿן אַלע אָנגעקומענע און מ'האָט זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן.

All those gathered in the Šiauliai ghetto were supposed to be transported on July 12, but the roads were blocked. The Riga-Tilsit highway and railroad were already insecure, under threat from the forward outposts of the Russian army and underground partisans.

די אַלע צונויפֿגענומענע אין שאַוולער געטאָ האָבן געדאַרפֿט אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן דעם 12טן יולי, נאָר די וועגן זײַנען שוין געווען פֿאַרשטאָפּט. דער שאָסיי און אײַזנבאַן־וועג ריגע־טילזיט איז שוין ניט געווען זיכער ; עס האָבן אים באַדראָט די פֿאָרפּאָסטנס פֿון דער רויטער אַרמיי און די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער.

The final transport began to depart on July 15. In it were the 3,000 Jews from the Ponevezh camp. On the 17th, the A.B.A. camp, aerodrome, Daugėliai and Linkaičiai and part of the Šiauliai ghetto, 3,000 souls in all. The rest of the Šiauliai ghetto were supposed to go on the 19th, but there were no more wagons.

דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אָפּגעגאַנגען ערשט דעם 15טן יולי. אין אים זײַנען אַרײַן די 3.000 ייִדן פֿון פּאָנעוועזשער לאַגער. דעם 17טן איז אַוועק דער לאַגער פֿון א. ב. א., אַעראָדראָם, דאַוגעליאַיַ און לינקייטשיאַיַ און אַ טייל פֿון שאַוולער געטאָ, בס"ה 3.000 נפֿשות. דעם 19טן האָט געדאַרפֿט אָפּגיין דער לעצטער רעשט — דאָס געטאָ פֿון שאַוול. עס זײַנען שוין אָבער ניט געווען מער קיין וואַגאָנעס.

On the night of July 19 there was a big bombardment of Šiauliai, which further diminished opportunities to find transportation for the last Jews of the Šiauliai ghetto. Some

אין דער נאַכט פֿון 19טן יולי איז גראָד פֿאָרגעקומען אַ גרויסע באָמבאַרדירונג פֿון שאַוול און דאָס האָט נאָכמער פֿאַרקלענערט די מיגלעכקייט צו געפֿינען טראַנספּאָרט־מיטלען פֿאַר די לעצטע ייִדן פֿון שאַוולער

of the bombs hit the ghetto, causing several deaths and severe injuries. Among the victims was the former chairman of the Jewish council, Mendel Leibovich. All his life he was an upstanding, modest person. In the ghetto he had served as his people's representative. He always did everything in his power to save the ghetto, and in all his actions, whether successful or not, he had only the general welfare in mind. All who survived the Šiauliai ghetto will always hold his memory dear. His father and mother, wife and only child, his sister and the wife of his brother perished after him.

געטאָ. פֿון די באָמבעס זײַנען אייניקע אין געטאָ שווער פֿאַרוווּנדעט און געהרגעט געוואָרן. צווישן די קרבנות איז געווען דער געוו. פֿאָרזיצער פֿון דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט מענדל לייבאָוויטש. ער איז זײַן גאַנץ לעבן געווען אַן אָרנטלעכער באַשיידענער מענטש. אין געטאָ האָט ער זיך דערהויבן צו אַ פֿאָלקס־פֿאַרטרעטער. ער האָט שטענדיק געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זײַנע כּוחות, כּדי צו ראַטעווען דאָס געטאָ, און אין זײַנע אַלע מעשׂים, צי זיי זײַנען געלונגען, אָדער ניט, האָט ער געהאַט אין זינען נאָר די טובֿות הכּלל. זײַן אָנדענקען וועט שטענדיק זײַן טײַער פֿאַר די אַלע פֿון שאַוולער געטאָ, וואָס זײַנען געבליבן לעבן. נאָך אים זײַנען אומגעקומען זײַן פֿאָטער און מוטער, פֿרוי און איינציק קינד, זײַן שוועסטער און די פֿרויען פֿון זײַנע ברידער.

On July 22, the ghetto was finally evacuated on foot, closely guarded by the German and Lithuanian S.S. The transport headed in the direction of Pavenčiai.

דעם 22טן יולי איז דאָס געטאָ סוף־כּל־סוף עוואַקויִרט געוואָרן צופֿוס אונטער אַ שטרענגער שמירה פֿון דײַטשישע און לעטישע ס. ס. דער טראַנספּאָרט איז אַוועק אין דער ריכטונג פֿון פּאַווענטשיאַיַ.

The heavily armed S.S. guards accompanying the Jews were trembling with fear, and would not stand for the slightest disturbance.

באַגלײַטנדיק די ייִדן האָבן די שווער־באַוואָפֿנטע ס. ס. געציטערט פֿאַר מורא. דעם קלענסטן ווידערשטאַנד וואָלטן זיי ניט אויסגעהאַלטן.

Pavenčiai, where they spent the night, offered a brief opportunity to escape. The Germans were afraid to show themselves in the forest, and their Lithuanian helpers were also losing their nerve. The roads were full of refugees; no one was in control. Hundreds, and perhaps all the rest of the Jews could have saved themselves. That they did not was due to a lack of organization and courage. The self-defense heroes achieved immortality by burying a couple of pistols and rusty grenades in the ground, and the last surviving members of the former representative council let themselves be misled by the provocateur G. Pariser and became his assistants. He promised to arrange for the Šiauliai people to be kept in a separate camp. The former administrators entrusted him with the Jewish council's treasury and many valuable objects. He was supposed to safeguard the valuables and use them for the general welfare.

אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו אַנטלויפֿן איז געגעבן געוואָרן און פּאווענטשיאַיַ. דאָרט האָט מען איבערגענעכטיקט די נאַכט. די דײַטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו באַווײַזן אין וואַלד. די ליטווישע באַהעלפֿער האָבן אויך פֿאַרלאָרן דעם מוט. די וועגן זײַנען געווען פֿול מיט פּליטים, קיינער האָט קיינעם ניט קאָנטראָלירט. הונדערטער און אפֿשר דער גאַנצער רעשט ייִדן האָבן זיך געקענט ראַטעווען. אויב מ'האָט עס ניט געטאָן, איז עס צוליב פֿעלן פֿון אָרגאַניזאַציע און מוט. די גיבורים פֿון זעלבסטשוץ האָבן פֿאַראייביקט זייער טעטיקייט מיטן פֿאַרגראָבן אַ פּאָר פּיסטאָלעטן און פֿאַרזשאַווערטע גראַנאַטן אין דער ערד און די לעצטע פֿאַרבליבענע פֿון דער פֿריערדיקער פֿאָרשטייערשאַפֿט האָבן זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿונעם פּראָוואָקאַטאָר ג. פּאַריזער און זײַנען געוואָרן זײַנע מיטהעלפֿער. ער האָט צוגעזאָגט צו פּועלן, אַז מ'זאָל די שאַוולער האַלטן אין אַ באַזונדערן לאַגער. אים האָבן די געוועזענע מיטגלידער פֿון דער אַדמיניסטראַציע פֿאַרטרויט דעם גאָלדפֿאָנד פֿון דער ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט און פֿיל פּריוואַטע ווערטזאַכן. ער האָט עס געדאַרפֿט אויסהיטן די אַלע ווערטזאַכן און אויסנוצן זיי לטובֿת הכּלל.

Seduced by all his promises, Šiauliai's Jews let

פֿאַרפֿירט פֿון די אַלע צוזאָגן האָבן זיך די שאַוולער ייִדן געלאָזט זעצן אין די וואַגאָנעס און פֿירן קיין שטוטהאָף.

themselves be put in the wagons and taken to Stutthof. G. Pariser and his family rode with them. One station before Stutthof, G. Pariser and ten men from the detachment switched to a smaller side-rail, taking scores of valises with the things he had stolen from the ghetto — and then he disappeared.

מיט זיי איז געפֿאָרן ג. פּאַריזער מיט זײַן משפּחה. אַ סטאַנציע פֿאַר שטוטהאָף האָט ג. פּאַריזער גענומען אַ צען מאַן פֿון עשאַלאָן איבערצוטראָגן פֿון באַן אויף אַ שמאָלער זײַט־ליניע זײַנע צענדליקער טשעמאָדאַנעס מיט זאַכן, וואָס ער האָט זיך אָנגערויבט אין געטאָ — און דערנאָך איז ער פֿאַרשווּנדן געוואָרן.

All the Šiauliai Jews went through the hell of Stutthof, the closely watched baths, the gynecological inspections for the women. The elderly and weak ones were selected out and burnt in the Stutthof gas chambers. The women with children were sent to the gas chambers of Auschwitz.

די אַלע שאַוולער זײַנען דורכגעגאַנגען דעם גיהנום פֿון שטוטהאָף, די באָד מיט דער קאָנטראָל מיט דער גענעקאָלאָגישער אונטערזוכונג פֿון די פֿרויען. דאַן האָט מען די עלטערע און שוואַכערע סעלעקטירט און פֿאַרברענט אין שטוטהאָפֿער גאַזקאַמער, די פֿרויען מיט די קינדער אַוועקגעשיקט אין די גאַזקאַמערן פֿון אוישוויץ.

The rest of the women were sent to the eastern camps, where most of them perished from lice, cold and hunger.

די איבעריקע פֿרויען האָט מען געשיקט אין די לאַגערן פֿון מיזרח ווו אַ גרויסע טייל פֿון זיי איז אומגעקומען פֿון לײַז, קעלט און הונגער.

The men and another 200 women were sent to the famous Dachau camps — some to Mildorf, Camp 1, and some to Camp 10. Those from Mildorf and Camp 1 put up with various tortures in the Dachau hell. But those at Camp 10, Burgin's camp, had it somewhat better. Burgin "organized" bread and potatoes and sufficient clothing and shoes. In that camp not more than several dozen Jews perished. Several older men remained in that camp.

די מענער מיט נאָך 200 פֿרויען זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די באַרימטע דאַכאַוער לאַגערן — אַ טייל אין מיללדאָרף, אין לאַגער איינס און אַ טייל אין לאַגער 10. די פֿון מיללדאָרף און לאַגער איינס זײַנען אויסגעשטאַנען אַלערליי עינויים פֿון דאַכאַוער גיהנום. נאָר די פֿון לאַגער 10, בורגינס לאַגער, האָבן געהאַט בערך בעסער. בורגין האָט „אָרגאַניזירט“ פֿאַר זיי ברויט און קאַרטאָפֿל און גענוג קליידער און שיך. אין דעם לאַגער זײַנען אומגעקומען ניט מער ווי אייניקע צענדליק ייִדן. אין אים זײַנען געבליבן אויך אַלטע מענער.

After the departure of the major transport of Jews, a group of workers from T.V.L. remained in the ghetto with the sick in the hospital. The Germans promised to bring the sick to Stutthof. Instead, they were shot overnight.

נאָכן אָפּגיין פֿון לעצטן גרויסן טאַרנספּאָרט פֿון ייִדן איז אין געטאָ נאָך פֿאַרבליבן אַ גרופּע אַרבעטער פֿון ט. וו. ל. מיט די קראַנקע פֿון קראַנקהויז. די דײַטשן האָבן צוגעזאָגט די קראַנקע צו ברענגען קיין שטוטהאָף. זיי זײַנען אָבער אין איין נאַכט אויסגעשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן.

Starting with the outhouses, the Germans then burned the entire ghetto. Only two houses remained.

בײַם אָפּטרעטן האָבן די דײַטשן פֿאַרברענט דאָס גאַנצע געטאָ. געבליבן זײַנען נאָר צוויי הייזער.

The annihilation of the Lithuanian Jews caused the most cultured of all the tribes of Diaspora Jewry to vanish from our history.

מיטן אויסראָט פֿון די ליטווישע ייִדן איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן פֿון אונדזער געשיכטע איינער פֿון קולטורעלסטע שבֿטים פֿון אונזער גלות־ייִדנטום.

This is a brief description of the Šiauliai ghetto. Whether I am correct in my appraisal of the facts, the future will judge.

דאָס איז אין קורצן די באַשרײַבונג פֿון שאַוולער געטאָ. [...] צו איבערגעבן דעם אמת. צי איך בין גערעכט אין מײַן אָפּשאַצונג פֿון די פֿאַקטן, צי ניט, דאָס וועט שוין

## The foreign camps in Panevėžys and Janishok

In mid-May 1944, the construction managers at the Šiauliai aerodrome received an order to send 250 Jews to the Panevėžys [Ponavezh] aerodrome. The managers sent 250 of the younger and healthier Jews from Šiauliai, who had worked on the runways there. More than 10,000 Christians and Jews worked at the Panevėžys aerodrome.

Besides the 250 Šiauliai Jews, Jews were brought there from the Riga and Estonia camps. These were Jews from Kaunas and Vilnius ghettos, who earlier had been deported to Kaiserwald and to Estonia. Their appearance was frightful: They all wore concentration-camp uniforms and were emaciated from hunger and hard labor. There were also Jewish women from Hungary, who looked worse than everyone — they were merely skin and bones. The Hungarian women had traveled a long road from Hungary via Auschwitz to Riga and from there they were brought to Panevėžys.

Conditions at the Panevėžys aerodrome were much harsher than in the Šiauliai camps. Food was worse, and the work discipline much stricter. But the Šiauliai Jews were able to manage it, because they were stronger and better nourished, and they received food products from Šiauliai. The Panevėžys camp would receive its food from the main S.S. food dispensary at Šiauliai. The trucks carrying provisions would arrive at Panevėžys from Šiauliai, and they would at the same time carry gifts from the Šiauliai ghetto.

Credit must be given to the Šiauliai Jews, that many of them shared their food with their hungry brothers and sisters from Riga, Estonia and Hungary.

אורטיילן די צוקונפֿט.

## די פֿרעמדן־לאַגערן אין פּאָנעוועזש און יאַנישאָק

אינמיטן מאַי, 1944, האָט די בוילייטונג פֿון שאַוולער אַעראָדראָם באַקומען אַ באַפֿעל צו שיקן 250 ייִדן אויפֿן פּאַנעוועזשער אַעראָדראָם. די בוילייטונג האָט אָפּגעקליבן 250 פֿון די ייִנגערע און געזינטערע ייִדן פֿון שאַוול, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפֿן דאָרטיקן פֿליפּלאַץ און האָט זיי אַוועקגעשיקט אַהין. אויפֿן פּאָנעוועזשער אַעראָדראָם האָבן געאַרבעט איבער 10.000 אַרבעטער קריסטן און ייִדן.

חוץ די 250 אַעראָדראָם־ייִדן זײַנען געבראַכט געוואָרן אַהין אויך ייִדן פֿון ריגער און עסטישע לאַגערן. דאָס זײַנען געווען די ייִדן פֿון קאָוונער און ווילנער געטאָס, וואָס זײַנען פֿריער „אויסגעזידלט“־געוואָרן קיין קייזערוואַלד און קיין עסטלאַנד. זייער אויסזען איז געווען שרעקלעך : זיי זײַנען געגאַנגען אַלע אין קאַצעט־קליידער און זײַנען געווען אויסגעדאַרט פֿון הונגער און שווערער אַרבעט. דאָרטן האָבן זיך געפֿונען אויך ייִדישע פֿרויען און אונגאַרן, וועלכע האָבן אויסגעזען ערגער פֿון אַלעמען — הויט און ביינער. די אונגאַרישע פֿרויען האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג פֿון אונגאַרן דורך אוישוויץ ביז ריגע און פֿון דאָרט זײַנען זיי געבראַכט געוואָרן קיין פּאָנעוועזש.

די באַדינגונגען אויפֿן פּאנעוועזשער אַעראָדראָם זײַנען געווען פֿיל שווערער, ווי אין די שאַוולער לאַגערן. דאָס עסן איז געווען ערגער, די דיסציפּלין פֿון דער אַרבעט פֿיל שטרענגער. נאָר די שאַוולער ייִדן האָבן דעם רעזשים לײַכטער אַריבערגעטראָגן, ווײַל זיי זײַנען געווען שטאַרקער און בעסער דערנערט און זיי האָבן באַקומען שפּײַזפּראָדוקטען פֿון שאַוול. פּאָנעוועזשער לאַגער פֿלעגט נעמען זײַן שפּײַז פֿון שאַוולער הויפּט־באַשפּײַזונג־לאַגער פֿון די ס. ס. פֿון פּאָנעוועזש פֿלעגן קומען קיין שאַוול מאַשינעס אָפּצונעמען די פּראָדוקטן און זיי פֿלעגן גלײַכצײַטיק אַוועקפֿירן די אַלע מתּנות פֿון שאַוולער געטאָ.

צום שבח פֿון שאַוולער ייִדן מוז מען צוגעבן, אַז פֿיל פֿון זיי האָבן זיך געטיילט מיט זייער עסן מיט די הונגעריקע ברידער און שוועסטער פֿון ריגע, עסטלאַנד און אונגאַרן.

At the beginning of 1944, a truck came from Joniškis [Janishok] to the H.F.M. camp in Šiauliai, and in it were a couple of girls from a Jewish camp near the O.T. [Organisation Todt] in Joniškis. The girls managed to disclose that in Joniškis there was a camp of Jews with children, and that they were in great need. More they could not say, because the Germans were guarding them closely. They only managed to say that they would be coming back to Šiauliai again soon. The Jewish workers from H.F.M. brought word of them to the Jewish council. A drive was mounted among the ghetto dwellers and a lot of clothing and footwear was collected for the children.

אָנהויב 1944 איז געקומען אַ מאַשין פֿון יאַנישאָק אין לאַגער פֿון ה. פ. מ. אין שאַוול און אין איר זײַנען געווען אַ פּאָר מיידלעך פֿון אַ ייִדישן לאַגער בײַ דער א. ט. אין יאַנישאָק. די מיידלעך האָבן באַוויזן איבערצוגעבן, אַז אין יאַנישאָק איז דאָ אַ לאַגער פֿון ייִדן מיט קינדער און אַז זיי זײַנען אין גרויס נויט. פֿיל האָבן זיי ניט געקענט דערציילן, ווײַל די דײַטשן האָבן זיי שטרענג באַוואַכט. זיי האָבן נאָר אָנגעגעבן, אַז אינגיכן וועלן זיי דאָ ווידער קומען. די ייִדישע אַרבעטער פֿון ה. פ. מ. האָבן איבערגעגעבן וועגן דעם אין ייִדן־ראַט. מען האָט דאַן געמאַכט אַן אַקציע צווישן די שאַוולער געטאָ־תּושבים און צוזאַמענגענומען פֿיל קליידער און שוכוואַרג פֿאַר קינדער.

In mid-April 1944, the Šiauliai commandant Schlöf received an order from Kaunas to take the Joniškis camp under the Šiauliai concentration camp's management. Because of this, Schlöf went to Joniškis. With him went Sh[muel] Burgin, who at that time was deputy to camp elder Georg Pariser. There they found 483 men, of whom only 229 were capable of work. The rest were elderly or children. None were from Joniškis; they all came from the Vilna area, around Smorgon. They had been taken from their homes right after the German occupation, and all this time had been traveling with the O.T. They were living in a large brick building without any inner partitions and sleeping on bare planks. They seemed in a very bad way.

אין מיטן אַפּריל 1944 האָט דער שאַוולער קאָמענדאַנט שלעף באַקומען פֿון קאָוונע אַ באַפֿעל אַרײַנצונעמען דעם יאַנישקער לאַגער אונטערן רשות פֿון שאַוולער קאָנצלאַגער. צוליב דעם איז שלעף געפֿאָרן קיין יאַנישאָק. מיט אים איז מיטגעפֿאָרן ש. בורגין, וועלכער איז בײַ יענער צײַט געווען דער פֿאָרטרעטער פֿון לאַגער־עלטסטן געאָרג פּאַריזער. זיי האָבן דאָרט געפֿונען בײַ 483 מאַן, צווישן וועלכע נאָר 220 זײַנען געווען אַרבעטספֿעיִק. די איבעריקע זײַנען געווען אַלטע און קינדער. קיין איינער פֿון זיי איז ניט געווען קיין יאַנישקער. אַלע מענטשן האָבן געשטאַמט פֿון ווילנער געגנט, פֿון אַרום סמאַרגאָן. זיי זײַנען שוין געווען אָפּגעריסן פֿון זייער היים כּמעט פֿון אָנהויב פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. די גאַנצע צײַט האָבן זיי אומגעוואַנדערט מיט א. ט. זיי האָבן געוווינט אין אַ גרויסער ציגל־געביידע אָן אינעווייניקסטע ווענט און זײַנען געשלאָפֿן אויף הוילע נאַרעס. זיי האָבן אויסגעזען זייער שלעכט.

Seventy more men were in a second camp on the Latvian side, not far from the border. Schlöf and Burgin went to fetch them and found that camp in a frightful state. The people had lost their human appearance. They took the 70 men from that camp and brought them to Joniškis. The camp leader from O.T. demanded that they take all who were unfit for work and distribute them among camps in the Šiauliai region; that is, that they separate families. He was persuaded to meanwhile leave them in the old camp.

70 מאַן פֿון זיי זײַנען געווען אין אַ צווייטן לאַגער, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער לעטישער זײַט, ניט ווײַט פֿון גרענעץ. שלעף מיט בורגינען זײַנען געפֿאָרן אָפּנעמען די 70 מאַן. זיי האָבן געפֿונען יענעם לאַגער אין אַ שרעקלעכן מצבֿ. די מענטשן האָבן שוין געהאַט פֿאַרלאָרן זייער מענטשלעכן אָנבליק. זיי האָבן אַרויסגענומען די 70 מאַן פֿון יענעם לאַגער און האָבן זיי אַריבערגעפֿירט קיין יאַניטשאָק. דער לאַגערפֿירער פֿון א. ט. האָט געפֿאָדערט, אַז מ'זאָל פֿון אים צונעמען אַלע ניט אַרבעטפֿעיִקע און צעטיילן זיי צווישן אַלע לאַגערן פֿון שאַוולער געגנט, דאָס האָט געהייסן, אַז מ'זאָל פֿונאַנדערטיילן און צערײַסן די פֿאַמיליעס. מען האָט געפּועלט, אַן דערווײַל זאָל בלײַבן בײַם אַלטן.

Among the Joniškis people were many sick and pregnant women. Burgin brought them to the Šiauliai hospital, which became so crowded that there was no place for the sick to lie down. It was difficult with the pregnant women. The gynecologist could not manage to abort all of them, and only operated on those who were in their later months.

צווישן די יאַנישקער זײַנען געווען פֿיל קראַנקע און שוואַנגערע פֿרויען. בורגין האָט זיי געבראַכט אין שאַוולער קראַנקנהויז. אין קראַנקנהויז איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז עס איז ניט געווען ווּ צו לייגן די קראַנקע. שווער איז געווען מיט די שוואַנגערע פֿרויען. דער גינעקאָלאָג האָט ניט געקענט באַווייזן צו מאַכן אַלעמען אַבאָרטן, האָט ער געמאַכט די אָפּעראַציע בלויז די, וועלכע זײַנען געווען אין די הויכע מאָנאַטן.

Other than medical help, Šiauliai supported the Joniškis camp with clothing and food. At the same time, the Šiauliai ghetto used the Joniškis camp people for certain tasks. For example: When G. Pariser, the Jewish camp-elder in Šiauliai, received an order from the German security service to send 50 people to Kaunas's Ninth Fort to burn the bodies of the Jews killed there, he used the Joniškis camp. Schlöf telephoned the Joniškis building director, telling him to prepare 50 unmarried men for an "overtime" detail. G. Pariser also called the Jewish camp-elder for Joniškis with the same request. Then the infamous Vilna hangman, [Bruno] Kittel, came to Šiauliai with two closed vans. From Šiauliai, Kittel, Schlöf and G. Pariser drove to Joniškis and collected the victims in the two closed vans.

אויסער מיט מעדיצינישער הילף האָט שאַוול געשטיצט דעם יאַנישקער לאַגער מיט קליידער און שפּײַז. גלײַכצײַטיק האָט שאַוולער געטאָ אויסגעניצט די יאַנישקער לאַגער־מענטשן פֿאַר געוויסע אַרבעטן. למשל : ווען ג. פּאַריזער, דער ייִדישער לאַגער־עלטסטער אין שאַוול, האָט באַקומען דעם באַפֿעל פֿון דײַטשישן זיכערהייט־דינסט צוצושטעלן 50 מענטשן אויף צו ברענען אויפֿן נײַנטן קאָוונער פֿאָרט די קערפּער פֿון די דאָרטן אומגעבראַכטע ייִדן, האָט ער אויסגענוצט יאַנישקער לאַגער. שלעף האָט אָנגעקלונגען צום יאַנישקער בוילייטער, אַז ער זאָל צוגרייטן צו אַן „אויסנאַרבעט" 50 ניט פֿאַרהייראַטע מענער. דאָס זעלביקע האָט ג. פּאַריזער געקלונגען צום ייִדישן לאַגערעלטסטן אין יאַנישאָק. דאַן איז געקומען קיין שאַוול דער באַרימטער הענקער פֿון ווילנע קיטעל מיט צוויי פֿאַרמאַכטע פּאָסטמאַשינעס. פֿון שאַוול איז קיטעל צוזאַמען מיט שלעפֿן און ג. פּאַריזערן געפֿאָרן קיין יאַנישאָק און צוזאַמענגענומען די קרבנות אין די צוויי פֿאַרמאַכטע אויטאָס.

The Jews, who had worked in Kelmė, saw the vans arriving, with Kittel on a motorcycle behind them.

די ייִדן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין קעלם, האָבן די מאַשינעס געזען דורכפֿאָרנדיק. הינטער זיי אויף אַ מאָטאָציקל איז נאָכגעפֿאָרן קיטעל.

Later, Schlöf said that one of the 50 had escaped.

שפּעטער האָט שלעף דערציילט, אַז איינער פֿון די 50 איז אַנטלאָפֿן.

During the liquidation of the ghetto and camps, the O.T. wanted to take the Joniškis people with them. Šiauliai persuaded them that the Joniškis camp should go with all the other Šiauliai camps, to Germany. The Jews from that camp went with the first transport on July 15, 1944, to Stutthof.

בײַם ליקווידירן דאָס געטאָ מיט די לאַגערן האָט א. ט. געוואָלט דעם יאַנישקער לאַגער פֿירן מיט זיך — שאַוול האָט געפּועלט, אַז מ'זאָל דעם יאַנישקער לאַגער פֿירן צוגלײַך מיט אַלע שאַוולער לאַגערן קיין דײַטשלאַנד. די ייִדן פֿון דאָזיקן לאַגער זײַנען אַוועק מיטן ערשטן טראַנספּאָרט דעם 15טן יולי 1944 קיין שטוטהאָף.

There the usual selection took place: The women and children and all others not fit for work were sent away to the Auschwitz gas chambers. The men went to the work camps.

דאָרט איז פֿאָרגעקומען די געוויינלעכע סעלעקציע : די פֿרויען מיט קינדער און אַלע אַנדערע ניט אַרבעטפֿעיִקע זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ צו דער גאַזקאַמער. די מענער זײַנען אַוועק אין די אַרבעטלאַגערן.

Of the people who had been in the Joniškis camp, not a single living trace remained.

ס'איז אָבער ניט פֿאַרבליבן קיין לעבעדיקער שפּור פֿון די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין לאַגער פֿון יאַנישאָק.

## The extermination of the Jews in Tytuvėnai

## דער ייִדן־אויסראָט אין ציטעוויאַן

The little town of Tytuvėnai (Tsitevyan), with its Lithuanian and Jewish inhabitants, drew all its income from summer residents. For generations the local Jews and Lithuanians had lived peaceably. Antisemitic agitation had never taken root there. But with the Germans' arrival it all changed radically. The Lithuanians of Tytuvėnai suddenly were transformed into wild beasts, whose blood-thirst was not slaked until they had exterminated all the local Jews.

דאָס שטעטעלע ציטעוויאַן, מיט זייַנע ליטווישע און ייִדישע איינוווינער, האָט געצויגן די גאַנצע חיונה פֿון די דאַטשניקעס. אין משך פֿון דורות האָבן די אָרטיקע ייִדן און ליטווינער געלעבט בשלום. די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע האָט דאָ קיינמאָל ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען. אָבער גלייַך מיטן אָנקום פֿון די דייַטשן האָט זיך דאָס ראַדיקאַל געביטן. די ליטווינער פֿון ציטעוויאַן זייַנען פּלוצעם פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות, וואָס האָבן ניט געשטילט זייער בלוט־דאָרשט, ביז זיי האָבן אויסגעראָט אַלע אָרטיקע ייִדן.

In the first days of the German occupation, the Tytuvėnai rabbi was arrested, and together with another 11 arrested Jews in the town he was taken to Rasseiniai (Raseyn), where they were shot.

שוין אין די ערשטע טעג פֿון דער דייַטשישער אָקופּאַציע איז אַרעסטירט געוואָרן דער ציטעוויאַנער רבֿ און צוזאַמען מיט נאָך 11 אַרעסטירטע ייִדן אין שטעטל איז ער אָפּגעפֿירט געוואָרן קיין ראַסיין, ווו זיי זייַנען דערשאָסן געוואָרן.

The second and more massive slaughter occurred in mid-July 1941. A night before the massacre, all the Jews were locked into the *beit-midrash.*[27] The Tytuvėnai *rebbetzin*,[28] who had saved herself and her four children by hiding with a peasant, saw from her hiding place how they led all the victims into the forest, to Shapiro's hill, and shot them there. In the "*Pinkas Šiauliai*" are all the details of Tytuvėnai's destruction, but the writer of these lines recalls a few moments that should be noted.

די צווייטע, דאָסמאָל שוין מאַסן־שחיטה איז פֿאָרגעקומען אין מיטן יולי 1941. אַ נאַכט פֿאַר דער שחיטה זייַנען אַלע ייִדן פֿאַרשפּאַרט געוואָרן אין בית־מדרש. די ציטעוויאַנער רביצין, וועלכע האָט זיך דאַן געראַטעוועט מיט אירע פֿיר קינדער דורך אויסבאַהאַלטן זיך בייַ אַ פּויער, האָט פֿון איר באַהאַלט־אָרט צוגעזען, ווי מען האָט אַלע קרבנות אַוועקגעפֿירט אין וואַלד אַרייַן, צו שאַפּיראָס באַרג, און דאָרטן זיי אויסגעשאָסן. אין „פּנקס שאַוול“ זייַנען באַשריבן אַלע פּרטים פֿון אומקום ציטעוויאַן, אָבער דער מחבר פֿון די דאָזיקע שורות געדענקט נאָר אייניקע מאָמענטן, וועלכע זאָלן דאָ פֿאַרצייכנט ווערן.

The leaders of the murderers were the chief forest-officer Rusetskas and the teacher Mockus. The latter stripped Dr. Khveydan of all his possessions, saying he would let him and his family live — something the peasants had demanded, because he was the only doctor and his wife, Zaks-Khveydan, was the only

די רוצחים־אָנפֿירער זייַנען געווען דער העכערער וואַלד־באַאַמטער רוסעצקאָס און דער לערער מאָצקוס. דער לעצטער האָט צוגענומען בייַ דער דר. כווידאַן זייַן גאַנץ האָב־און־גוטס, צוזאָגנדיק צו לאָזן אים מיט זייַן משפּחה לעבן ; אגבֿ, האָבן עס פֿאַרלאַנגט די פּויערים פֿון שטעטל, ווייַל ער איז געווען דער איינציקער דאָקטאָר און זייַן פֿרוי זאַקס־כווידאַן די איינציקע צאָן־דאָקטאָרין אין שטעטל. אָבער אַ פּאָר טעג נאָך

27 Literally, house of study, also used as a prayer space.

28 Rabbi's wife.

dentist in the town. However, a few days after the general slaughter, he took the woman and her child away. The unfortunate woman had no idea that Mockus would shoot her, because they had lived amicably for so long. Her arguments and tears were of no help: He shot her and her child with his own hand.

At that time her husband was attending to a critically sick person in a village. When he returned, he said to the murderers: “Now you can shoot me too.” And the killers “kindly” did so.

That night, the same killers shot the owner of the Kameniets works with his family. For decades he had provided the peasants with jobs and income. Even though he was an employer, he was respected and loved by his workers, because he looked out for them like a friend. This is what they themselves said. After the Soviets nationalized the plant, the same workers chose him as director. None could be found among them to save his life.

On November 5, 1943, during the *kinderaktion* in Šiauliai, the four children of the Tytuvėnai rebbetzin perished.

## The destruction of Telšiai [Telz] and surrounding towns

(Alsiad, Averzhan, Vorne, Zharan, Tver, Luknik, Noveran, Plungyan, Plotl, Riteve)

The Germans arrived in Telšiai [Telz] on June 25, 1941. Right away, the Lithuanian partisans began to rampage. Among their first “accomplishments” was the defilement of the Torah scrolls that were being kept in Sonya Rostovsky’s cellar.

Then a series of arrests began. Among the first to be arrested were Dr. Hess, Gershon Blechman, Zipporah Hirshovitch, and the Leipzig merchant Merkin. The number of arrests ran to 200.

דער אַלגעמיינער שחיטה האָט ער אַרויסגעפֿירט די פֿרוי מיט איר קינד. די אומגליקליכע פֿרוי האָט בשום אופֿן ניט געגלויבט, אַז מאַצקוס וועט זי שיסן, ווײַל ער האָט די גאַנצע צײַט מיט איר און איר מאַן אַזוי גוטפֿרײַנטשאַפֿטלעך געלעבט. עס האָבן ניט געהאָלפֿן אירע טענות און געוויינען — ער האָט זי מיטן קינד אויף דער האַנט דערשאָסן.

איר מאַן איז אין דער צײַט געווען בײַ אַ געפֿערלעכן חולה אין אַ דאָרף. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט צו די מערדער : איצט קענט איר מיך אויך דערשיסן. און די רוצחים האָבן אים דעם „חסד“ געטאָן און האָבן אים דערשאָסן.

די זעלביקע רוצחים האָבן אין דער נאַכט דערשאָסן דעם אייגנטימער פֿון דער זעגעווערק קאַמעניעץ מיט זײַן פֿאַמיליע. אַ צענדליק יאָרן האָט ער די פּויערים פֿאַרשאַפֿט אַרבעט און חיונה. ניט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אַן אַרבעט־געבער, האָבן אים זײַנע אַרבעטער שטענדיק געאַכט און ליב געהאַט, ווײַל ער האָט פֿאַר זיי געזאָרגט, ווי א פֿרײַנט. דאָס פֿלעגן זיי אַליין זאָגן. די זעלביקע אַרבעטער האָבן אים נאָך דער אײַנפֿירונג פֿון דער ראַטנמאַכט אויסגעקליבן פֿאַרן דירעקטאָר פֿונעם זעגעווערק. פֿון זיי האָט זיך קיינער ניט געפֿונען, וועלכער זאָל פּרוּוון ראַטעווען זײַן לעבן.

דעם 5טן נאָוועמבער 1943, בעת דער קינדער־אַקציע אין שאַוול, זײַנען אומגעקומען די 4 קינדער פֿון דער ציטעוויאַנער רביצין.

## אומקום פֿון טעלז און די אַרומיקע שטעטלעך

(אַלסיאַד, אַווערזשאַן, וואָרנע, זשאַראַן, טווער, לוקניק, נאַווראַן, פּלונגיאַן, פּלאָטל, ריטעווע)

די דײַטשן זײַנען אַרײַן קיין טעלז דעם 25טן יוני 1941. גלײַך האָבן אָנגעהויבן בושעווען די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. פֿון זייערע ערשטע „אויפֿטוען“ איז געווען צו שענדן די ספֿרי־תורהס, וואָס זײַנען געלעגן באַהאַלטן אין קעלער פֿון סאָניע ראָסטאָווסקי.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַרעסטן. צווישן די ערשטע אַרעסטירטע זײַנען געווען : דר. העס, גרשון בלעכמאַן, צפּורה הירשאָוויטש, דער לייפּציקער סוחר מערקין. די צאָל אַרעסטירטע האָט דערגרייכט צו 200.

The fury of the Lithuanian partisans overflowed all boundaries, however, when the horribly mutilated bodies of dozens of political arrestees, former fascists, were found in the forests around Telšiai. The Lithuanians said officers of the Soviet NKVD had shot them when they hurriedly withdrew from Telšiai, and the Lithuanian fascists eagerly pointed at Jews as synonymous with the Bolsheviks.

די ווילדקייט פֿון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער איז אָבער אַריבער אַלע גרענעצן, ווען אין וואַלד אַרום טעלז זײַנען געפֿונען געוואָרן די שרעקלעך צעהאַקטע קערפּערס פֿון אייניקע צענדליק פּאָליטישע אַרעסטירטע, געוועזענע פֿאַשיסטן. די ליטווינער האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָבן זיי די באַאַמטע פֿון סאָוועטישן נ. ק. וו. ד. אויסגעשאָסן, אָפּטרעטענדיק אין אײַלעניש פֿון טעלז, און די ליטווישע פֿאַשיסטן האָבן בכּוונה שטענדיק אַרויסגעשטעלט די ייִדן, ווי אַ סינאָנים פֿון באָלשעוויקעס.

That same day, the Lithuanian partisans drove all the Jewish men to the place where the bodies of the shot victims lay, and forced them to do ugly jobs — washing the dead bodies, licking their putrid wounds, and many other things that do not need to be described. The unfortunate Jews were beaten almost to death before they were allowed to go home.

דאָס זעלביקן טאָג האָבן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער צוזאַמענגעטריבן אַלע ייִדישע מענער צום אָרט, ווו עס זײַנען געלעגן די קערפּערס פֿון די אויסגעשאָסענע, און האָבן געצוווּנגען זיי אָפּטואָן אַלע מיאוסע אַרבעטן — וואַשן די טויטע קערפּערס, לעקן זייערע פֿאַרפֿוילטע ווונדן און נאָך פֿיל אַנדערע זאַכן, וואָס לאָזן זיך ניט באַשרײַבן. די אומגליקליכע ייִדן זײַנען דערבײַ געשלאָגן געוואָרן מכּות רצח. נאָר דאָך זײַנען זיי אָפּגעלאָזן געוואָרן אַהיים.

Thursday the men were assembled again, and a German officer gave them a lecture. The German threatened them and ordered them to confess. The Jews were overcome with fear. They remained under arrest. Later they were taken away to the nearby estate of the opera singer Kipras Petrauskas[29] — Rainiai. The Lithuanians chose a Jewish leadership: Dr. Blat, Mrs. Blat, Abrasha Levit, Beyla Khaytin-Vareys, Yitzhak Bloch (Zelik's son), Sarah Gris and the female Dr. Kaplan.

דאָנערשטיק זײַנען די מענער ווידער צוזאַמענגענומען געוואָרן און איינער אַ דײַטשישער אָפֿיציר האָט געהאַלטן פֿאַר זיי אַ דרשה. דער דײַטש האָט געדראָט און געהייסן די ייִדן ווידוי זאָגן. די ייִדן זײַנען אָפּגעקומען מיט שרעק. זיי זײַנען אָבער געבליבן אַרעסטירט. שפּעטער זײַנען זיי אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין דערבײַליגנדיקן גוט פֿונעם אָפּערע־זינגער קיפּראַס פּעטראַוסקאַס — רײַניאײַ. די ליטווינער האָבן באַשטימט אַ ייִדישע לייטונג : דר. בלאַט, פֿרוי בלאַט, אַבראַשאַ לעוויט, ביילע חײַטין־וואַרייעס, יצחק בלאָך (זעלקיס זון), שׂרה גריס און פֿרוי דר. קאַפּלאַן.

At the same time in Vishevian, an estate three kilometers from Rainiai, Jews were brought from 14 small towns: Rietavas, Averzhan, Tverai, Plungė, Plateliai, Alsėdžiai, Luokė, Varne, Nevarėnai, Zarėnai, and others.

אין דער זעלביקער צײַט זײַנען אין ווישעוויאַן, אַ גוט 3 קילאָמעטער פֿון רײַניאײַ, צוזאַמענגעטריבן געוואָרן די ייִדן פֿון 14 שטעטלעך : ריטעווע, אַווערזשאַן, טווער, פּלוגיאַן, פּלאָטל, אַלסיאַד, לוקניק, וואָרנע, נאַווערען, זשאַראַן א. אַנד.

There they lived in crowded conditions, as in Rainiai. Etel Friedman said the following about Rietavas:

דאָרט האָבן זיי געלעבט אין ענלעכע באַדינגונגען ווי אין רײַניאײַ. עטל פֿרידמאַן דערציילט וועגן ריטעווע פֿאָלגנדיקס :

The chief tormenters there were: Baranauskas, a Lithuanaian tailor, who lived for a time in Memel and knew German, and Jaudaikis. They

די הויפּט־פּייניקער אין ריטעווע זײַנען געווען : באַראַנאַוסקאַס, אַ ליטווישער שנײַדער, וואָס האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין מעמל און האָט געקענט דײַטש, און יואָדײַקיס. זיי האָבן צוזאַמענגענומען 70

29 Kipras Petrauskas (1885-1968) was a Lithuanian operatic tenor and professor. In 1942, he agreed to hide a Jewish baby girl, Dana Pomeranz. He and his wife took the child to a Lithuanian village, and later to Austria and Germany. In 1947, they returned the girl to her parents. They were recognized by Yad Vashem as "Righteous Gentiles."

rounded up 70 men, among them the old rabbi, and tortured them.

מענער, צווישן זיי דעם אַלטן רבֿ און געפּייניקט זיי.

Separately, they baited the rabbi. He had to burn the Torah scrolls and other sacred books. He died from grief during the torture. Before his death he managed to announce that, during this time, children were permitted to eat pork, as long as they made a blessing before eating it.

באַזונדערס האָבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבערן רבֿ. ער האָט געמוזט פֿאַרברענען די ספֿר־תּורהס און אַנדערע הייליקע ספֿרים. פֿון עגמת־נפֿש איז ער אין די פּייניקונגען געשטאָרבן. פֿאַרן טויט האָט ער נאָך באַוויזן אָנצוזאָגן, אַז קינדער מעגן אין אַזאַ צײַט עסן אַפֿילו חזיר, נאָר זיי זאָלן מאַכן אַ ברכה אויפֿן עסן.

Afterward the partisans robbed all the Jews and brought them to Vishevian.

נאָכדעם האָבן די פּאַרטיזאַנער אַלע ייִדן באַרויבט און געבראַכט זיי קיין ווישעוויאַן.

On the 19th of Tammuz, before they were killed, the Jews who had been taken to Vishevian had to perform what was later called the “devil-dance”: The men were driven together into a square and made to perform gymnastic exercises: lie down, get up, run forward and back, bend over and so forth, for hours until they were exhausted. During the first devil-dance, three fell and did not get up. They were Dr. Troyb from Tver, Itzikovich — a devout and dignified gentleman from Telšiai, and Hirshovich, the Rietavas *shochet’s*[30] son.

י״ט תּמוז האָבן די צונויפֿגעטריבענע ייִדן אין ווישעוויאַן געהאַט אויסצושטיין פֿאַרן טויט דאָס, וואָס מען האָט שפּעטער אָנגערופֿן „שדים־טאַנץ“ : די מענער פֿלעגן צוזאַמענגעטריבן ווערן אויף איין פּלאַץ און געמאַטערט ווערן גאַנצע שעהען מיט גימנאַסטישע איבונגען : פֿאַלן, אויפֿשטיין, לויפֿן, פֿאָראויס, צוריק, קריכן אויפֿן בויך, אויף אַלע פֿיר וכדומה. אינעם ערשטן שדים־טאַנץ זײַנען 3 געפֿאַלן און ניט אויפֿגעשטאַנען. דאָס זײַנען געווען דר. טרויב פֿון טווער, איציקאָוויטש — אַ פֿרומער און חשובֿער בעל־הבית פֿון טעלז און הירשאָוויטש, דעם ריטעווער שוחטס זון.

In the second devil-dance (on the 21st of Tammuz) they particularly tortured Dr. Zaks from Rietavas. When his wife saw him, she broke into the group of men with her two-year-old child, cursing the murderers: “Executioners! Robbers! Bandits! May you all come to a dark end!” The killers surrounded her. She managed only to strangle her own child before they shot her. She was the only woman among 4,000 men to be shot.

אינעם צווייטן שדים־טאַנץ (כ״א תּמוז) איז באַזונדערס געפּייניקט געוואָרן דער ריטעווער דר. זאַקס. ווען זײַן פֿרוי האָט עס דערזען, האָט זי זיך אַרײַנגעריסן צווישן די מענער מיט איר 2־יאָריקן קינד, גענומען זידלען די מערדער און רופֿן זיי : הענקער ! רויבער ! באַנדיטן ! איר וועט האָבן אַ פֿינצטערן סוף ! — די רוצחים האָבן זי אַרומגערינגלט, זי האָט נאָך באַוויזן צו דערשטיקן איר אייגן קינד און דאַן האָבן זי די תּלינים דערשאָסן. זי איז געווען די איינציקע פֿרוי צווישן די 4.000 דערשאָסענע מענער.

On that day and the next, some 6,000 men were shot in Rainiai.

אין דעם זעלביקן טאָג און אויף מאָרגן זײַנען אין רײַניאַי אויסגעשאָסן געוואָרן אַ 6.000 מענער.

Many could not stand the horrifying torment and torture and fled into the Rainiai forest. Among those who died there were: The *shochet* I. Berkman, Moshe Polivnik (the former director of the “children’s house of education” in Telšiai), the teacher Pozerits,

פֿיל האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן די שרעקלעכע עינויים און פּייניקונגען און זײַנען אין ריינער וואַלד אויסגעגאַנגען. צווישן די, וועלכע זײַנען דאָרטן געשטאָרבן מיט זייער אייגענעם טויט, האָבן זיך געפֿונען : דער שוחט י. בערקמאַן, משה פּאָליווניק (געוועזענער מנהל פֿון „בית־החינוך לילדים“ אין טעלז), דער לערער פּאָזעריץ, זונדל רעזניק, מענדל שערל,

30 A Jewish ritual slaughterer.

Zundel Reznik, Mendel Sherl, Lazar Rastovsky, Mrs. Talpyot, her daughter Tsila Rabinovich, her grandchild Miryam Wasserman and several others.

On Monday, June 30, the women with their children were driven to Rainiai, and their belongings were taken by the Lithuanians. It is worth pointing out that the leadership of the Lithuanian partisans, as elsewhere, consisted of the intelligentsia: The director of the state gymnasium, Rubaževičius, the district doctor Mikulskis, gymnasium teacher Sidabras, who oversaw the seizing of Jewish property, Mikutski (the oldest son of the cinema owner), Rumbutis, Aleksandrovičius, Mitkevic and others.

The Jews were quartered in a barn on the estate, where the crowding and dirt were unbearable. The commandant of the camp was Platakis. Particularly savage were the three partisan Indzulevičius brothers and others.

Also in Rainiai on the 19th of Tammuz, exactly as in Vishevian, there was a "devil dance." The "dance" lasted three hours, until all were exhausted and the elderly had fainted. The Lithuanian partisans beat the fallen nearly to death. Some could not stand it; others put their children on their backs and did their "gymnastic movements" with them. The women from the camp stood around them, making heart-rending cries.

In this way the partisans tortured the men, until the largest portion of them had fallen to the ground and could no longer get up, their strength gone. Then the devil-dance ended.

Deathly tired, beaten, dispirited, with no strength left, the men went back to their barns.

That night, 38 men were taken from another barrack, most between 18 and 25 years old. Among them was Mr. Abner Akliansky, a head of the Telšiai yeshiva, and the son-in-law of the brilliant Telšiai rabbi Yosef-Leib Bloch. All

לאַזאַר ראַסטאָווסקי, פֿרוי תּלפּיות, איר טאָכטער צילע ראַבינאָוויטש, איר אייניקל מרים וואַסערמאַן און נאָך אייניקע.

קיין ריַניאַי זיַינען מאָנטיק, דעם 30טן יוני, אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון טעלז אויך די פֿרויען מיט די קינדער און זייער האָב און גוטס האָבן די ליטווינער צוגענומען פֿאַר זיך. עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז בראש פֿון די ליטווישע פּאַרטיזאַנער זיַינען געשטאַנען, ווי אומעטום, די ליטווישע אינטעליגענטן : דער דירעקטאָר פֿון דער מלוכה־גימנאַזיע, רובאַזשעוויטשיוס, קריַיז-דר. מיקולסקיס, גימנאַזיע־לערער סידאַבראַס, וועלכער איז געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון אָנגערויבטן ייִדישן האָב און גוטס, מיקוצקי, (עלטסטער זון פֿון קינאָ־אייגנטימער), רומבוטיס, אַלעקסאַנדראָוויטשיוס, מיטקעוויץ אין אַנדערע.

די ייִדן זיַינען אײַנגעקוואַרטירט געוואָרן אין די שטאַלן פֿונעם גוט, ווו די ענגשאַפֿט און דער שמוץ זיַינען געווען אומדערטרעגלעך. קאָמענדאַנט פֿונעם לאַגער איז געווען פּלאַטאַקיס. אויסגעצייכנט זיך מיט זייער אכזריות האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער די 3 ברידער אינדזולעוויטשיוס און נאָך אַנדערע.

י״ט תּמוז איז אויך אין ריַניאַי, פּונקט ווי אין ווישעוויאַן, פֿאָרגעקומען אַ „שדים־טאַנץ“. דער „טאַנץ“ האָט געדויערט 3 שעה, די אַלע שוואַכערע און אַלטע זיַינען אויסגעפֿאַלן אין חלשות. די ליטווישע פּאַרטיזאַנער האָבן די געפֿאַלענע געשלאָגן מכּות־רצח. אייניקע זיַינען שוין ניט אויפֿגעשטאַנען, אַנדערע האָבן זייערע קינדער גענומען אויף די פּלייצעס און דורכגעמאַכט אַלע „גימנאַסטיק באַוועגונגען“ מיט זיי. אַרום זיַינען געשטאַנען די פֿרויען פֿון די לאַגערן און יאָמערלעך געוויינט.

אַזוי האָבן די פּאַרטיזאַנער געפּייניקט די מענער, ביז די גרעסטע טייל איז געפֿאַלן אָן כּוחות אויף דער ערד און האָט זיך שוין ניט געקענט אויפֿהויבן. דאַן האָט דער שדים־טאַנץ אויפֿגעהערט.

טויט־מידע, צעשלאָגענע, פֿאַרשעמטע, און אָן מוט זיַינען די מענער אַוועק צוריק אין זייערע שטאַלן.

אין דער זעלביקער נאַכט זיַינען פֿון אַן אַנדער באַראַק אַרויסגענומען געוואָרן 38 מענער, דאָס רובֿ אין עלטער פֿון 18־25 יאָר, צווישן זיי איז געווען ר׳ אבֿנר אַקליאַנסקי, אַ ראש־ישיבה פֿון טעלזער ישיבה, און איידעם פֿון טעלזער רב הרה״ג יוסף־לייב בלאָך. די אַלע

38 were tortured all night long.

The Telšiai people, who were in the barrack opposite the fish pond that night, said the executioners pushed the bound mens' heads into the fish pond and took them out half-conscious, reviving them and then repeating the same thing, and finally beating them to death with the butts of their guns and burying them in the prepared pits. This happened on Sunday night into Monday. On Tuesday before dawn, the partisans dragged the men out from the barracks and took them in groups to a nearby wood. Automatic gunfire was heard from there. The women from the last barrack, nearest the woods saw the naked men, the shooting partisans … The men went to their deaths apathetic, without resisting, exhausted from the earlier tortures.

They killed the last Telšiai rabbi, Yitzhak Bloch, with gun butts. But another Yitzhak Bloch (one of the leading Revisionist[31] personalities in Lithuania), just before his death, managed to call out: "Today you murderers are spilling our blood, but the day will come when your own pigs' blood will spurt in the streets … " He did not finish, because a bullet interrupted his speech…

Thus did the slaughter continue for nearly three days: Tuesday, Wednesday and half of Thursday. They shot all the men. Even young boys, except those whose fathers had dressed them as girls. The deep pits were filled with human bodies and covered with a thin layer of earth. Several hours afterward, the earth rose, as half-alive people still lay in the pit. Those whom the bullets had not killed suffocated in the pit afterward.

The horror was made still greater by the following remarkable event: Blood began to flow from the pit, a meter deep. The murderers ran from the place in mortal fear, seeing in this, as devout Catholics, a sign of God's anger

38 זיינען אַ גאַנצע נאַכט געפּייניקט געוואָרן.

די טעלזער, וועלכע זײַנען יענע נאַכט געווען אין יענעם באַראַק אַנטקעגן דער סאַזשעלקע, דערציילן, אַז אַ גאַנצע נאַכט פֿלעגן די תּלינים טונקען די געבונדנע מענער מיט די קעפּ אין וואַסער פֿון סאַזשעלקע און אַרויסנעמען זיי האַלב פֿאַרחלשטע, אָפּמינטערן זיי און ווײַטער איבערחזרן דאָס זעלביקע און צולעצט האָבן זיי די מערדער מיט די פּריקלאַדן צוגעהרגעט און באַגראָבן אין די פֿאַרטיקע גריבער. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער נאַכט פֿון זונטיק אויף מאָנטיק. דינסטיק פֿאַרטאָג האָבן די פּאַרטיזאַנער אַרויסגעשלעפּט די מענער פֿון די באַראַקן און פּאַרטיעסווײַז אָפּגעפֿירט צו אַ נאָנטליגניק וועלדל. פֿון דאָרט האָבן זיי געהערט אויטאָמאַטן־שאָסן... די פֿרויען פֿון לעצטן באַראַק, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צום וועלדל, האָבן געזען די אויסגעטאָנענע מענער, די שיסנדיקע פּאַרטיזאַנער... די מענער זײַנען געגאַנגען צום טויט אַפּאַטיש, אָן ווידערשטאַנד, אויסגעמאַטערטע פֿון אַלע פֿריערדיקע עינויים.

דעם לעצטן טעלזער רבֿ, הרבֿ יצחק בלאָך, האָבן די מערדער דערהרגעט מיט די פּריקלאַדן. נאָר איין יצחק בלאָך (פֿון די פֿירנדיקע רעוויזיאָניסטישע פּערזענלעכקייטן אין ליטע), האָט נאָך פֿאַרן טויט באַוויזן אויסצורופֿן : הײַנט, מערדער, פֿאַרגיסט איר אונדזער בלוט, אָבער קומען וועט אַ טאָג, ווען אײַער חזיריש בלוט וועט באַשפּריצן די גאַסן... — ער האָט ניט פֿאַרענדיקט, ווײַל אַ קויל האָט איבערגעהאַקט זײַן רעדע...

אַזוי האָט זיך די שחיטה געצויגן כּמעט 3 טעג : דינסטיק, מיטוואָך און אַ האַלבן טאָג פֿון דאָנערשטיק. עס זײַנען אויסגעשאָסן געוואָרן אַלע מענער. אַפֿילו קליינע ייִנגעלעך, אַחוץ די, וועלכע די טאַטעס האָבן איבערגעטאָן פֿאַר מיידלעך. די טיפֿע גריבער זײַנען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט מענטשלעכע גופֿים און פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט אַ דינער שיכט פֿון ערד. אייניקע שעה נאָכדעם האָט זיך די ערד געהויבן — אין די גריבער זײַנען געלעגן נאָך האַלב־לעבעדיקע מענטשן. די וואָס זײַנען ניט געטויט געוואָרן פֿון די קוילן, זײַנען נאָכדעם דערשטיקט געוואָרן אין גרוב.

דעם גרויל האָט נאָך פֿאַרגרעסערט פֿאָלגנדיקער אויסטערלישער פֿאַל : עס האָט פּלוצעם גענומען שטראָמען פֿון די גריבער בלוט, אַ מעטער די הויך. די בלוטיקע מערדער זײַנען געלאָפֿן פֿון דעם אָרט אין טויט־אַנגסט, פֿרומע קאַטאָליקן האָבן אין דעם געזען אַ מופֿת, אַ מין גאָטסצאָרן קעגן די רוצחים. אָבער

31 Right-wing Zionists, followers of the militant activist Ze'ev Jabotinsky.

at the killing. Curious, German airplanes flew low over the area of the pits, and … filmed it. For days after the slaughter, the camp was frozen with anxiety. No one ate or drank, went out, or responded to the orders of the murderers. Even the children didn't ask to eat. For whole days, the women sat frozen in place and were silent.

The commandant was not pleased with this. He sent for the women camp leaders and ordered them to eat. Several days later the camp was moved to a different site — Geruliai.

Jews from the surrounding towns were brought here. They were mostly women and children, because the men had already all been killed. Yet from one town, Alsėdžiai (Alsiad), the men also were brought[32].

The unfortunate women's situation was frightful: Naked, barefoot, hungry and horribly filthy, they were in constant terror of the savage Lithuanian partisans. Each day, and especially at night, the partisans would terrorize them, telling them of new slaughters being prepared for them. For several days, frightening rumors spread about new *aktions*.

A couple of times, Jewish delegations approached the bishop of Telšiai, [Justinas] Staugaitis. The bishop received them graciously, even at one point appearing to shed tears. But his solution was to hold a mass for the Jewish souls that had perished. The district chief Ramontauskas "consoled" them that their last hour was not far off. The district doctor Mikulskis demanded in an assembly that in the name of humanity an end be made to the pointless lives of the surviving women…

On top of all of this, a diphtheria plague broke out, and no serum was available. This killed most of the children in the camp.

דײַטשישע עראָפּלאַנען זײַנען נייגיריק געפֿלויגן גאַנץ נידעריק אַרום די גריבער און... געפֿילמט. אייניקע טעג נאָך דער שחיטה איז דער לאַגער פֿאַרגליווערט געוואָרן אין שטומען צער. קיינער האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, איז ניט אַרויס, האָט ניט געענטפֿערט די מערדער אויף זייערע באַפֿעלן. אַפֿילו די קינדער האָבן ניט געבעטן עסן. גאַנצענע טעג זײַנען די פֿרויען געזעסן פֿאַרגליווערט אויף זייערע ערטער און געשוויגן.

דאָס איז דעם קאָמענדאַנט ניט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט געשיקט נאָך די פֿאָרשטייערינס פֿונעם לאַגער און ער האָט באַפֿוילן צו עסן. אין אייניקע טעג אַרום איז דער לאַגער אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין אַ צווייט אָרט — גערוליאַיִ.

אַהין זײַנען געבראַכט געוואָרן אויך די ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. מייסטנס זײַנען עס געווען פֿרויען מיט קינדער, ווײַל די מענער זײַנען שוין פֿריער אויסגעהרגעט געוואָרן. נאָר פֿון איין שטעטעלע, אַלסיאַד, זײַנען געבראַכט געוואָרן אויך די מענער.[33]

די לאַגע פֿון די אומגליקלעכע פֿרויען איז געווען שרעקלעך : נאַקעט, באָרוועס, הונגעריק און אין שרעקלעך שמוץ, זײַנען זיי געלעגן אונטערן שטענדיקן טעראָר פֿון די ווילדע ליטווישע פּאַרטיזאַנער. יעדן טאָג, און באַזונדערס אין די נעכט, פֿלעגן זיי די פּאַרטיזאַנער שרעקן, זוכן צו פֿאַרגוואַלטיקן און דערציילן זיי אַלע טאָג נײַע שחיטות, וואָס גרייטן זיך אויף זיי. אַלע טעג פֿלעגן פֿאַרשפּרייטן שרעקלעכע קלאַנגען וועגן נײַע אַקציעס.

אַ פּאָר מאָל זײַנען געווען ייִדישע דעלעגאַציעס בײַם ביסקופּ פֿון טעלז סטאַוגײַטיס. דער ביסקופּ האָט זיך אויפֿגענומען לײַטזעליק, איינמאָל האָט ער אַפֿילו פֿאַרגאָסן טרערן. אָבער אָפּגעקומען איז ער מיט אַ „מעסע“ פֿאַר די נשמות פֿון די אומגעקומענע ייִדן. דער קרײַזשעף ראַמאַנאַוסקאַס האָט זיי „געטרייסט“ אַז זייער לעצטע שעה איז ניט ווײַט. דער קרײַז־דאָקטאָר מיקולסקיס האָט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג געפֿאָדערט אין נאָמען פֿון הומאַניטעט צו מאַכן אַ סוף צו דעם צוועקלאָזן לעבן פֿון די לעבנגעבליבענע פֿרויען...

צו דעם אַלץ איז נאָך צוגעקומען אַ מגפֿה פֿון דיפֿטעריט און קיין סערום איז ניט געווען. עס זײַנען אויסגעשטאָרבן די גרעסטע טייל קינדער פֿון לאַגער.

32 For details about Alsėdžiai, see the article by Yosef Dovid Factor: "The destruction of the Jews in Alsiad" in the book "Lita"

33 פּרטים וועגן אַלסיאַד זע אין בוך „ליטע“ : יוסף דוד פֿאַקטאָר, „דער אומקום פֿון די ייִדן אין אַלסיאַד“.

At the beginning of August (7 Elul) rumors that a new *aktion* was being prepared became more persistent. A small number of young women fled into the villages. The rest waited helplessly for their last hour.

אָנהויב אויגוסט (ז' אלול) זײַנען די קלאַנגען, אַז עס גרייט זיך אַ נײַע אַקציע, געוואָרן האַרטנעקיקער. אַ קליינע צאָל יונגע פֿרויען איז אַנטלאָפֿן אין די דערפֿער. די איבעריקע האָבן הילפֿלאָז געוואַרט אויף זייער לעצטער שעה.

The situation became more disturbed when new partisans came from the surrounding towns.

די לאַגע איז געוואָרן נאָך אומרויִקער, ווען פֿון די אַרומיקע שטעטלעך זײַנען אָנגעקומען נײַע פּאַרטיזאַנער.

The commandant got drunk with his old and new guests. A day before the *action*, the commandant, Platakis, let it be known that he wanted gold. In the middle of the night, the women Yasgur and Friedman went through the barracks and collected a large amount of jewelry and gold, and at 2 a.m. took it to the commandant. The commandant promised to treat them well. But before dawn the next day, the savage partisans broke into the barracks and ordered everyone to quickly pack up their better things and come out to the courtyard. They divided the women into two groups —a larger group that included all the older women and those with children, and a second, smaller of women aged 20 to 30.

דער קאָמענדאַנט מיט זײַנע אַלטע און די נײַע געסט האָבן גענומען שיכּורן. אַ טאָג פֿאַר דער אַקציע האָט דער קאָמענדאַנט פּלאַטאַקיס געלאָזט וויסן, אַז ער וויל גאָלד. זײַנען די פֿרויען יאַזגור און פֿרידמאַן אַרויס אין מיטן נאַכט איבער אַלע באַראַקעס און צונויפֿגעקליבן אַ גרויסע סומע צירונג און געלט און עס צוויי אַזייגער בײַנאַכט אַרײַנגעטראָגן צום קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט זיי צוגעזאָגט אַל־דאָס גוטס. אָבער אויף מאָרגן פֿאַרטאָג האָבן די ווילדע פּאַרטיזאַנער זיך אַרײַנגעריסן אין די באַראַקעס און געהייסן אַלעמען שנעל צוזאַמענפּאַקן די בעסערע זאַכן און אַרויס אויפֿן הויף. זיי האָבן די פֿרויען אויסגעשטעלט אין 2 גרופּעס — אין איין גרעסערער גרופּע, אין וועלכער עס זײַנען צוזאַמענגעשפּאַרט געוואָרן אַלע עלטערע פֿרויען און פֿרויען מיט קינדער, און אַ צווייטע, אַ קלענערע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן אַלע פֿרויען אין עלטער פֿון 20־30 יאָר.

At that point women began to sense that they were being selected out for death. There was one beautiful young girl that a partisan wanted to save, and he advised her to move over to the second group. She did not want to leave her mother. Three times the partisan, an acquaintance, suggested that she go to the other side, but she went to the grave together with her mother.

געווען פֿאַלן, ווען פֿרויען האָבן באַוווסטזיניק אויסגעקליבן דעם טויט. עס איז געווען אַ שיין יונג מיידעלע, וואָס אַ פּאַרטיזאַן האָט זי געוואָלט ראַטעווען, און ער האָט זי געראָטן אַריבערצוגיין צו דער צווייטער גרופּע. האָט זי ניט געוואָלט גיין אָן דער מאַמען אירער. 3 מאָל האָט איר דער באַקאַנטער פּאַרטיזאַן פֿאָרגעלייגט צו גיין אויף דער אַנדער זײַט, אָבער זי איז געגאַנגען אין גרוב צוזאַמען מיט איר מאַמען.

The commandant allowed Mrs. Yasgur and her two daughters to hide in their room. At first she agreed to his proposal, but asked also for her 13-year-old boy. The commandant did not agree to it. The boy looked at his mother desperately and said, “Mama, you’re going to let me die alone?” The mother’s heart could not take it and she went with him in the first group.

דער פֿרוי יאַזגור האָט דער קאָמענדאַנט דערלויבט צוזאַמען מיט אירע 2 טעכטער אויסבאַהאַלטן זי אין זײַן צימער. זי האָט לכתּחילה געהאַט אָנגענומען זײַן פֿאָרשלאָג, אָבער געבעטן אויך פֿאַר איר 13־יאָריקן ייִנגל. אויף דעם האָט דער קאָמענדאַנט ניט אײַנגעשטימט. האָט דאָס קינד אָנגעקוקט מיט פֿאַרצווייפֿלונג זײַן מוטער און געזאָגט : מאַמע, דו לאָזט מיך אַליין שטאַרבן ? — האָט דאָס מוטערס האַרץ ניט אויסגעהאַלטן און זי איז אַוועק מיט אים צוזאַמען אין דער ערשטער גרופּע.

Both her daughters looked through the window at the horrors of the partisans. They saw how the half-naked women were taken to the slaughter; they heard the bullets and the shooting of the victims. The children were shot separately. The partisans threw apples to the children and when the children threw themselves on the ground to get the apples, the partisans blew them up with grenades.

אירע ביידע טעכטער האָבן דורכן פֿענצטער צוגעקוקט צו אַלע גרוילטאַטן פֿון די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געזען ווי די האַלב־נאַקעטע פֿרויען ווערן געפֿירט צו דער שחיטה, זיי האָבן געהערט די קולות פֿון די אומגליקלעכע און די שיסערייַען. די קינדער זייַנען באַזונדער אויסגעשאָסען געוואָרן. די פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַר די אויסגעהרגעטע קינדער געוואָרפֿן עפּל און ווען די קינדער האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד צו די עפּל, האָבן די פּאַרטיזאַנער מיט גראַנאַטן זיי צעריסן.

The second group, with around 600 younger women, was ordered at the beginning of the slaughter to walk toward Telšiai. In the town they were assigned to an alley with some houses, and this became the ghetto.

די צווייטע גרופּע פֿון די ייִנגערע פֿרויען (אַרום 600) האָט נאָך אין אָנהויב שחיטה באַקומען דעם באַפֿעל צו גיין קיין טעלז. אין שטאָט איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אַ געסל מיט אייניקע הייזער און דאָרט איז געוואָרן דאָס געטאָ.

The days dragged on sadly for the 600 remaining women. They were crowded en masse into several small houses, with no furniture and no bedding. They had no work; like frightened sheep they sat all day, pressed together, shaking with fear at the rumors that spread every day. They were given nothing to eat, but each day for one hour they would go out into the town to beg from their “heirs” — those who had taken their furniture and clothing and money — for a crust of bread, a couple of potatoes and other bits of food. Most of the Lithuanian population shut their doors to the new “beggars.” But others would throw them something: from this the women fed themselves. Not enough to fill their stomachs, but just enough to keep them from starving.

טרויעריק האָבן זיך געצויגן די טעג פֿון די 600 געבליבענע פֿרויען. די גאַנצע מאַסע איז צוזאַמענגעשפּאַרט געוואָרן אין אייניקע קליינע הייזלעך, אָן מעבל, אָן בעטגעוואַנט. קיין אַרבעט האָבן זיי ניט געהאַט ; פֿלעגן זיי ווי דערשראָקענע שעפּסן זיצן אַ גאַנצן טאָג צוזאַמענגעדריקט און ציטערן אין אַנגסט פֿאַר די קלאַנגען, וואָס פֿלעגן זיך אַלע טאָג פֿאַרשפּרייטן. קיין עסן האָבן זיי ניט געקראָגן. נאָר אַלע טאָג אויף איין שעה פֿלעגן זיי אַרויסגיין שנאָרן אין שטאָט בײַ זייערע „יורשים“, — וואָס האָבן צוגענומען פֿון זיי זייערע מעבל און קליידער און געלט — אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר בולבעס און אַנדערע שפּײַז־זאַכן. די גרעסטע טייל פֿון דער ליטווישער באַפֿעלקערונג פֿלעגט פֿאַרשפּאַרן די טירן פֿאַר די נײַע „שנאָרערס“. נאָר אַנדערע פֿלעגן עפּעס צווואַרפֿן : פֿון דעם האָבן די פֿרויען זיך געשפּײַזט. ניט גענוג זאַט, אַז זיי זאָלן קענען לעבן, אָבער אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי זאָלן ניט שטאַרבן.

At the end of December 1941, between Christmas and New Year’s, a spokesman on Jewish matters came and announced unofficially that on Monday the ghetto would be liquidated. That night, those who had the strength or a place to run to fled the ghetto. The rest waited resignedly for their end.

סוף דעצעמבער 1941, צווישן קאַלייד און נײַ־יאָר, איז אין געטאָ געקומען דער רעפֿערענט פֿאַר די ייִדישע ענינים און האָט געמאָלדן אומאָפֿיציעל, אַז מאָנטיק וועט דאָס געטאָ ליקווידירט ווערן. ווער עס האָט נאָך געהאַט מוט אָדער אַן אָרט וווּהין צו לויפֿן, איז בײַנאַכט אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ. די איבעריקע האָבן רעזיגנירטערהייט געוואַרט אויף זייער סוף.

As related by a couple who by chance escaped the slaughter, the last two nights were horrible. Without hope, and resigned to their dark end, the women clung to each other in one house and waited all night. At every noise, they

ווי עס גיבן איבער אַ פּאָר צופֿעליק פֿון דער שחיטה אַנטלאָפֿענע פֿרויען, זײַנען די לעצטע צוויי נעכט געווען שרעקלעכע. אָן האָפֿענונג און שלום־מאַכנדיק מיטן פֿינצטערן סוף פֿלעגן די פֿרויען צוזאַמענקלײַבן זיך אין איין הויז און שטום איבערזיצן די גאַנצע נאַכט. בײַ יעדן שאָרך פֿלעגן זיי פֿאַרשטאַרט קוקן אויף דער טיר,

looked, frozen, at the door, awaiting their executioners' arrival. This waiting sucked from them their last drop of energy, and when the murderers arrived on Monday the women, without resistance and without tears, let themselves be led to the pits. A couple hundred were shot on December 30 and 31. A couple hundred escaped. Of those, most were caught by the police or were betrayed and handed over by local Lithuanians to the police. The police locked the recaptured women in prison, almost completely undressing them. For three days the women stayed in prison, until they had collected enough of them to make it "worth the trouble" to shoot them.

During that time the women received nothing to eat. Hungry, barefoot and naked, their cries tore into the heavens. Nobody took pity on them. Half frozen, naked and barefoot, they were taken to the lake and shot there. At that same time, devout Lithuanians were praying in their churches, priests were celebrating mass.

Mrs. Wexler told me that one woman with a child hid in a priest's attic in Telšiai. The priest told her that if she didn't leave right away he would turn her over to the police. The woman fled into the fields, and in the severe frost of that winter, 1941-42, her child froze to death in her arms.

Another woman gave her 2 ½-year-old boy to a peasant, paid him with diamonds, and agreed that he would bring her the child at a designated time and place. She waited at that place with her older daughter an entire night. Her older daughter almost froze to death, and she left, in despair at abandoning her younger child. She and her daughter arrived in the Šiauliai ghetto, and the peasant brought the boy to the Telšiai ghetto massacre.

Several dozen women who escaped made it to the Šiauliai ghetto. The rest hid themselves in villages, where they experienced various

דערוואַרטנדיק דאָס אָנקומען פֿון די תּלינים. אַזוי האָט די דערוואַרטונג אויפֿן טויט אויסגעזויגן בײַ זיי זייער לעצטן טראָפּן ענערגיע, און ווען עס זײַנען שוין געקומען מאָנטיק די מערדער, האָבן די פֿרויען אָן קיין ווידערשטאַנד און אָן געוויין געלאָזט זיך פֿירן צו די גריבער. אַ פּאָר הונדערט זײַנען אויסגעשאָסן געוואָרן דעם 30טן אָדער 31טן דעצעמבער. אַ פּאָר הונדערט זײַנען אַנטלאָפֿן. פֿון זיי זײַנען די גרעסטע טייל געכאַפּט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי אָדער פֿאַררעטעריש איבערגעגעבן געוואָרן פֿון דער אָרטיקער ליטווישער באַפֿעלקערונג צו דער ליטווישער פּאָליציי. די פּאָליציי האָט די אויסגעכאַפּטע פֿרויען פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה, אויסטוענדיק זיי פֿריער כּמעט נאַקעט. 3 טעג זײַנען די פֿרויען אָפּגעזעסן אין תּפֿיסה, ביז עס האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ צאָל, וועלכע עס האָט שוין „געלוינט" צו פֿירן שיסן.

די גאַנצע צײַט האָבן די פֿרויען ניט באַקומען קיין שפּײַז. הונגעריקע, באָרוועסע און נאַקעטע פֿלעגן זיי מיט זייערע קולות צערײַסן די הימלען. קיינער האָט אויף זיי ניט דערבאַרעמט. האַלבפֿאַרפֿראָרענע, נאַקעטע און באָרוועסע זײַנען זיי געפֿירט געוואָרן איבער דער אָזערע און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. אין דער זעלביקער צײַט האָט דאָס ליטווישע פֿאָלק פֿרום געדאַוונט אין די קלויסטערס, גלחים האָבן אָפּגעריכֿט תּפֿילות און „מעססעס".

עס האָט מיר דערציילט די פֿרוי וועקסלער, אַז איינע אַ פֿרוי מיט אַ קינד איז געווען אַנטלאָפֿן קיין טעלז צו אַ גלח אויף אַ בוידעם. דער גלח האָט איר געמאָלדן אַז אויב זי פֿאַרלאָזט ניט זײַן בוידעם תּיכף ומיד, וועט ער זי איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי. די פֿרוי איז אַוועק אין פֿעלד, און אין ברענענדיקן פֿראָסט פֿון דעם ווינטער 1941־1942 איז איר קינד פֿאַרפֿרוירן געוואָרן בײַ איר אויף די הענט.

איינע אַ פֿרוי האָט אָפּגעגעבן איר 2 און אַ האַלב יאָריק ייִנגעלע צו אַ פּויער, האָט אים באַצאָלט מיט בריליאַנטן און האָט אָפּגערעדט מיט אים, אַז אין אַ באַשטימטער שעה זאָל ער איר ברענגען אין אַ באַשטימט אָרט דאָס קינד. זי איז דאָרט אָפּגעשטאַנען מיט איר עלטער טעכטערל אַ גאַנצע נאַכט. איר עלטער טעכטערל איז כּמעט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, איז זי מיט איר אַוועק ווײַטער, מיט יאוש לאָזנדיק אויף הפֿקר איר קינד. זי מיט איר טעכטערל זײַנען אָנגעקומען אין שאַוולער געטאָ, און דער פּויער האָט דאָס ייִנגעלע געבראַכט אין טעלזער געטאָ צו דער שחיטה.

אייניקע צענדליק פֿרויען פֿון די אַנטלאָפֿענע זײַנען אָנגעקומען אין שאַוולער געטאָ, די איבעריקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפֿער, ווו זיי זײַנען

tortures. For more than three years they wandered here and there, from village to village, having no place to stay, their lives always in peril. In the end, most were discovered, and they perished.

אויסגעשטאַנען כּלערליי עינויים. אין משך פֿון איבער דרײַ יאָר זײַנען זיי געווען נע ונד, געוואַנדערט פֿון דאָרף צו דאָרף ניט האָבנדיק קיין אָרט און זייענדיק שטענדיק אין לעבנס־געפֿאַר. סוף כּל סוף איז די מערהייט פֿון זיי אויסגעשפּירט געוואָרן און אומגעבראַכט.

After the liberation, which in Telšiai came in September 1944, dozens of women were collected who had hidden in the villages around the Telšiai district.

נאָך דער באַפֿרײַונג, וועלכע איז אין טעלז געקומען אין סעפּטעמבער 1944, האָבן זיך פֿון גאַנץ טעלזער קרײַז צוזאַמענגעקליבן מערערע צענדליק געראַטעוועטע פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפֿער.

## Why was there no resistance?

## פֿאַרוואָס איז ניט געווען קיין ווידערשטאַנד ?

Reading about all the *aktions*, persecutions and evil decrees in Šiauliai and elsewhere prompts the question:  What did the Jews do to defend themselves and their loved ones? How did they protect their honor against their enemies? To answer this question, one must first present the objective conditions under which the Šiauliai ghetto lived.

לייענענדיק וועגן די אַלע „אַקציעס“, רדיפֿות און גזירות, אין שאַוול און אַנדערשוווּ, וועט דאָך יעדער פֿרעגן : וואָס האָבן די ייִדן געטאָן, כּדי צו פֿאַרטיידיקן זיך און זייערע נאָענטע פֿון די אַלע פֿאַרפֿאָלגונגען ? מיט וואָס האָבן זיי באַשיצט זייער כּבֿוד קעגן זייערע שׂונאים און קעגן זיך אַליין ? כּדי צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, מוז מען זיך צוערשט פֿאָרשטעלן די אָביעקטיווע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס שאַוולער געטאָ האָט געלעבט.

First, Šiauliai sits geographically “exposed.” Around it stretch wide marshes, fields and meadows. The forests of old were cut down. A large forest sits 25 kilometers from Šiauliai, around Šaukėnai (Shukyan), and it resembles more a large park than a forest. It also must be mentioned that even the non-Jewish resistance movement only began in 1943. Second, the surrounding non-Jewish population, as throughout Lithuania, was saturated with hatred for the Soviets, who were popularly thought of as a “Jewish” power. A Jew did not dare to show himself in this area. Most of the Lithuanian youth participated in the massacres of Jews. Inside the ghetto, a Jew could live under the illusion that he might survive, but outside the ghetto he was sure to die. The 72 who were shot in December 1941 perished because of Lithuanians who had informed on them in order to inherit their property. In the *shtetls*, Lithuanians either turned in surviving Jews to the Germans later or killed them themselves. The families who were rescued

ערשטנס, געאָגראַפֿיש שטייט שאַוול „אויף דרויסן“. אַרום ציען זיך פּלייניקע בלאָטעס, פֿעלדער און לאָנקעס. די וועלדער זײַנען אויסגעהאַקט. אַ גרעסערער וואַלד געפֿינט זיך בלויז 25 קילאָמעטער פֿון שאַוול, אַרום שוקיאַן, און דער איז אויך מער ענלעך צו אַ גרויסן פּאַרק, ווי צו אַ וואַלד. מיט דעם דערקלערט זיך טיילווײַז, וואָס אַפֿילו די ניט־ייִדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין מיטן 43טן יאָר. צווייטנס, די אַרומיקע ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג אין גאַנץ ליטע איז געווען דורכגעזאַפּט מיט שׂינאה צו דער ראַטנמאַכט, וואָס איז דורך איר באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „ייִדישע“ מאַכט. אַ ייִד האָט זיך אין דער געגנט ניט געטאָרט באַווײַזן. די מייסטע פֿון דער ליטווישער יוגנט זײַנען געווען באַטייליקט אין די ייִדן שחיטות. אין געטאָ האָט נאָך אַ ייִד געהאַט די אילוזיע, אַז ער קען בלײַבן לעבן, אויסערן געטאָ איז פֿאַר אים געווען אַ זיכערער טויט. די 72, וואָס זײַנען אויסגעשאָסן געוואָרן אין דעצעמבער 1941, זײַנען אומגעקומען לויט די מסירות פֿון די ליטווינער, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּירשענען זייער האָב און גוטס. אין די שטעטלעך זײַנען די לעבן־געבליבענע איינצלנע ייִדן שפּעטער דורך די ליטווינער איבערגעגעבן געוואָרן דער דײַטשישער מאַכט אָדער אומגעקומען דירעקט פֿון זייערע הענט. די געראַטעוועטע פֿאַמיליעס פֿון דער שאַדעווער שחיטה נאָל, קופּערמאַן און אַ דריטער ייִד

from the Šeduva massacre — Nol, Kuperman and a third Jew — were shot in Panevėžys. In the Radviliskis tannery there was a Jewish craftsman from Czechoslovakia named Posner: The Lithuanians killed him. Dr. Shreiber was also shot in Pakruojis. The 13 Jews who converted in Šaukėnai were tortured by Kolokša. Two Šaukėnai Jews, a father and son, both good dyers, hid in the Babiai and Šaukėnai woods: They were caught on May 2, 1942 and shot.

זײַנען אין פּאָנעוועזש אויסגעשאָסן געוואָרן. אין ראַדווילישקער גאָרבאַרניע איז געווען אַ ייִדישער פֿאַכמאַן פֿון טשעכיע, פּאָזנער, האָבן אים די ליטווינער אומגעבראַכט. אַזוי איז דערשאָסן געוואָרן דער דר. שרײַבער אין פּאַקראַי, די 13 ייִדן וואָס האָבן זיך געשמדט אין שוקיאַן זײַנען פֿאַרפּייניקט געוואָרן פֿון קולואַקשאַ. 2 שיקיאַנער ייִדן, אַ טאַטע מיט אַ זון,ביידע גוטע גאַרבערס, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בוביער און שוקיאַנער וועלדער, זײַנען זיי געכאַפּט געוואָרן דעם 2טן מאַי 1942 און אָפּגעשאָסן געוואָרן.

Consequently, there was no question of Jews going out to lead a partisan resistence. Nevertheless, at the end of the summer 1942, a resistance group was established in the Šiauliai ghetto. At its head was Joseph Leibovich, a brother of the chairman of the representative council; Mulie Katz, Levy the locksmith and Dr. Factor. The group undertook to obtain weapons for the ghetto, to be used in case it was liquidated. It had the full support of the Jewish council, with money and other help. To that end it made a connection with a Jewish prisoner, Lazar, who presented himself as a non-Jew and entered the Vlasov army,[34] or the Ukrainians, as we called them, and attempted to purchase weapons there. However, the prisoner's wife was captured and she turned him in, and he was arrested. He sat in prison for a long time, and what finally happened to him is unknown to me. He probably perished, but despite all the interrogation, he did not reveal his Jewish contacts. The organizers of the weapons-purchasing effort were in great fear for a time, and with that, their operations ceased.

וועגן אַרויסגיין און פֿירן אַ פּאַרטיזאַנישן ווידערשטאַנד האָט, בכן, קיין רייד ניט געקענט זײַן. נאָר ענדע זומער 1942 האָט זיך אין שאַוולער געטאָ יאָ געשאַפֿן אַ ווידערשטאַנד־גרופּע. בראש פֿון איר איז געשטאַנען יוסף לייבאָוויטש, אַ ברודער פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט, מוליע קאַץ, לעווי דער שלאָסער און דר. פֿאַקטאָר. די גרופּע האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפֿן געווער פֿאַרן געטאָ אויפֿן פֿאַל, ווען עס זאָל קומען צו אַ ליקווידאַציע פֿון דעם געטאָ. זי האָט באַקומען די פֿולע אונטערשטיצונג פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט מיט געלט און נאָך הילף. צו דעם צוועק האָט זי זיך פֿאַרבונדן מיט אַ ייִדישן געפֿאַנגענעם לאַזאַר, וואָס האָט זיך מאַסקירט אַלס ניט ייִד און איז אַרײַן אין דער אַרמיי פֿון די וולאַסאָווצעס, אָדער אוקראַינער, ווי מיר האָבן זיי גערופֿן, און דער האָט געזאָלט פֿאַר זיי אָפּקויפֿן געווער. מ'האָט אָבער גלײַך געכאַפּט די פֿאַרבינדעטע פֿרוי פֿון דעם געפֿאַנגענעם און זי האָט אים אַרויסגעגעבן און מען האָט אים אַרעסטירט. ער איז אַ לאַנגע זײַט געזעסן אין תּפֿיסה. וואָס איז מיט אים געוואָרן איז מיר ניט באַקאַנט. וואַרשיינלעך איז ער אומגעקומען, אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע אויספֿאָרשונגען, האָט ער זײַנע ייִדישע פֿאַרבינדונגען ניט אַרויסגעגעבן. די אָרגאַניזירער פֿון דעם געווער־אײַנקויף האָבן אַ געוויסע צײַט געהאַט גרויסע שרעק. מיט דעם אָבער האָט זיך געענדיקט זייער טעטיקייט און ריזיקירן.

In summer 1943 there was a meeting of the Jewish council with the above-mentioned persons and other invited ghetto Jews. At the meeting the question of self-defense was discussed. The majority of those gathered agreed that an open struggle against the Germans could destroy the ghetto, and it was

זומער 1943 איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט מיט די אויבן־דערמאָנטע פּערזאָנען און אַנדערע געלאַדענע געטאָ־ייִדן. אויף דער זיצונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע פֿון זעלבסטשוץ. די מערהייט פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָבן אײַנגעשטימט, אַז אַן אָפֿענער קאַמף מיט די דײַטשן קען אומברענגען דאָס געטאָ און עס איז באַשלאָסן געוואָרן קיין זאַך ניט צו אונטערנעמען וועגן אָרגאַניזירן אַן אַקטיוון

34 A military force made up of Russians who collaborated with the Germans, led by the defector Soviet general Andrei Vlasov.

decided not to do anything about organizing an active resistance. The decision was understandable. Because of their own age and health, members of the council could not personally take part in active resistance, and they also feared to put others in danger.

ווידערשטאַנד. דער באַשלוס איז אויך פֿאַרשטענדלעך. די אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאָרשטייערשאַפֿט האָבן פערזענלעך, צוליב זייער עלטער און געזונט, ניט געקענט אָנטיילנעמען אין אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד און אויך זיך געשראָקן שטעלן אין סכּנה אַנדערע.

The self-defense committee continued to exist, but only on paper.

דער זעלבסטשוץ־קאָמיטעט האָט דאָך וויַיטער עקזיסטירט, אָבער דאָס איז געווען בלויז אויפֿן פּאַפּיר.

During this time it was made known to me that in the area between Šiauliai and Kelmė there was an armed Jewish group, under the leadership of the Hilzon brothers, with about 30 people. This group received shoes, clothing and money from the ghetto. In the first period they did little, but later they participated without the help of the partisans.

אינצווישן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַרום שאַוול־קעלם גייט אַרום אַ ייִדישע באַוואָפֿנטע גרופּע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די ברידער הילזאָן, זי האָט געציילט ביי 30 מענטשן. די גרופּע האָט באַקומען פֿונעם געטאָ שיך, קליידער און געלט. אין דער ערשטער צײַט האָבן זיי קיין דיווערסיע־אַרבעט ניט געפֿירט, נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּאַרטיזאַנער.

Objectively, until the *aktion* against the children and "non-workers," conditions were not favorable for active resistance. Until then, the ghetto lived with hopes of a German military defeat: Stalingrad, the defeats in Africa and Tunis, the invasion of the Italian islands and so on. It was believed that German militarism would soon collapse; the Germans themselves fooled us with these hopes. Above all, in the ghetto there were more than 1,200 children and elderly people — a third of the entire ghetto population. No one wanted to take responsibility for the helpless ones, who would surely be the first victims of an armed uprising.

אָביעקטיוו גענומען זײַנען ביז דער אַקציע פֿון די קינדער און „ניטאַרבעטפֿעיִקע“ ניט געווען קיינע גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. דערצו נאָך האָט דאָס געטאָ דאַן געלעבט אונטערן אײַנדרוק פֿון די מפּלות, וואָס דאָס דײַטשישע מיליטער האָט געקראָגן : סטאַלינגראַד, די מפּלות אין אַפֿריקע און שפּעטער טוניס, די אינוואַזיע אויף די איטאַליענישע אינדזלען א. א. וו. מ'האָט געגלויבט, אַז באַלד וועט קומען דער צוזאַמענברוך פֿון דײַטשישן מיליטאַריזם. דעם גלויבן האָבן גענערט בײַ אונדז די דײַטשן אַליין. און ועל כּולם זײַנען געווען אין געטאָ נאָך פֿיל קינדער און אַלטע, איבער אַ 1.200 — אַ דריטל פֿון דער גאַנצער געטאָ־באַפֿעלקערונג. קיינער האָט ניט געוואָלט נעמען אחריות פֿאַר די הילפֿלאָזע, וועלכע וואָלטן זיכער געווען די ערשטע קרבנות פֿון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

One must also give attention to the "stability" of the ghetto. The persecutions and torments still did not have a mass character. After September 1941, no larger *aktions* took place in Šiauliai. It seemed as if we would survive. However, if such an atmosphere can be understood before Nov. 5, 1943 — that is, until the *aktion* against the children and the non-working people — it is still not understandable during the time after the *aktion*. After November 6 the ghetto had nothing more to lose: Children and the elderly were no longer

מ'דאַרף נאָך נעמען אין אַכט די „סטאַבילקייט“ פֿון דעם געטאָ. די אַלע גזירות און צרות האָבן דאָך ניט געטראָגן קיין מאסן־כאַראקטער. פֿון סעפּטעמבער 1941 זײַנען אין שאַוול ניט פֿאָרגעקומען קיינע גרעסערע אַקציעס. עס האָט זיך געדוכט, אַז מיר וועלן אַריבערלעבן. אויב אָבער אַזאַ שטימונג מצד דעם געטאָ איז נאָך צו פֿאַרשטיין ביז דעם 6טן נאָוועמבער 1943, ד. ה. ביז דער אַקציע פֿון די קינדער און ניט־אַרבעטפֿעיִקע, איז זי אָבער ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר דער צייט פֿון נאָך דער אַקציע. נאָכן 6טן נאָוועמבער האָט שוין דאָס געטאָ ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן : קינדער און אַלטע זײַנען שוין מער אין געטאָ ניס געבליבן. עס זײַנען געבליבן לויטער געזונטע און אַרבעטפֿעיִקע מענער און פֿרויען, וועלכע זײַנען געווען

there. Only the healthy and work-capable men and women were left, and they were embittered and dispirited. People fled to the forests, threatening revenge. Yet there was nobody there to organize them. As it happened, those in charge of the self-defense committee, Josef Leibovich, Mulie Katz, Levi and Dr. Factor, had not lost their non-working family members. Yet instead of turning over their connections and plans to others, they continued to act like they were doing important work, and kept up the pretext that when the time came they would act. One must also add an objective argument: The Lithuanian population, even those on the left, had given the Jews no help in their struggle with the Germans. None wanted to accept Jews into the ranks of [resistance] fighters. Even the Hilzon group broke away from the fighting Lithuanian-Russian partisans. No one wanted them. A non-Jewish partisan could be a peasant by day and a partisan by night, but [Jews] had no place to go during the day. Also, any Lithuanian could betray you and turn you in, thus putting the whole group in danger. This was the stereotypical answer of the so-called Lithuanian leftist circles to the Jews' offer to participate in their ranks. To go out in the open fields alone among a hostile population, with no help from anyone, with no connection to the mass of partisans, who were all over the east — one would have had to have desperate courage, and this, unfortunately, the exhausted Jews of the ghetto lacked.

פֿאַרביטערט און פֿאַריאושט. די מענטשן האָבן זיך געריסן אין וואַלד, האָבן געדאָרשט נאָך נקמה. עס איז אָבער ניט געווען, ווער עס זאָל זיי אָרגאַניזירן. האָט דער צופֿאַל גראָד געוואָלט, אַז די אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען בראש פֿון דעם זעלבסטשוץ־קאָמיטעט, יוסף לייבאָוויטש, מוליע קאַץ, לעווי און דר. פֿאַקטאָר האָבן נאָך דאַן ניט געהאַט פֿאַרלאָרן זייערע ניט־אַרבעטפֿעיִקע משפּחה־מיטגלידער. אַנשטאָט אָבער צו איבערגעבן זייערע פֿאַרבינדונגען און באַקאַנטשאַפֿטן צו אַנדערע — האָבן זיי אַלץ געמאַכט אַן אָנשטעל פֿון וויכטיקע אויפֿטוער און האָבן געשפּײַזט דעם עולם מיטן אויסרייד, אַז אין נויטיקן מאָמענט וועלן זיי וואָס אויפֿטאָן. מען מוז אָבער צוגעבן אויך אַן אָביעקטיוון אַרגומענט : די ליטווישע באַפֿעלקערונג, די לינק־געשטימטע אַפֿילו, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין הילף די ייִדן אין זייער קאַמף מיט די דײַטשן. קיינער האָט ניט געוואָלט אַרײַננעמען די ייִדן אין די רייען פֿון די קעמפֿער. אַפֿילו די גרופּע הילזאָן איז געווען אָפּגעריסן פֿון די קעמפֿנדיקע ליטוויש־רוסישע פּאַרטיזאַנער. קיינער האָט זיי ניט געוואָלט האָבן בײַ זיך, — אַ ניט־ייִדישער פּאַרטיזאַן קען זײַן אַ פּויער בײַטאָג און אַ פּאַרטיזאַן בײַנאַכט, אײַך האָבן מיר ניט וווּ אַהין צו טאָן בײַטאָג. אײַך וועט יעדער ליטווינער פֿאַרראַטן און אַרויסגעבן, און צוליב אײַך וועט ליידן די גאַנצע גרופּע — אַזוי איז געווען דער סטערעאָטיפּער ענטפֿער פֿון די אַזוי גערופֿענע ליטווישע לינקע קרײַזן אויפֿן אָנבאָט פֿון די ייִדן זיך אָנצושליסן אין זייערע רייען. אַרויסגיין אין אָפֿענעם פֿעלד איינער אַליין צווישן אַ פֿײַנטלעכער באַפֿעלקערונג, אָן קיין הילף פֿון קיינעם, אָן פֿאַרבינדונג מיט דער מחנה פּאַרטיזאַנער, וואָס איז געווען אויפֿן גאַנצן מיזרח — דערצו האָט מען געדאַרפֿט האָבן פֿאַרצווייפֿלטן מוט, און דאָס האָט, ליידער, די אויסגעמאַטערטע ייִדן פֿון געטאָ געפֿעלט.

Later a second group was formed headed by Mulie Shapiro and Leybke Kibart, which supposedly was connected with a leftist group in the city. When I asked the leaders for an address to connect with the partisans, I was put off from day to day for weeks. Finally it was no use, because they themselves had no contacts.

שפּעטער איז געשאַפֿן געוואָרן אַ צווייטע גרופּע מיט מוליע שאַפּיראָ און לייבקע קיבאַרט בראש, וועלכע איז כּלומרשט געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט אַ לינקער גרופּע אין שטאָט. ווען איך האָב די אָנפֿירער געפֿרעגט אַן אַדרעס צו פֿאַרבינדן זיך מיט פּאַרטיזאַנער, האָט מען מיך וואָכנלאַנג אָפּגעלייגט פֿון טאָג אויף טאָג און סוף־סוף מיט גאָרניט געהאָלפֿן, ווײַל זיי האָבן אַליין ניט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט זיי.

Characteristically, both "leaders" remained in the ghetto and were transported along with

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די ביידע „פֿירער“ זײַנען אַליין געבליבן אין געטאָ און זײַנען אַרויסגעפֿירט

everyone to Stutthof, even though they had the opportunity to flee.

געוואָרן צוזאַמען מיט אַלעמען אין שטוטהאָף, כאָטש זיי האָבן געהאַט די מיגלעכקייט צו לויפֿן.

## Our destruction and the Lithuanians

## אונדזער אומקום און די ליטווינער

Who led and was most responsible for all the slaughters in Šiauliai and in the surrounding towns? It is clear that the principal leaders were the Germans. They had their plan and their system for the elimination of Lithuanian Jewry, which had been worked out earlier. However the Lithuanians in many cases took the initiative from the Germans. Right in the beginning of the occupation, with no prompting on the part of the German civilian power — which had not yet been set up in Lithuania — and with no instructions on the part of the Wehrmacht, which had managed to conduct slaughters of Jews in only a few places — Lithuanians everywhere arrested any Jewish men they could find, and set up camps everywhere for the remaining women and children. On their own initiative, they concentrated the Jews in Zagarė, Joniškis, Viekšniai, Tauragė, Raseiniai, Panevėžys and elsewhere.

ווער איז דער הויפּטאָנפֿירער און הויפּטשולדיקער אין די אַלע שחיטות אין שאַוול און אין די אַרומיקע שטעטלעך ? עס איז קלאָר, אַז די הויפּט־אָנפֿירער זײַנען געווען די דײַטשן. זיי האָבן שוין געהאַט זייער פּלאַן און סיסטעם פֿון דער אויסראָטונג פֿונעם ליטווישן ייִדנטום, אויסגעאַרבעט פֿון פֿריער. אָבער די ליטווינער האָבן אין אַ סך פֿאַלן אַרויסגענומען די איניציאַטיוו פֿון די דײַטשן. זיי האָבן שוין גלײַך אין אָנהויב פֿון דער אָקופּאַציע, אָן קיין אָנווײַזונג מצד דער דײַטשישער ציווילער מאַכט — וואָס איז נאָך אין ליטע ניט געווען — און אָן קיין אינסטרוקציעס מצד דער ווערמאַכט, וואָס האָט באַוויזן דורכצופֿירן ייִדישע שחיטות בלויז אין געציילטע ערטער אין ליטע — אַרעסטירט אומעטום אַלע ייִדישע מענער, וואָס זיי האָבן געכאַפּט און אומעטום געשאַפֿן לאַגערן פֿון די געבליבענע פֿרויען און קינדער. זיי האָבן פֿון אייגענער איניציאַטיוו קאָנצענטרירט די ייִדן אין זאַגער, יאַנישעק, וועקשנע, טאַווריק, ראַסיין, פּאָנעוועזש און נאָך.

Thus the Lithuanians led in the first period of the occupation, before the German civilian power arrived (September 1941), while they were still sovereign over an independent Lithuania under the protectorate of the Third Reich.

האָבן דאָך די ליטווינער זיך געפֿירט אין דער ערשטער צײַט פֿון דער אָקופּאַציע, איידער די דײַטשישע ציווילע מאַכט איז אָנגעקומען (סעפּטעמבער 1941) ווי זיי וואָלטן געווען מושלים איבער אַ זעלבסשטענדיקער ליטע אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון דריטן רײַך.

Through their partisans, self-defense battalions and activist committees, headed by members of the Lithuanian intelligentsia and respected community leaders, the Lithuanians annihilated the Jews.  Wherever the German power had not yet arrived, the Lithuanians hurried to wipe out the Jews, in order to be the Jews' inheritors.

די ליטווינער האָבן דורך זייערע פּאַרטיזאַנער, זעלבסטשוץ־באַטאַליאָנען און קאָמיטעטן פֿון אַקטיוויסטן, בראש פֿון וועלכע עס זײַנען געשטאַנען ליטווישע אינטעליגענטן און חשובע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, פֿאַרניכטעט דעם רעשט פֿון די ייִדן. אומעטום ווו די דײַטשישע מאַכט איז נאָך ניט געקומען, האָבן זיך די ליטווינער צוגעאײַלט אויסצומאָרדן די ייִדן, כּדי צו פֿאַרבלײַבן די ייִדישע יורשים.

Until mid-August, there remained in Lithuania some small remnants of several Jewish communities: Kaunas, Šiauliai, Telšiai, Zagarė,

ביזן מיטן אויגוסט זײַנען אין ליטע פֿאַרבליבן קליינע רעשטן פֿון אייניקע ייִדישע קהילות : קאָוונע, שאַוול, טעלז, זאַגער, פּאָנעוועזש.

and Panevėžys.

The 10,000 Jews of the Panevėžys ghetto were all killed in Pajūris, several kilometers from Panevėžys. The killers there were Lithuanian police, partisans and members of the self-defense battalion. In the *Pinkas Shavli* are the records of the slaughters in more than 50 *shtetls* and towns. All, without exception, were conducted by the Lithuanians. Of course this was all done with the Germans' approval and participation. In several larger towns, German leaders participated. In Šiauliai, films were shown many times of the Lithuanian partisans and members of the self-defense battalion shooting and torturing Jews.

די 10.000 ייִדן פֿון פּאָנעוועזשער געטאָ זײַנען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן אין פּאַיורע, עטלעכע קילאָמעטער פֿון פּאָנעווועזש. די רוצחים זײַנען דאָ געווען : ליטווישע פּאָליציי, פּאַרטיזאַנער און די מיטגלידער פֿונעם זעלבסטשוץ־באַטאַליאָן. אין פּנקס־שאַוול זײַנען דאָ שרײַבונגען פֿון די שחיטות פֿון איבער 50 שטעטלעך און שטעט. אַלע אָן אויסנאַם זײַנען פֿאָרגעקומען דורך די ליטווינער. אוודאי איז דאָס געשען מיט דער דײַטשישער הסכּמה און אָנטייל. אין אייניקע גרעסערע שטעט האָבן זיך באַטייליקט דײַטשישע פֿירער. אין שאַוול זײַנען אַ סך מאָל געוויזן געוואָרן פֿילמען, ווי די ליטווישע פּאַרטיזאַנער און מיטגלידער פֿון זעלבטשוץ־באַטאַליאָן שיסן און פּייניקן ייִדן.

In the month of August, the entire civilian management was put into the hands of the Lithuanians. On his own initiative, Urbaitis the district chief concentrated the Jews of his district, from approximately 25 *shtetls*, in Zagarė, with the clear purpose of eradicating them.

אין חודש אויגוסט איז די גאַנצע ציווילע פֿאַרוואַלטונג געווען אין די הענט פֿון די ליטווינער. אורבײַטיס, דער קרײַזשעף, האָט לויט אייגענער איניציאַטיוו קאָנצענטרירט די ייִדן פֿון זײַן קרײַז, פֿון אומגעפֿער 25 שטעטלעך, אין זאַגער מיט אַ קלאָרן ציל זיי צו פֿאַרניכטן.

It is important to emphasize that Urbaitis was a former lawyer and, like Linkevičius, had belonged to the "progressive" element of the Lithuanian people.

כּדאי צו באַטאָנען, אַז אורבײַטיס אַז אַ געוועזענער אַדוואָקאַט און האָט, ווי לינקעוויטש, פֿריער געהערט צו די „פּראָגרעסיווע" עלעמענטן פֿונעם ליטווישן פֿאָלק.

In the "*Pinkas*" I placed a document — a memorandum from the Lithuanian activists (all nationalist elements of the Lithuanians) to the German high command in Berlin, in which the writer asks, among other things, that the remaining Jews of Lithuania and Belorussia be removed to the front lines, and that Lithuania be freed from its Jews

בײַ מיר אין פּנקס ליגט נאָך אַ דאָקומענט — אַ מעמאָראַנדום פֿון די ליטווישע אַקטיוויסן (אַלע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פֿון די ליטווינער) צו דער דײַטשישער הויפּטקאָמאַנדע אין בערלין, אין וועלכן די שרייבער בעטן צווישן די אַנדערע פֿאָדערונגען : אַרויספֿירן די געבליבענע ייִדן פֿון ליטע און ווײַסרוסלאַנד צו דער פֿראָנט־ליניע און באַפֿרײַען ליטע פֿון אירע ייִדן.

The memorandum dates from the first days of January 1942. In that period, of the 270,000 Jews of greater Lithuania there remained not more than 42,753: 22,000 in Vilna, 16,000 in Kaunas and 4,753 in Šiauliai.

דער מעמאָראַנדום איז דאַטירט פֿון די ערשטע טעג פֿון יאַנואַר 1942. אין יענער צײַט זײַנען שוין פֿון די 270 טויזנט ייִדן פֿון דער פֿאַרגרעסערטער ליטע געבליבן ניט מער ווי 42.753, 22 טויזנט אין ווילנע, 16 טויזנט אין קאָוונע און 4.753 אין שאַוול !

Guilt for the destruction of the Lithuanian Jews belongs not only to the Lithuanian fascists, but to all parts of the Lithuanian

שולדיק אינעם אונטערגאַנג פֿון די ליטווישע ייִדן זײַנען ניט נאָר די ליטווישע פֿאַשיסטן, נײַערט אויך טיילן פֿון אַלע ליטווישע פּאָליטישע שטרעמונגען און געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן, אין דער ערסטער ריי די

political spectrum and social classes, with the intelligentsia in the first rank.

אינטעליגענץ.

In Šiauliai, the second-largest cultural center in Lithuania, the fortress of the country’s progressive elements, where the left had always been an absolute majority of self-governing organs, a major part of the Lithuanian population took part in the persecutions against Jews.

אין שאַוול, דעם צווייט־גרעסטן קולטורעלן צענטער פֿון ליטע, דער פֿעסטונג פֿון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פֿון לאַנד, ווו עס איז שטענדיק געווען אַן אַבסאָלוטע לינקע מערהייט אין די זעלבסטפֿאַרוואַלטונג־אָרגאַנען — האָט אַ גרויסע טייל ליטווישע באַפֿעלקערונג אָנטיילגענומען אין די רדיפֿות קעגן ייִדן.

The partisan groups included almost 90 percent of the students in the commerce-institute, most of the pupils in the gymnasiums, commercial school and professional school. Their leaders included the teachers Jacis, Liutkus, Pauže and others.  At the head of the company that tried to have the Jews sent to Zagarė, were, other than the above-mentioned Linkevičius, Urbaitis, Stankus, Pauže, also the lawyer Serksnis — he also took part in the massacre of the Jews of Kuršėnai  — and the rector of the commerce institute Sifovičius.

אין די פּאַרטיזאַנער גרופּעס האָבן אָנטייל גענומען כּמעט 90 פּראָצענט פֿון די סטודענטן פֿון קאָמערץ־אינסטיטוט, די מערהייט פֿון די שילער פֿון די גימנאַזיעס, קאָמערץ־שול, פּראָפֿשול. בראש זײַנען געשטאַנען די לערער : יאַטשיס, ליוטקוס, פּאַוזשאַ און אַנדערע. בראש פֿון דער קאַמפּאַניע, וואָס האָט באַשטערבט די ייִדן פֿון שאַוול אַרויסצושיקן קיין זאַגער, זײַנען געשטאַנען, אויסער די אויבן־דערמאָנטע לינקעוויטשיוס, אורבײַטיס, סטאַנקוס, פּאַוזשאַ, אויך די אַדוואָקאַטן שערקשניס — דער לעצטער האָט אָנטיילגענומען אין דער שחיטה פֿון די ייִדן אין קורשאַן — און דער רעקטאָר פֿונעם קאָמערץ־אינסטיטוט סיפֿאָוויטשיוס.

The relationship of the Lithuanian intelligentsia to the Jews also characterizes the Palanga affair.

די באַציונג פֿון די ליטווישע אינטעליגענטן צו ייִדן כאַראַקטעריזירט אויך דער פֿאַקט „פּאָלאַנגען“.

The day the war broke out, by the seaside in Palanga, there were more than 1,000 Jewish children, among them 50 from Šiauliai. When, through the Red Cross, the Lithuanian children were brought back to Šiauliai, they reported that the Jewish children there had been locked in a school, and that they were hungry and were to be shot. The Jewish mothers then ran to the Lithuanian members of the Red Cross committee and begged them to have mercy and bring their children from Palanga.

אין טאָג פֿון קריג־אויסברוך האָבן בײַם ברעג ים אין פּאָלאַנגען זיך געפֿונען איבער 1.000 ייִדישע קינדער, צווישן זיי בײַ 50 שאַוולער. ווען די ליטווישע קינדער זײַנען דורכן רויטן קרײַץ צוריק געבראַכט געוואָרן קיין שאַוול, האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז די ייִדישע קינדער זײַנען דאָרטן פֿאַרשפּאַרט אין שול, אַז זיי הונגערן דאָרט און מ'האַלט זיי בײַם שיסן. די ייִדישע מאַמעס זײַנען דאַן געלאָפֿן צו די ליטווישע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט פֿון רויטן קרײַץ און געבעטן רחמים צו ברענגען זייערע קינדער פֿון פּאָלאַנגען.

Almost all the members, except for the priest Lapis, refused to do anything to benefit the Jewish children, motivated by the belief that the Germans would not want the Lithuanians to do anything to benefit the Jews. But the chairman of the committee, Dr. Žilinskis, did not even find such a motivation necessary to

כּמעט אַלע מיטגלידער, אויסער דעם גלח לאַפּיס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט וואָס צו טאָן לטובֿת די ייִדישע קינדערלעך, מאָטיווירנדיק מיט דעם, אַז די דײַטשן ווילן ניט, אַז די ליטווינער זאָלן עפּעס טאָן לטובֿת די ייִדן. דער פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט, דר. זשילינסקי, האָט אָבער ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק אַפֿילו צו מאָטיווירן זײַן אָפּזאָג צו העלפֿן די ייִדן. ער האָט אײַנפֿאַך געענטפֿערט די ייִדישע מאַמעס : „ווער עס

refuse to help the Jews. He simply answered the Jewish mothers, “Those who rejoiced before now should mourn.”

Some cautious Lithuanians refrained from direct action against Jews, but they did not refuse to profit from the results of their elimination. Most of the goods that had been taken from Jews ostensibly for safekeeping were never returned.

Those Lithuanian priests who behaved humanely in the time of occupation began their activities only later and apparently according to instructions from Rome. At first they simply stood aside.

In the first years of the occupation, the Germans considered the Lithuanians their appendages. They formally allowed them to govern themselves. The entire village administration was Lithuanian. The Germans would enter the villages only when they needed to obtain livestock; otherwise they would not show up. Most of the Lithuanian village population was dispersed on farms, each peasant lived in isolation and it was easy to hide and rescue Jews, had the Lithuanian village community sincerely wanted to. It did not want to, however. If a Jew appeared in a village, Lithuanians all around would be alerted and he would be handed over to the Germans, or their helpers. Only a few Lithuanians kept Jews in cellars or other hideouts, not telling even their closest relations.

There were a small number of exceptions, and they deserve to be recognized: Dr. Jasaitis kept millions in Jewish possessions, and in all cases, when requested, he returned them to Jews. The same was done by Sandeckis, the former socialist mayor of Šiauliai, Dr. Bakštys, the poet Jankus, Bugeyliskis, the teacher Petraitis and a several others.

Credit needs to be given also to the priest Lapis and the Franciscan monk Povilas. The

האָט זיך פֿריער געפֿרייט זאָל איצט טרויערן.״

טיילע פֿאָרזיכטיקערע ליטווינער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פֿון דירעקטאָר אַקציע קעגן ייִדן, אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט צו געניסן פֿון די רעזולטאַטן פֿון ייִדן־אויסראָט. די גרעסטע טייל האָט די זאַכן, וואָס מען האָט גענומען פֿון ייִדן כּלומרשט צו באַהאַלטן, צוריק ניט אָפּגעגעבן.

די יעניקע ליטווישע גלחים, וועלכע האָבן זיך אויפֿגעפֿירט אין דער צײַט פֿון אָקופּאַציע מענטשלעך, האָבן זייער טעטיקייט אָנגעהויבן ערשט שפּעטער און קאָנטיק לויט אַן אָנווײַז פֿון רוים. לכתּחילה זײַנען זיי אויך געשטאַנען פֿון ווײַטן.

די ערשטע יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע האָבן די דײַטשן באַטראַכט די ליטווינער ווי זייערע פֿאַרבינדעטע. זיי האָבן זיי לפּנים וועגן געגעבן אַ זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. די גאַנצע דאָרף־פֿאַרוואַלטונג איז געווען ליטוויש. די דײַטשן פֿלעגן קומען אין די דערפֿער בלויז דאַן, ווען זיי האָבן געדאַרפֿט אָפּנעמען די נאַטורשטײַערן. ווײַטער פֿלעגן זיי זיך ניט ווײַזן. די גרעסטע טייל פֿון דער ליטווישער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג איז געווען צעשפּרייט אין איינצל־הויפֿן, יעדער פּויער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט און עס איז געווען לײַכט אויסצובאַהאַלטן און ראַטעווען ייִדן, ווען די ליטווישע, דאָרפֿישע געזעלשאַפֿט וואָלט עס אויפֿריכטיק געוואָלט. זי האָט עס אָבער ניט געוואָלט. ווען עס פֿלעגט זיך באַווײַזן אַ ייִד אין דאָרף, פֿלעגן אויף אים ליטווינער אָנווײַזן פֿון אַלע זייטן, און ער פֿלעגט אויסגעליפֿערט ווערן די דײַטשן, אָדער זייערע העלפֿער. נאָר ווייניקע ליטווינער האָבן געהאַלטן בײַ זיך ייִדן באַהאַלטן אין גריבער און אַנדערע באַהעלטענישן. זיי האָבן זיך געהיט אַפֿילו פֿאַר זייערע נאָענסטע.

אויסנאַמען זײַנען געווען אַ קליינע צאָל און זאָלן זיי דאָ פֿאַרצייכנט ווערן : דר. יאַסײַטיס האָט געהאַט ייִדישע פֿאַרמעגנס אויף מיליאָנען און צו יעדער צײַט, ווען די ייִדן האָבן עס געפֿאָדערט, זיי צוריקגעגעבן. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן סאַנדעצקיס, דער געוועזענער סאָציאַליסטישער בירגערמײַסטער פֿון שאַוול, דר. באַקשטיס, דער פּאָעט יאַנקוס, בוגיילישקיס, לערער פּעטרײַטיס און נאָך אייניקע.

צום גוטן דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער גלח לאַפּיס און דער פֿראַנציסקאַנער מאָנאַך פּאָווילאַס. דער

Shukyan priest helped those who converted.

שוקיאַנער גלח האָט געהאָלפֿן די, וואָס האָבן זיך געשמדט.

Also to be recognized as righteous among the nations are the following:

אַלס אמתע חסידי אומות העולם קענען באַצייכנט ווערן די פֿאָלגנדיקע :

Kalendra, a brother of the Lithuanian district chief under the Germans, himself a follower of Tolstoy, a vegetarian and philanthropist. With true dedication and love he hid two children of the lawyer Jaffe. (He and his wife, a physician, fled to Russia and the children remained with their aunt, the teacher Kolodny);

קאַלענדראַ, אַ ברודער פֿונעם ליטווישן קרײַזשעף אין דער צײַט פֿון די דײַטשן, אַליין אַן אָנהענגער פֿון טאָלסטאָי אַ וועגעטאַריאַנער און מענטשן־פֿרײַנט. ער האָט מיט מסירות נפֿש און אמתער ליבע אויסגעבאַהאַלטן 2 קינדער פֿון אַדוואָקאָט יאַפֿע (ער מיט זײַן פֿרוי, אַן אַרצטין, זײַנען אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד און די קינדער זײַנען געבליבן בײַ זייער טאַנטע, לערערין קאַלאַדני) ;

Miss Venclauskaitė; I wrote of her good deeds earlier. To those must be added that she supported Mendel Rubinshtein’s only child. And when she detected danger she put him in safe hands in Kelmė, where he remained until the liberation in September 1944.

פֿרל. ווענצלאַוסקײַטע. אירע מעשׂים טובים האָב איך שוין אויבן באַשריבן. צו זיי דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז זי האָט אויסגעהיט מענדל רובינשטיינס איינציק קינד. און ווען זי האָט דערשפּירט געפֿאַר, האָט זי עס איבערגעגעבן אין זיכערע הענט אין קעלם און עס איז דאָרט געווען ביז דער באַפֿרײַונג אין סעפּטעמבער, 1944 ;

Mrs. Jasaitienė-Lukauskaitė. Her father Lukauskis was a well-known lawyer and socialist leader. She herself was for a long time an underground worker for the MOPR. After the disaster of November 5 she tried hard to set up a larger organization to rescue Jewish children, and when she was unsuccessful, she herself helped to rescue my wife, two of my children and another girl.

פֿרוי יאָסיענע־לוקאָמסקײַטע. איר פֿאָטער לוקאָמסקי איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט און סאָציאַליסטישער פֿירער. זי אַליין איז אַ לאַנגע צײַט געווען אַן אונטערערדישע טוערין פֿון מאָפּר. נאָכן אומגליק פֿון 5טן נאָוועמבער האָט זי פֿיל זיך געסטאַרעט צו שאַפֿן אַ גרעסערע אָרגאַניזאַציע צו ראַטעווען ייִדישע קינדער, און ווען דאָס איז איר ניט געלונגען, האָט זי אַליין געהאָלפֿן אַרויסראַטעווען מײַן פֿרוי מיט מײַנע 2 קינדער און נאָך אַ מיידעלע.

Several days before the liberation, Lithuania partisans caught three Jewish women — Palavin, Cohen and a third, whose family name I forgot.  Passing by Dr. Jasaitis’ house, they begged their captors to free them in exchange for money. They had no money. Mrs. Palavin ran to Mrs. Jasaitienė, who immediately gave her the required amount.

אייניקע טעג פֿאַר דער באַפֿרײַונג האָבן ליטווישע פּאַרטיזאַנער געכאַפּט 3 ייִדישע פֿרויען — פּאַלאַווין, כּהן אין אַ דריטע, וועמענס פֿאַמיליע איך האָב פֿאַרגעסן. פֿאַרבײַגייענדיק דר. יאָסײַטיסעס הויז האָבן זיי זיך אָפּגעבעטן בײַ זייערע כאַפּערס, אַז זיי זאָלן זיי באַפֿרײַען פֿאַר געלט. דאָס געלט האָט זיי געפֿעלט. איז פֿרוי פּאַלאַווין אַרײַנגעלאָפֿן צו דער פֿרוי יאָסיענע, און די האָט איר גלײַך געגעבן די נויטיקע סומע.

It was known to me that the Alsiad priest Prelat Dambrauskas and his friends hid some 40 Jews from Telšiai in a cave. Fourteen Jews from Auzvent were hidden by a couple of peasants in a nearby village. They survived until the last period.

עס איז מיר באַקאַנט, אַז דער אַלסיאַדער גלח פּרעלאַט דאַמבראַוסקאַס מיט זײַנע פֿרײַנט האָבן אויסבאַהאַלטן בײַ 40 ייִדן פֿון טעלז אין אַ הייל. 14 ייִדן פֿון אוזשווענט זײַנען אויסבאַהאַלטן געוואָרן פֿון אַ פּאָר פּויערים אין אַ דערבײַיִק דאָרף. זיי האָבן געלעבט ביז דער לעצטער צײַט.

The sister of General Plechovcius, herself a

די שוועסטער פֿון גענעראַל פּלעכאַוויטשיוס, אַליין אַ

teacher, did a lot for the last Jewish women in the Telšiai region. Later she provided a good deal of help in rescuing them.

The most popular was the old woman Marcela. She was once a servant in a Jewish house in Telšiai. And she did not leave her mistress through the entire period of the camps and the ghetto. Not satisfied with only helping her mistress, she became a helper and savior for many others. She would with great dedication arrange food for the Telšiai ghetto. Her home became a meeting place for all those who went into the town. Later she hid more of the escapees from the Telšiai ghetto and helped them to hide in the surrounding villages. Several times she was arrested and had to withstand various persecutions from the Lithuanian government.

It would happen that a Jewish woman, stealing away from her workplace, would sneak into a strange Lithuanian house and beg for a little milk, an egg or a bit of butter for her sick child — and would not go away empty handed. It was not rare for escaping Jews, wandering about in a village at night, to receive from the better Lithuanian peasants something to strengthen the heart. In a few cases they would be allowed into a house for a couple of hours to warm themselves up.

Besides those persons mentioned, there were only a few Lithuanians who would help the Jews. They all, plus a small number unknown to me, were without question righteous among the nations. Their merit is still greater for the reason that they were so few, amid a hostile environment, and therefore the danger to them was greater.  They however were so few and so rare that their good deeds cannot atone for the sins of the Lithuanians.

לערערין, האָט זייער פֿיל געטאָן פֿאַר די לעצטע ייִדישע פֿרויען אין טעלזער געגנט. שפּעטער האָט זי פֿיל מיטגעהאָלפֿן זיי צו ראַטעווען.

די סאַמע פּאָפּולערסטע איז געווען די אַלטע מאַרצעלאַ. זי איז געווען אַמאָל אַ דינסט אין אַ ייִדיש הויז אין טעלז. און זי האָט איר בעל הביתטע ניט פֿאַרלאָזט די גאַנצע צײַט פֿון די לאַגערן און פֿון געטאָ. זי האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט איר בעל הביתטע און איז געוואָרן אַ העלפֿערין און רעטערין פֿאַר פֿיל אַנדערע. זי פֿלעגט מיט מסירת נפֿש פֿאַרשאַפֿן שפּײַז פֿאַר טעלזער געטאָ. איר הויז איז געוואָרן אַ טרעפּפּונקט פֿאַר אַלע די, וואָס פֿלעגן גיין אין שטאָט. שפּעטער האָט זי בײַ זיך באַהאַלטן מערערע אַנטלאָפֿענע פֿון טעלזער געטאָ און האָט זיי געהאָלפֿן אויסבאַהאַלטן בײַ זיך און אין די אַרומיקע דערפֿער. זי איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן און איז אויסגעשטאַנען כּלערליי נגישות פֿון דער ליטווישער מאַכט.

ס'פֿלעגט פּאַסירן, אַז אַ ייִדישע פֿרוי זאָל, אַרויסגנבענענדיק זיך פֿון איר אַרבעט־פּלאַץ, זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ ווילד־פֿרעמדער ליטווישער שטוב און בעטן אַ ביסל מילך, אַן איי אָדער אַ שטיקל פּוטער פֿאַר איר קראַנק קינד — און ניט אַרויסגיין מיט ליידיקע הענט. אַנטלאָפֿענע ייִדן, וועלכע פֿלעגן אַרומבלאָנקען אין די נעכט איבער דערפֿער, פֿלעגן ניט זעלטן קריגן פֿון דעם בעסערן ליטווישן פּויער עפּעס וואָס צו שטאַרקן דאָס האַרץ. אין זעלטענע פֿאַלן פֿלעגט מען אַרײַנלאָזן אין שטוב אויף אַ פּאָר שעה צו דערוואַרעמען זיך.

אויסער די אָנגערופֿענע פּערזאָנען זײַנען געווען נאָר געציילטע ליטווינער, וועלכע פֿלעגן העלפֿן די ייִדן. די אַלע מיט נאָך אַ קליינער צאָל מיר אומבאַקאַנטע זײַנען געווען בלי שום ספֿק די חסידי אומות העולם. זייער זכות איז נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען געווען איינצלנע צווישן אַ פֿײַנטלעכער סבֿיבֿה, און דעריבער איז די געפֿאַר פֿאַר זיי געווען גרעסער. זיי זײַנען אָבער געווען אַזוי ווייניק און אַזוי זעלטן, אַז זייערע מעשׂים טובֿים קענען ניט מכפּר זײַן די זינד פֿון די ליטווינער.

■